הולדור'ע

מאדערנע מענטשן

רחל לוריא

מאָדנע מענשען

ציוכנונגען פון
א. אבראַמאָוויץ.

1918 — ניו יאָרק — תרע"ט

Copyright 1918
by
R. LURIA

LIBRARY
JUL 16 1998
UNIVERSITY OF TORONTO

3

מאדנע מענשען

אַ דאָלאַר.

אין אַ נאָכמיטאָג, אין הערבסט, בין איך אריין אין אַ קאפע טרינקען אַ קאווע. אַ פולע מענשען האָבען זיך דאָרטען דורכגע־קעהרט, מען איז אריין און ארויס.

ביים ארייננאַנג איז אַ מיטעליעהריגער מאַן שטעהן געבליבען, ווי ער וואָלט זיך באַדאַכט צו ער זאָל אריין אָדער נישט, אין אַ פלאַץ וואו ס׳זיינען דאָ אַזוי פיעל מענשען... ער האָט געטראָגען אַ געשפריצטען אנצוג פון גרוי און שווארץ, ווי פעפער און זאַלץ אויסגעמישט. דאָס פּנים איז איהם געווען גרוי און אויסגע־טריקענט און די שלייפען און באַקען האָבען זיך געצויגען ווי ביי אַ סקעלעט.

ער האָט זיך אנידערגעזעצט מיר קעגענאיבער און, אַז ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס היטעל, האָב איך געזעהן, אַז דער קאָפּ איז איהם אויך געווען ווי דער אנצוג: פעפער און זאַלץ אויסגעמישט... ער האָט אין מיין ווינקעל אַ קוק נישט געטאָן, געוואַרט אויף אַ קעלנער און געקוקט שטאַר און טעמפּ אין דער וועלט אריין, ווי ס׳קוקט איינער וואָס האָט קיין פונדאמענט און קיין ציעל נישט אין לעבען.

אַן אונהיימליכקייט האָט מיך דורכגענומען פון דעם מענשען פון פעפער און זאַלץ אין דעם הערבסטיגען נאָכמיטאָג. איך האָב אַ רוף געטאָן דעם קעלנער צו באַצאָהלען און געוואָלט געהן.

אַז ער איז צוגעקומען האָב איך איהם דערלאַנגט אַ פינף דאָלאַרדינגען, ער האָט ארויסגענומען אַ פּאַק מיט געלט, מיט אַ קעלנערישער ברייטקייט און קנאַקען פון די פינגער מיר אויסגע־

צעהלט פיער איינציגע דאָלאַר און אַ שאָט געטאָן דאָס קליינ־געלט.

ביים צונויפנעהמען דאָס געלט האָב איך דערפיהלט, ווי דער קענענאיבערדיגער קוקט אויף מיר... עפּעס האָט מיך באַוועגט אויפצוהויבען דעם קאָפּ, ווי אַ געהיימער פינגער וואָלט מיר גע־טייטעלט און געזאָגט: „קוק איהם אָן” !...

און איך האָב דערזעהן, ווי ער קוקט אויף מיר און אויף דאָס געלט מיט אויגען, וואָס זיינען איהם שיעור פון קאָפּ אַרויס־געשפּרונגען; זיינע הענט האָבען געציטערט, און איך האָב גע־קראָגען אַ געפיהל, אַז אָט־אָט וואַרפט ער זיך אויף מיר, מיט איין האַנט ווערגען און מיט דער אַנדערער כאַפּען דאָס געלט... דאָס מויל איז איהם געהאַנגען אָפען און איך האָב געהערט ווי ער שטאַמעלט עפּעס מיט אַ קול, ווי איינער, וועמען מ׳האָט לעבעדיג באַגראָבען, בעט זיך מ׳זאָל איהם פון׳ם קבר אַרויסנעהמען:

— מיס... אָדער מיסעס... פאַרדאָן! ענטשולדיג...

איך האָב פאַרלאָזען די קאַפּע. אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט, האָב איך דערפיהלט אַז ער געהט מיר נאָך... איך האָב זיך אויס־געקעהרט צו איהם און איהם אָנגעקוקט.

האָט קיין פּאַראיבעל נישט... איך וויל אייך עפּעס פרעגען.

— נו, גוט, פרעגט — האָב איך איהם קורץ געענטפערט.

— האָט איהר באַמערקט ווי איך האָב געקוקט אויפ׳ן געלט?

— יאָ — האָב איך געזאָגט מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט — אָבער מיר איז דאָס גאָר נישט אויפפאַלענד געוועזן. אַלע מענשען האָבען אַ טבע צו קוקען אויף געלט.

— ניין. אויף איין דאָלאַר האָב איך בלויז געקוקט!... און איך וויל אַז איהר זאָלט מיר זאָגען, צו יענער דאָלאַר מיט די דריי קליינצינקע, קוים באַמערקליכע שפּיצעלאַך אויסגעשווירען, טראָגט נישט דעם נומער 9539875, פון דער סעריע „קאַ” און דעם יאָהר 1899, אַ קליינער „סי” אין ווינקעל מיט די גאַנץ קליינע ציפערען 456 דערביי? און אויב יאָ? זאָלט איהר מיר דעם דאָלאַר אויס־ביטען אויף אַן אַנדערען.

— יאָ — האָב איך איהם אָנגעקוקט ערשטוינט — אַלץ שטימט: די ציפער, דאָס יאָהר, אַלץ! נאָט אייך דעם דאָלאַר.
ער האָט פארשטאַנען מיין בליק און מיר מיט א קעגען־בליק, גלייך און אויסגעהאַלטען, געענטפערט:
— אָה, ניין, איהר האָט א טעות, איך בין ווייט פון משוגע... אויב איהר ווילט אויסהערען א מאָדנע, טרויעריגע געשיכטע, וועל איך אייך וואָס דערצעהלען. אז איהר זייט שוין יאָ די יעניגע, ביי וועמען איך האָב דעם דאָלאַר דערזעהן, וועל איך אייך טאַקי דערצעהלען און איהר וועט שוין איינזעהן וואָס דער דאָזיגער דאָלאַר מיינט פאר מיר...
מיר זיינען אריין אין א דערבייאיגען קליינעם פארק. ס'האָט שוין אָנגעהויבען צו פינסטערען, אין א גרויען נעבעל האָבען די פאַנארען מאַט געצאַנקט; געלע בלעטער האָבען זיך געטראָגען פונ'ם ווינט, ווי אין א פארדרוס וואָס זיי קענען נישט בלייבען ליגען וואו זיי זיינען געפאַלען...
מיר האָבען זיך געזעצט. א פּאָר מינוטען האָט ער געשוויגען און נאָכדעם פּלוצים א זאָג געטאָן אין א געבראָכענעם קול:
— איהר ווייסט, איך האָב דאָך דער'הרג'עט א מענשען. איך האָב מיין אייגען ווייב דער'הרג'עט!... — און, דערזעהענדיג מיין שרעק, האָט ער גלייך צוגעגעבען:
— אָבער, שרעקט אייך נישט, איך בין נישט קיין פשוט'ער און קיין געוועהנליכער מערדער. איך בין... איך בין א דזשענטעלמאַן־מערדער.
— און וואָס ווילט איהר? איך פלאַגט דאָס געוויסען? — האָב איך איהם געפרעגט, אין גאַנצען פארגעסענדיג אז דאָס האָט עפּעס א שייכות מיט יענעם דאָלאַר...
ער האָט בלויז געזאָגט:
— איך לייד!...
— גיט אייך איבער צו דער גערעכטיגקייט. אז די גערעכטיגקייט וועט אייך משפּט'ן, וועט אייך אייער הארץ נישט אזוי פּלאָגען און קוועלען...

— איהר רעדט ווי א פּיליסטער! — איז ער אריין אין א נערוועזען כעס — קיין גערעכטיגקייט וועט מיך קיין מאָל נישט משפּט'ן. ביי דער גערעכטיגקייט וועל איך, אפשר, גאָר זיין א העלד... די מענשליכע גערעכטיגקייט איז א מאָדנע חיה, וואָס שטעהט נידריגער פונ'ם מענשען גופא!... און אז יאָ? אז איך זאָל שוין גע'משפּט ווערען, קען דען עפּעס דורך דעם פאַרריכט ווערען? פאַרענדערט ווערען? דאַרף איך דען א ריכטער אָדער הענקער? אָה, איך קען מיין אייגענער תליון זיין!... אָבער מענ־שען, וואָס האָבען איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך, האָבען מעהר פאַר'ן לעבען קיין מורא נישט און זוכען נישט קיין אויסלייזונג אין דעם טויט...

נאָר לאָמיך אייך בעסער דערצעהלען, וואָס עס האָט גע־טראָפען. איך קום נישט מיט מיין געשיכטע פאַר דער וועלט זיך צו פאַרענטפערען. אָנקלאָגען קום איך די וועלט! און הערט:

מיט איין און צוואַנציג יאָהר צוריק האָט דאָס פּאַסירט. איך בין דעמאָלט אַלט געוועזען פיער און צוואַנציג יאָהר. אויף א חתונה ביי מיינעם א חבר האָב איך זיך באַקאָנט מיט א שעהן מיידעל, א שלאַנקע, מיט קלאָהרע בלויע אויגען, ברוינע זיידענע האָר; איהר האַלטונג, גאַנג און מאַניער זיינען געוועזען קאַלט און שטאָלץ, ווי די מאַניערען פון א ליטוויש מיידעל פון א בעל־הבית'יש הויז.

דער צוגאַנג צו איהר איז אָבער נישט געוועזען אזא שווערער, ווי מיר האָט זיך פון אָנהויב אויסגעוויזען. איך בין אַליין אויך געוועזען א שעהנער יונג; הויך געוואַקסען, לעבעדיג, און מיר זיינען גיך געוואָרען גוט־פריינד.

די חתונה ביי מיין פריינד איז צוגעגאַנגען לוסטיג און פרעה־לאַך און אין מיר האָט אויך אויפגעוואַכט א געפיהל חתונה צו האָבען: לאָזען זיך גוטע פריינד פרעהען און טאַנצען אויף מיין חתונה אויך. אין הארצען ביי מיר, איז שוין יעמאָלט דאָס מיידעל געוועזען מיין כלה.

קורץ און גוט, אין קנאַפּע דריי חדשים אַרום האָבען מיר חתונה געהאַט.

— נאָר מאָמער אינטערעסירט דאָס אייך נישט?...

— דערצעהלט, דערצעהלט! — האָב איך איהם איבערגע־שלאָגען, אנגעצויגען, נייגעריג, וואָס דאָס אַלץ האָט פאַר א צו־זאַמענהאַנג מיט מיין דאָלאַר...

— אַלרייט:

— אַזוי ווי קיין לאַנגע חתן־כלה'שאַפט האָבען מיר נישט געפיהרט, איז ביי אונז געוואָרען א זיס־לעבען נאָך דער חתונה. מיט יעדען טאָג האָבען מיר זיך ליעבער געקראָגען. פון אָט יענער קאַלטער, שטאָלצער מיידעל, וואָס האָט מיר פאַר דער חתונה פאַר־ווערט אַן איבריגען קוש, איז געוואָרען א פרוי פול מיט ליעבע און צאַרטע איבערגעבונג. אָך, מיר זיינען געווען גליקליך.

און אַזוי אין א לעבען פון ליעבשאַפט, צוטרויען און זאָרג־לאָזינקייט זיינען אוועק אַרום דריי יאָהר. קיין קינדער האָבען מיר נאָך נישט געהאַט, נאָר אונז האָט נישט געקימערט. מיר זיינען נאָך געווען גענוג יונג צו וואַרטען און האָפען...

פאַרבייגעהענדיג וויל איך אייך באַמערקען, אַז מיר זיינען געווען גאַנץ גוט אָפּ, הגם אין אונזער לעבען האָט געלט קיין ראָלע נישט געשפּיעלט. אביסעל געלט האָב איך געהאַט פון מיינע בחור'שע יאָהרען. און געעפענט מיט א שותף א געשעפט פון פרויען קליידער. איך פלעג אפילו זיין פאַרנומען, אָבער טראָץ דעם האָב איך תמיד געזעהן צו האָבען צייט מיט מיין פרוי צו פאַרברענגען.

און נאָך עפּעס, וואָס האָט אויך קיין שום שייכות נישט מיט יענער פּאַסירונג, וויל איך אייך זאָגען: איך און מיין פרוי האָבען געקוקט אויפ'ן לעבען מיט אָפענע אויגען. מיר האָבען קיין מאָל קיין ענגהאַרציגע מיינונגען נישט געהאַט. און איך האָב קיין מאָל קיין מענשען נישט פאַרדאַמט פאַר פרייערע אויפפיהרונגען. אַז איך האָב געלייענט אין א בלאַט עפּעס וועגען א פאַמיליען־טראַגעדיע האָב איך מיין פרוי צוגעדריקט צו זיך מיט שרעק און

מוקא, אזוי ווי א מוטער דריקט צו איהר קינד, בעת אן אנדער קינד ווערט עפעס דורך א סיבה געטוידט.

און אין א שעהנעם, הייסען זומערטאָג, פונקט דריי יאָהר נאָך אונזער חתונה, איז מיר איינגעפאַלען געהן אהיים, נעהמען מיין פרוי און פאָהרען מיט איהר ביים ים זיך באָדען.

איך בין ארויף די טרעפ און אויפגעשלאָסען דאָס הויז. אַלץ איז געווען שטיל און איך האָב געמיינט, אז מיין פרוי איז ענט־ ווערער נישטאָ, אָדער זיך צוגעלעגט אביסעל דרעמלען. אויף די שפיץ פינגער בין איך צו צום שלאָף־צימער. אין אונזער שלאָף־ צימער איז געווען א יונגערמאַן און דאָס בעט איז געווען צוואָר־ פען...

איך וועל דאָס מאַכען קורץ און אזוי ווייניג טראגיש ווי איך קען נאָר. ווי גערן וואָלט איך דאָס גאָר איבערגעהיפּט...

מיין פרוי און דער יונגערמאַן זיינען געוואָרען דערשראָקען אויף טוידט און צומישט. ווער ער איז געווען, ווייס איך נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג נישט. נאָר איך האָב געזעהן ווי ער האָט אָנגעכאַפּט א שטוהל מיטביידע הענט און אזוי געשטאַנען גרייט זיך צו פאַרטיידיגען. מיין פרוי האָט געגעבען א שרעקליכען קווייטש, געוואָרען ווייס ווי קרייד און געווען זעהר שעהן אין איהר אומגליק. אייך וואונדערט, וואָס איך האָב דאָס אַלץ באַ־ מערקט? מיט צוואַנציג פאָר אויגען האָב איך פאַר זיך געזעהן! אַלע מיינע חושים זיינען געווען וואך און שאַרף אין מיר.

נאָר דאָס מערקווירדיגסטע, דאָס וואונדערליכסטע אין דער וועלט איז געווען, וואָס אין מיר האָט נישט אויפגעקאָכט די רציחה, זיי צו וועלען דער׳הרג׳ענען. איך וואָלט זיי זיכער דעמאָלט גע־ קאָנט ביידען אויף אש צומאָלען, נאָר איך בין מיט דער מינוט, וואָס איך האָב דאָס דערזעהן, געוואָרען דער קאַלטער גזלן...

און איך געדענק, ווי איך האָב קאַלטבלוטיג און ניפטיג אזאָג געטאָן:

— יונגערמאַן, באַצאָהלט מיר א דאָלאַר און געהט אייך! מיר איז נאָך דעמאָלט אַליין נישט קלאָהר געווען אין מוח

וואָס איך האָב דערמיט געציעלט. נאָר ווי איך האָב דערהערט מיין ווייב'ס פארצווייפעלטען געשריי, האָט מיר פּלוצים א ליכט געטאָן דער געדאנק, וואָס איך וויל און ציעל...

דער יונגערמאן איז געבליבען שטעהן געלעהמט, האָט נאָך שטייף געהאלטען דעם שטוהל איןביידע הענט און מיך אָנגעקוקט מיט א משוגענער מורא.

— יאָ, יאָ — האָב איך ווידער געזאָגט — באצאָהלט מיר א דאָלאר און געהט!

ער האָט מיט איין האנט גענומען זוכען אין די הויזען־קעשענעס, מיט דער אנדערער נים אָפּלאָזענדיג דעם שטוהל און מיט צו־שראָקענע אויגען געהיט מיין יעטווידער באוועגונג. ער האָט ארויסגענומען א דאָלאר און מיר דערלאנגט.

איך האָב צוגענומען דעם דאָלאר, געוואָרפען א גיפטיגען, שמייכעלדיגען בליק אויף מיין פרוי, וואָס איז געשטאנען ווי אויף א תליה, און בין ארויס פון צימער זיך צו לאָזען איהם אנטאָן.

ביי דער טיר האָב איך אויף איהם געוואַרט.

ער האָט זיך נישט געטרויט צו־צוגעהן צו דער טיר און גע־קוקט אויף די פענסטער... איך בין איהם אנטקעגען געקומען, איהם א נעהם געטאָן ביים אָרעם און דערפיהלט ווי זיינע ביינער קנאַ־קען אין מיינע הענט. ער האָט אזש אויסגעשריען פון יסורים. „איך זעהט ווי שטארק איך בין", האָב איך איהם געוואָרענט, „איהר זעהט וויפיעל כח איך האָב! איך וואָלט אייך מיט מיין איין האנט קאָנען דער'הרג'ענען, און דאָס וועל איך טאָן, אויב איהר וועט ווען מיין ווייב'ס נאָמען דערמאָנען. ווילט איהר לעבען, דאן געהט, און אייער געביין זאָל זיך מעהר איבער מיין שוועל נישט ווייזען!"

מיין פּנים האָט געמוזט זיין שרעקליך אָנצוקוקען, וואָרים ער האָט מורא געהאט א וואָרט צו זאָגען. געהענדיג האָט ער גע־נומען עפּעס שטאמלען וועגען זיין שולד. איך האָב איהם מיט מיין פויסט נעהייסען שווייגען און געוויזען די טיר. מעהר האָב איך

איהם אין מיין לעבען נישט געזעהן. אין עטליכע מינוטען ארום, האָב איך אויך פאַרלאָזען דאָס הויז.

איך האָב זיך ארונטערגעיאָגט די טרעפּ ווי פון א געוואַלדיגע געפאַהר, און אָנגעהויבען צו שפּרייזען איבער די גאַסען. איך בין געלאָפען גאַס איין גאַס אויס, ווי א פאַרפאָלגטע חיה. מיין מוח האָט זיך מיר געשפּאָלטען ווי בליצען אויף א שטורעמדיגען הימעל, און אין די אויערען האָט מיר געזשומט ווי פון א ריעזיגער קופּע פליגען. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר געוואָרפען און איך בין אַלץ ווייטער און ווייטער געלאָפען פון איין גאַס צו דער אַנ־דערער. איך האָב קוים באַגריפען, וואָס דאָ איז געשעהן מיט מיר און פאַרוואָס איך לויף.

איך האָב אזוי געמוזט אָפּלויפען א פּאָר שעה. פּלוצים האָב איך דערפיהלט, אז מיינע קניה ברעכען זיך מיר אונטער. איך האָב מיך דערשלעפּט ביז אַן אָפענעם סקווער מיט בענק און ביי־מער, און זיך געזעצט. געזעצט?... עס רעדט זיך אזוי. איך בין געפאַלען האַלב טוידט!...

מיט אָפּגערוהטע גליעדער, האָט מיין מוח אויך אָנגעהויבען באַגרייפען וואָס דאָ איז געשעהן... און איך האָב גענומען זיך באַ־טראַכטען, וואָס ווייטער וועט זיין... וואָס וועט איצטער זיין?...

— ניין, איהר ווייסט נישט — האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, מורא'האָבענדיג, אז איך זאָל איהם מיט עפּעס א וואָרט נישט אונטערברעכען. — ניין, איהר ווייסט נישט ווי פּלוצלינג דאָס איז מיר געקומען, אזוי אָהן א וועלכען־עס־איז חשד.

וואָלט איך כאָטש אמאָל באַמערקט אין מיין פרוי אַן אונצו־פריעדענקייט, א וואונש, א בענקען נאָך עפּעס, וואָלט איך אפשר דעמאָלט, אָדער היינט אין יאָהרען ארום, זיך געקאָנט ערקלעהרען די סיבה דערפון. תמיד האָב איך מיין פרוי געטראָפען אין דער היים א צופריעדענע, א לוסטיגע, מונטער, און ענטוועדער מיט אַן ארבייט פאַרנומען, אָדער א ביכעל לייענענדיג.

און איך האָב באַשלאָסען ווי א קאַלטער גזלן, ביי איהם גאָר נישט צו פרעגען. איך האָב זיך איינגע'עקשן'ט, אז פאַר מיר

זאָל דאָס בלייבען אַ סוד, אַ רעטעניש... הגם איך האָב געגלויבט, אַז מיין פרוי וואָלט מיר דעם אמת געזאָגט, אויב איך וואָלט זי געפרעגט. און דער אמת איז דאָך דאָס בעסטע אין אַזאַ פאַל... מיינט איהר נישט אַזוי? איך האָב אָבער דעריבער מיט איהר נישט געקאָנט און נישט געוואָלט ריידען... מיר האָבען איבער־הויפּט מעהר נישט גערעדט.

— ביי היינטיגען טאָג — האָט ער ווידער אָנגעהויבען, נאָך אַ רגע שווייגען און טראַכטען — ביי היינטיגען טאָג איז מיר שווער, כמעט אוממעגליך צו דערצעהלען בלויז די פּאַסירונג. פאַר־געסט נישט, אַז היינט, נאָך אַכטצעהן יאָהר, שטעהט פאַר אייך אַ דורכגעפּייניגטער און דורכגעליטערטער מענש. אַ מענש, וואָס איז דורך די שבעה מדורי גיהנום אָהן אַ קרעכץ... היינט זעה איך דאָך די וועלט מיט אויסגעלייטערטע אויגען...

ער האָט מיט געוואַלד זיך אָפּגעריסען פון די פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס האָבען אין זיין מוח געקוואָלען, און צוריק אַריינ־געפאַלען אינ'ם פריהערדיגען טאָן פון דערצעהלען.

— בקיצור, ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט, איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער די ניו יאָרקער גאַסען. זיעבען אַזייגער, די שעה פון אונזער עסען, בין איך אַ דאַנק דער גע־וועהנהייט, געקומען אַהיים. די טרעפּ אַרויפשטייגענדיג איז מיך פּלוצים באַפאַלען אַ שרעק: אפשר ליגט זי אַ טויטע אויפ'ן בעט... און נאָך אַ רגע פון שרעק, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ס'וואָלט זיין גלייכער אַזוי... טויט אויף דעם איינענעם בעט...

איך האָב זי געטראָפען אין הויז, איהר מוטער און דאָס אינגסטער שוועסטערל, אַ מיידעל פון אַ יאָהר פיערצעהן. אפּנים פון זייערטוועגען האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ כח און געמאַכט אָן עסען. נאַטירליך, נישט די יונגענד און נישט דאָס עלטער דאַרפען וויסען פון אַזוינע זאַכען, און איך האָב געביסען די ליפּען און גע־שוויגען.

מיר האָבען אַלע צוזאַמען געגעסען. מיין פרוי האָט שוין מעהר נישט אויסגעזעהן ווי אַ מענש פון בלוט און פלייש, נאָר

ווי א קריידיסטאטוע אנגעצויגען אויף ספרוזשינעס. מיין הארץ איז אבער געווען טויט, און אפילו א פונק רחמנות האט דארט נישט געקאנט לעבען...

דעה מאמען צוליעב, מסתמא, האט זי צו מיר געדערט און נאך געפרואווט שמייכלען. איך האב בלויז ארויסגענומען דעם דאלאר און זיך שפיעלענדיג מיט איהם, ארומגעדרעהט אין מיינע פינגער... דאס איז געווען גענוג, און זי האט געשוויגען... די מו־טער האט געמוזט רעכענען, אז מיר זיינען אביסעל צוקריעגט, איז זי אוועק, מיטנעהמענדיג מיט זיך די מוזינקע.

איך בין אויך גלייך אוועק פון הויז. און כמעט דאס ערשטע מאל אהן מיין פרוי.

שפעט ביינאכט בין איך דעמאלט צוריקגעקומען. מיין פרוי איז נאך נישט געשלאפען. זי האט נישט געוואוסט וואס זי זאל טאן, און קוים זיך געקאנט האלטען אויף די פיס.

— וואו זאל איך דיר אויסבעטען? — האט זי מיר גע־פרעגט מיט אן ארופגעלאזטען קאפ און געבראכענעם קול.

— זאל דיך נאר נישט ארען פאר מיר, דו געה ליינ דיך — האב איך איהר שנעל און פיינדליך געענטפערט, און געבליבען אין שלאף־צימער.

איך האב פלוצים באמערקט אז מיין פרוי שעמט זיך אויסצו־טאן פאר מיר... איך בין אריין אין א צווייטען צימער און צו־זאמענגעבראכען פון פיין. דא האב איך דערפיהלט, ווי איהרע הענט קלאמערען זיך אן מיינע קניה, איך האב מיך אזוי געוואלדיג דערשראקען! זי האט אויסגעבראכען אין א געוויין; א שטילער, טרויעריגער געוויין...

דאס ערשטע מאל האב איך געהערט מיין פרוי וויינען. אויף איין רגע האב איך מיך פארלארען. מיינע הענט האבען זיך גע־צויגען צו איהר, זי ארומצונעהמען און צודריקען צו מיין אנגע־ווערהטאגט הארץ און מיט איהר וויינען. מיין הארץ איז שוין אבער געווען פאר'סם'ט. סם האט אין מיינע אדערען געראנען. איך האב אויסגעשריען:

— וואָס ווילסטו? ! און וואָס ווייסטו איצטער?

זי האָט אויפגעהויבן איהרע אָנגעווײנטע אויגען, אויגען בלוי און טיעף! אנטבלויזט איהר האַלז און אַרויסגעקרעכצט:

— דערווערג מיך, אָדער הער מיך אויס און פאַרגיב מיר!

— קיינס וועל איך נישט טאָן! דו מוזט איצט לעבען!... — האָב איך געשריען — לעבען, לעבען מוזטו!...

מעהר האָבען מיר וועגען דעם נישט גערעדט. מיר האָבען מעהר אין גאַנצען נישט גערעדט.

איך בין יעדען אבענד געקומען אהיים. מיר האָבען געגעסען ביי איין טיש און געטיילט זיך מיט איין בעט. צוויי שטומע מענשען... אפילו אויפ'ן וואונק האָבען מיר נישט גערעדט.

טיילמאָל, פלעגט זי זיך אין איהר שלאָף פאַרגעסען און זיך טוליען צו מיר. און איך פלעג פונ'ם שלאָף אַרויספלאַצען: „א דאָלאַר, דער דאָלאַר!"

ווי א קראַנק קינד צו א פאָטער, האָט זי בייטאָג און ביי־נאַכט איהרע שוואַכע הענט צו מיר געהויבען, אַזוי ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, שטרעקט אַרויס א האַנט פונ'ם וואַסער צו רופען נאָך הילף, אַזוי האָט זי זיך ביי מיר שטום געבעטען, און צולעצט איז זי מיר צו די פיס געפאַלען און אויפ'ן האַלז זיך געוואָרפען. איהר הערץ, יענע שטאָלצע ליטווישע מיידעל, מיט טריט פון א בת־מלכה, איז צו מיינע פיס געלעגען!...

ווי שעהן זי איז געווען! א פרוי מיט א זינד אין האַרצען, האָט גאָר א באַזונדערען חן; דעם אמת'ן חן פון שעהמען זיך. דעם חן פון אן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ...

און זי האָט איהר גאַנצען חן אויף מיר אָנגערייצט מיט א מין ווייבערישער לוסטיגקייט, כדי מיך צוריקצוגעווינען... אָבער איך האָב איהר ביי יעדער געלעגענהייט דעם דאָלאַר געשמיסען פאַר די אויגען און אַזוי האָב איך מיך קעגען איהר געווערט...

שפּעטער האָט זי אַלץ אויפגעגעבען. קיין פונק האָפנונג האָט מעהר איהר פנים נישט באַלויכטען. זי איז אַרומגעגאַנגען שטיל און פאַרשעהמט.

— און איצט קומט דאָס שרעקליכסטע. זאָל איך ווייטער דערצעהלען? דאָס שרעקליכסטע און שוידערליכסטע אין דער וועלט!

— יאָ, יאָ, דערצעהלט — האָב איך איהם געבעטען.

איך האָב אָנגעהויבען זיך ארומצוזעהן, אז מיין פרוי וויל זיך פארהונגערען... איך האָב פארשטאנען, אז זי וויל זיך צום טויט פארהונגערען... איך האָב דאָס געזעהן און דערלאָזען! ביים איינענעם טיש האָב איך געגעסען, און זי — געהונגערט...

— נו, און אצינד פארשטעהט איהר שוין, ווי אזוי איך האָב מיין אייגען ווייב דער׳הרג׳עט? ! באגרייפט איהר כאָטש? פאר־שטעהט איהר כאָטש דעם געוואלדיגען חילוק, פון דער׳הרג׳ענען א מענשען אין אן אָנפאַל פון אונפאראנטוואָרטליכער רציחה, ביז צוזעהן ווי א מענש שטארבט פאר אייערע אויגען מיט יעדער רגע, און איהר ריהרט זיך נישט פונ׳ם אָרט מיט א פינגער איהם צו העלפען! ניין, דער׳הרג׳ענען א מענשען מיט׳ן קולאק איז עפּעס דערהויבענס אין פארגלייך צו דעם... היינט, דוכט זיך מיר אויס, אז נישט צו העלפען א מענשען, וואָס טרינקט זיך, פונ׳ם וואסער ארויס, איז א סך שרעקליכער ווי אליין א מענשען אין וואסער אריינצואווארפען... איהר באגרייפט קוים אזא פאר־פלאָנטערטע מאָראל, איאָ? נאָר מיר איז דאָס קלאָהר ווי דער טאָג...

איך בין געזעסען נעבען דעם גרויען מענשען, ווי פון פעפער און זאלץ באשאפען, אין דעם אומעטיגען פארק. א גרויע דעמער־רונג האָט זיך אויף אלץ געלעגט... נישט ווי א טאָג וואָלט פאר־געהן, נאָר ווי א וועלט וואָלט פארגאנגען... און ער האָט ווייטער גערעדט:

אין דריי חדשים צייט האָט זי איהר שעהנקייט אָנגעוואָרען; צו זעקס האָט זי זיך שוין מעהר נישט געקאָנט האלטען אויף די פיס. געהוסט און געשפיגען מיט בלוט... דאָקטוירים האָבען איהר געראטען פאָהרען אין בעסערע קלימאטען. אָבער זי האָט נישט

געוואָלט. א גוט וואָרט פון מיר האָט זי געוואָלט... זי האָט דאָס נישט געקראָגען... געלט יאָ, אָבער נישט קיין גוטע ווערטער...

און אין גאָר א קורצער צייט האָט זי שוין דאָס בעט נישט פארלאָזען.

טעג פלעגט זי אָפּליגען, קוקען אויף די ווענט, דעם באַלקען און שווייגען. בין איך געווען אין צימער, האָט זי געקוקט אויף מיר... מיר פלעגען זעלטען ווען אויסריידען א וואָרט, הגם איך בין יעדען אבענד געווען אין קראַנקען־צימער. געזעסען און ארויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער דרויסען אָהן א האָר אינטערעס, סתם אזוי זיך, ווייל ערגעץ דארף דאָך דאָס אויג פאַלען; ערגעץ וואו, אבי נישט אויפ׳ן בעט... זי האָט געזעהן, אז איך לייד, און זי האָט געליטען פאר ביידען. א סך מאָל האָב איך זי געזעהן וויינען, וויינען שטיל אָהן א קול און אָהן כוח. נאָר איך בין געווען פארביסען, פאר־שטיינערט ווי אונטער א קללה. איך האָב אויף מיין רחמנות און ליעבשאפט קיין שליטה נישט געהאַט...

שרעקליך האָט זי אויסגעזעהן. דאָס פּנים געל און דאַר, און טיילמאָל פלעגען זיך איהר די באַקען אָנצינדען אין א פלאַמען־רויטקייט. די אויגען זיינען איהר אריין טיעף אין קאָפּ מיט שווארצע האַלבע־לבנות ארום און דאָס מויל תמיד פייכט ארום די ווינקלען.

איין מאָל, אפנים, זי האָט געמיינט, אז זי האַלט ביים שטאַר־בען, האָט זי מיך צוגערופען, איך בין געוואָרען צוטומעלט און פון געוועהנהייט האָב איך גענומען זוכען דעם דאָלאַר ביי זיך קענען איהר זיך צו וועהרען... זי האָט דאָס דערזעהן און זיך איבערגעקעהרט צו דער וואַנט.

און אין א פּאָר וואָכען ארום האָט מיר דער דאָקטאָר גע־זאָגט, אז די שעה פון טויט האָט געשלאָגען; איך בין געשטאַנען איהר צופוסענס און זי האָט אויף מיר געקוקט מיט ליעבע און פּיין.

ווייסט איהר פון עפּעס שרעקליכערעס ווי צו־צוזעהן בעת דער גוסס׳ער שרויפּט אן זיינע לעצטע האַלב־טויטע אויגען אויף

דעם לעבעדיגען ? דעם לעצטען בליק פון א גוסס'ער פרוי אויף איהר מאן געווענדט !...

איך האב זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן בעט ביי איהר זייט. איהרע שטארע אויגען האבען אויפגעלייכט בלוי. זי האט געמיינט, אז די צייט פון פארגעבונג איז געקומען... און א נייע לעבען קומט... זי האט אנגעכאפט מיין האנט און מיט פרייד אויסגע־רופען מיין נאמען:

„ראובן! רובעלע! געדענקסט אונזער חתונה ? געדענקסט ווי דער ווייסער שלייער און דאס ווייסע קלייד איז אויף מיר געוועזען ? פון דאס נייע היינט... א נייע לעבען... ווי נאך אונזער חתונה... יא, רובעלע ?...

אונזערע אויגען האבען זיך באגעגענט, איהרע האבען אויפ־געשטראהלט ווי א פאר שערבלאך פון די לעצטע שטראהלען באַ־לויכטען, און מיינע האבען מיר געברענט פון טרערען.

זי איז געווארען באלעבט, רעדעווודיג ; זי האט געשמייכעלט צו מיר. איהרע גלייכע, ווייסע צייהן האבען יונג און געזונט פונ'ם האלב־טויטען מויל ארויסגעלאכט מיט א טריאומף... זי האט מיינע הענט געגלעט און זיך דאס מויל געווישט מיט א ווייס טיכעלע... איך האב זי אבער נישט געקושט...

און פלוצים האבען זיך איהרע אויגען פארצויגען ווי מיט א גרויען שפינ־וועבס. די לעצטע מינוטען זיינען אנגעקומען. זי האט מעהר נישט געקאט ריידען און גענומען מיט'ן האנט עפעס אפשארען פון די אויגען. איהר אנדערע האנט איז געלעגען שטייף אין מיינער. אין א פאר סעקונדען האט זי זיך אנגעשטרענגט מיט'ן לעצטען פונק כוח און אנגעהויבען שעפטשען:

„דעם דאלאר... נעהם אוועק דעם דאלאר... פון די אויגען... דעם דאל..." און אזוי, מיט א לעצטען קוק ווי פון צוויי נאדלען, און מיט דעם ניט דערענדיגטען ווארט „דאלאר" איז זי געשטאר־בען.

איך בין געבליבען זיצען מיט איהר טויטער האנט אין מיינער,

ביז אימיצער האָט מיך צוגענומען, און איהר דאָס פּנים מיט'ן ליילאַך פאַרדעקט.

אַלץ וואָס נאָכדעם האָט פּאַסירט איז דאָך נישט וויכטיג און איך וועל דאָס ענדיגען בקיצור.

נאָך איהר טויט בין איך געבליבען אַ פּאָר וואָכען אין הויז און געגאַנגען יעדען טאָג אין מיין געשעפט. איך בין אָבער ארומגעגאַנגען אויף אַ פרעמדער וועלט. יעדען אַנדערען, וועמען ס'טרעפט אַן אומגליק, פיהלט ער דעם אומגליק זעהר שאַרף, אָבער מיט דער צייט קומט אַ דערלייכטערונג, ביסלאַך־ווייז גע־וועהנט מען זיך פון די טויטע אָפּ, און מ'פאַרגעסט...

אַנדערש איז עס אָבער געוועזען מיט מיר. גלייך נאָך איהר טויט האָב איך געפיהלט דערלייכטערט. אַ גרויסע, שווערע זינד איז מיר אַראָפּ פון די פּלייצעס. און שפּעטער איז מיט יעדען טאָג געוואַקסען אַ פּיין און אַ וועהטאָג אין מיין הארצען.

צום געשעפט האָב איך מעהר נישט געטויגט. מיינע שותפים האָבען מיר ארויסגעצאָהלט מיין חלק און איך האָב פאַרלאָזען ניו יאָרק.

און אַזוי האָב איך ארומגעוואַנדערט שטאָדט איין, שטאָדט אויס, לאַנד איין, לאַנד אויס גאַנצע אַכטצעהן יאָהר.

איך בין געווען אין אייראָפּאַ מיט איהרע שעהנע שטערט, אינטערעסאַנט לעבען און רייצענדע פרויען, און ס'האָט מיך צו־ריקגעטריבען אין דעם פאַרהאַוועטען אַמעריקאַ. איך בין געפאָהרען אינ'ם ווייטען רוישיגען וועסט, זיך ארומגעשלעפּט אינ'ם הייסען, פוילען „סאוטה"; בין געווען אין מעקסיקאָ, אַפריקאַ; אין ער־גיץ אָבער האָב איך אַ טאָג רוה נישט געפונען, אין ערגיץ האָב איך קיין יאָהר זיך נישט געקאָנט אויפהאַלטען.

אומעטום געהט זי מיט... אומעטום מיט דעם פאַרהונגער־טען פּנים. קוים וואָס זי טראָגט זיך אויף די פיס, הויבט צומאָל די אויגען נישט אויף און אַ פאַרשעהמטע געהט זי מיט...

נו, פרעג איך אייך, קאָן אַ מענש פונ'ם זינען ניט ארונטער? נאָר משוגע ווער איך נישט! גאָט שטראָפט מיך אויך נאָר, נאָר

א מאָדנעם אופן: מיין מוח ווערט מיר באַלויכטען, מיינע חושים פאַרפיינערט, מיין האַרץ ברייט, כדי איך זאָל וואָס שטאַרקער, וואָס נאָגענדער דערפיהלען מיין פאַרברעך קעגען מיין אייגען ווייב...

גאָט׳ס גרעסטע שטראָף לייד איך, און איהר שיקט מיך צום געריכט און תליה! מיט פרייד וואָלט איך מיין לעבען אוועקגע־געבען, ווען מיין לעבען וואָלט מיר ליעב געווען!... אזא לעבען איז דאָך קיין קרבן נישט... און וואָס איז דאָס אומברענגען פון א לעבען, ווען דער טויט איז די אויסלייזונג?...

און איך פרעג אייך, זיך אַליין, די גאַנצע וועלט. פאַרוואָס קענען מיר נישט מוחל זיין אונזערע פרויען?... מיר פאַרגיבען דאָך אזוי פיעל אונזערע שוועסטער, קינדער. קלאַפּט דען נישט א פאָטער׳ס האַרץ שטאַרקער פאַר זיין פאַראומגליקט, פאַרזינדיגט קינד? זאָגט זיך דען א ברודער אָפּ פון זיין פאַרזינדיגטער שוועסטער? פאַרוואָס קאָנען פרויען אזוי פיעל מוחל זיין, אזוי שעהן מוחל זיין?... ס׳איז דאָך אזוי שעהן, אזוי וואונדערליך צו קאָנען פאַרגעבען יענעם א זינד! בפרט נאָך, ווען יענער בעט פאַרגעבונג.

איך האָב נישט געקאָנט, ניט געוואָגט צו קאָנען מוחל זיין...

ער האָט זיך פלוצים פאַרטראַכט וועגען זיינע אייגענע גע־דאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

איך בין געווען מיעד פון אויסהערען און געוואָלט אַן ענד מאַכען דערצו. און געפרעגט:

— און ווי אזוי, אייגענטליך, האָט איהר דעם דאָלאַר פאַר־לאָרען?

— גאָר איינפאַך. זייענדיג אין די „סויטהה״ האָט מען ביי מיר צוגע׳גנב׳עט מיין אנצוג מיט׳ן דאָלאַר אין קעשענע. און זינד דעמאָלט האָב איך נאָך נישט אויסגעלאָזען קיין איין איינ־ציגען דאָלאַר, איך זאָל איהם נישט באַטראַכטען, צו ער איז נישט יענער דאָלאַר...

— און איז דען דאָס נישט מערקווירדיג און אויסערגעוועהנ־ליך, אז ביי מיין צוריקקומען קיין ניו יאָרק זאָל איך דעם דאָלאַר

געפינען !... יאָ, מיר קענען ווערען אויפגעקלערט, אויפהערען גלויבען, אָבער פון אָבערגלויבען זיך באפרייען, דאָס קאָנען מיר נישט...

— און פארוואָס ווילט איהר אצינד דעם דאָלאר, נאָך אזוי פיעל יאָהרען פון פייניגונג?

— איך וויים נישט, נאָר איהר מוזט מיר דעם דאָלאר אויסביימען. פאר אייך איז דאָך דאָס קיין אונטערשייד נישט, דער אָדער אן אנדער דאָלאר...

— איך גיב אייך דעם דאָלאר, אָבער מיט איין תנאי, אז איהר זאָלט איהם צורייסען אויף פיצ־פיצלאך — האָב איך איהם געזאָגט באשטימט.

— ניין, דאָס וועל איך נישט קאָנען — האָט ער מיר געענטפערט מיט טרויעריגע אויגען.

איך האָב׳ א נעהם געטאָן דעם דאָלאר, איהם צופיצעלט און קעגען דעם ווינט א זעע געטאָן.

ער האָט אויפגעציטערט, אָבער פרייער אויפגעאטעמט, פונקט ווי מ׳וואָלט איהם באפרייט פון א שרעקליכען נדר.

און דער מענש, האלב גרוי, ווי פון פעפער און זאלץ ארויס, האָט געזוכט, מיט די אויגען געבעטעלט א טרייסט וואָרט.

שעהן געדענקען די טויטע, און מיט ליעבשאפט אָן זיי זיך דערמאָנען איז אונזער איינציגער צינז... דער מענש שטארבט דאָך נאָר פון זיך און פאר זיך. מיט אונז און אין אונז לעבט ער דאָך...

ער האָט מיך אונטערבראָכען מיט א איראָניע.

— נאָך אייער פילאָזאָפיע קומט אויס, אז איך בין פאר מיין פרוי טויט, און זי פאר מיר לעבט...

— יאָ, אזוי איז דאָס; מיר, די לעבעדיגע זיינען טויט פאר די טויטע. די טויטע פאר אונז לעבען כל זמן מיר לעבען... מיט׳ן לעבעדיגען לעבט דאָך אלץ אפילו דער טויט... איהר, פאר אייער פרוי זייט טויט, זי פאר אייך לעבט, לעבט אין אייער געדעכנים...

— אָך. מיין פריינד, פאר יעדען לעבעדיגען מענשען איז אפשר דאָ א טרייסט. יעדער צער האָט זיין טרייסט; אָבער פאר׳ן

מענשען מיט חרטה איז קיין טרייסט און קיין אויסלייזונג נישטאָ.
דאָס לעבען פאַרמאָגט עס נישט...

ער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען, און אין א מאָדנער שפּראך מיר געדאַנקט:

— אָט, איך דאַנק אייך. דאָס אויסהערען א מענשען איז דאָך א פיינע זאך... יעדער מענש איז דאָך פאַרבונדען צום אַנ־דערען מיט א דין פעדעמיל, וואָס הייסט לעבען... האָט א גוטע נאַכט. אפשר באַגעגענען מיר זיך נאָך אמאָל, ווען מיר שמועסען איבער'ן לעבען און טויט. ער איז דאָך יעדען מענשען'ס שונא און מיין פריינד... א גוטע נאַכט...

און דער מענש פון פעפער און זאַלץ איז אוועק מיט א גאַנג ווי אונטער א שווערער משא אויפ'ן רוקען...

די אילוזיע.

פינף יאָהר האָב איך נישט געזעהן מיין פריינד סאשא׳ן. איך האָב איהם איבערגעלאָזען אין פאריז גליקליך, פארליעבט און מיט א שפּאָגעל נייער דיפּלאָמא אויף אדוואָקאטור.

צוויי יאָהר האָב איך קיין בריעף נישט באקומען און פון איהם גאָר נישט געהערט.

און אז איך האָב איהם באגעגענט נאָך די פינף יאָהר אין א ניו יאָרקער קאפע, האָב איך איהם קוים דערקענט. איך האָב מיינע אויגען נישט געוואָלט גלויבען, אז דאָס איז דער שעהנער, געזונטער סאשא, וואָס האָט געקאָנט אָפּשלאָפען צוועלף און פיערצעהן שעה נאָכאנאנד און דרויסען זאָל זיך הימעל און ערד איבערקעהרען, אָדער ער האָט געקאָנט זיין אויף די פיס א צוויי מעת־לעת און די אויגען זאָלען ביי איהם לויכטען פריש ווי בלימ־לאך פון׳ם טוי אויסגעוואשען.

אויפ׳ן ערשטען קוק בין איך איהם חושד געוועזען, אז ער טרינקט, אָדער עפּעס נאָך ערגערס: ער רויכערט אָפּיום...

סאשא׳ס ברוין־בלאָנדער קאָפּ האָר איז געפאלען צושייטעלט משוגע׳נערוויז אין אלע זייטען; די צייהן פארגעלט פון צופיעל רויכערען, דער קראגען מיט אָפּגעריבענע ראנדען און פונ׳ם קרא־וואט האָט די וואטע ארויסגעשטעקט.

גלייך נאָך דעם ערשטען „שלום־עליכם" האָט ער זיך צו מיר געווענדט אין א נערוועזען כריפּינען קול:

— זאָג מיר גאָר, יאקאָב, וואָס איז דער אונטערשייד פון

אמת און ליגען? וואו ליגט דער חילוק? וואו ענדיגט זיך דער אמת, און וואו הויבט זיך אָן דער ליגען, אָדער פאַרקעהרט?

איך האָב אונבאַדענקט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס עס איז — איז אמת, און וואָס עס איז נישט — איז ליגען.

— פאַלש! חדר־פּשט'לאַך! — האָט ער געשריגען.

האָב איך געשוויגען, געשטוינט און מיט שרעק געקוקט אויף סאשא'ן.

איך האָב איהם געפּרובט אַרויסקריגען פון קאָפּע, ס'איז נישט געגאַנגען, און מיר האָבען באַשטעלט שוואַרצען קאַפע.

— ניין, יאַקאָב — האָט ער פּלוצים ווייכער געזאָגט — ניין, גאַר אָפּט, וואָס ס'איז אינערליך פאַר דער נשמה און פאַנטאַזיע אַן אמת, איז אויסערליך, פאַר'ן פּראָסטען שכל, אַ גראָבער ליגען; און וואָס ס'איז אַמאָל אַ ליגען פאַר'ן אויג, געדאַנק און יושר, קען פאַר דעם אינערליכען „איך", זיין אַ שעהנער אמת... פאַרשטעהסט מיך, יאַקאָב?

אַ שווידער איז מיר אַדורך דעם געביין. איך האָב מיר געטראַכט: אַז אַ מענש הויבט אַזוי אָן צו פילאָזאָפירען איבער אמת און ליגען, האָט ער מסתמא גענוג צרות... סאשא — אַ פילאָזאָף!...

מיר זיינען אַרויס דרויסען, און איך האָב איהם געפרעגט:

— וואָס איז סאשא?

ער האָט שיעור נישט צוזאַמענגעבראָכען ביי דעם איינפאַכען, „וואָס איז סאשא". ער האָט געוואָלט וואָס זאָגען, נאָר אין קעהל איז איהם ענג געוואָרען צום דערשטיקט ווערען. ער האָט אָנגעהויבען קינסטליך צו הוסטען און צו פאַרטרייבען אַ שטילען געוויין וואָס האָט זיך פון דער נשמה געשפּאַרט אין די אויגען און אין קעהל.

איך האָב אָוועקגעקוקט און באַטראַכט דעם טומעל און ענגשאַפט אַרום אונז. אַ תמוז־זון האָט דעם דרויסען אָנגעהייצט ווי אַ קאַלך־אויווען. אויפ'ן טראָטואַר האָט אַ ברוינער איטאַליע־

נער געשפּיעלט א לייער־קעסטעל; א יונג מיידעל מיט א גע־בלומט טיכעל אויפ'ן קאָפּ, האָט געקלאַפּט אין א פּייקעל מיט מינ־צען און געקליבען פענים. ביי א טוץ מיידלאַך, אין אויסגעקרימ־טע שיכלאַך און קארטון קליידלאַך האָבען מיט חן געטאַנצט. האָב איך געטראַכט פון זייט, אַנקוקענדיג סאַשאַ'ן: טאַנצט קינדערלאַך, כל זמן איהר דאַרפט נאָך נישט מיט א הוסט באַהאַלטען דעם געוויין פון הארצען, פאַר מענשען...

מיר האָבען זיך געלאָזען צום וואַסער־צו. געזעהן, אז א שיף געהט אָפּ ערגעץ אויפ'ן האָרסאָן, זיינען מיר ארויף. פאַר אַלצדינג, אַנטלויפען פון היץ און טומעל.

סאַשאַ האָט געוואוסט ווי נייגעריג, הגם נעדולדיג, איך האָב געוואַרט... האָט ער, קוקענדיג אויפ'ן וואַסער, ווייט אוועק, זיך אָנגערופען:

ווי דו ווייסט, האָב איך מיט דריי יאָהר צוריק חתונה געהאַט, ס'איז געווען אזוי: איך בין אויף א ווײַלע מיעד געוואָרען פונ'ם פּאַריזער לעבען, פאַרטיידיגען אינטריגעס און אליין פיהרען אינטריגעס און דעם שטענדיגען נאַכט־לעבען, בין איך פאַרפאָהרען אין מיין געבורטס־שטעדטעל זיך זעהען מיט טאַטע־מאַמען. דאָרט האָב איך דערזעהן די שעהנע, נאַאיווע לאַה. איך האָב זי נאָך געדענקט אלס א קליין, בלאָנד מיידעלע מיט א גאָלדענעם צאָפּ; מיך — אלס א דערוואַקסען אינגעל. מחמת זי איז געווען א שטילע און א שעהנע, האָט מען שוין אין איהר דעמאָלט געזעהן די פרוי מעהר ווי דאָס קינד.

בקיצור, איך האָב זיך אין איהר פאַרליעבט, געוואונען איהר צוטרוי און ליעבע און מיר האָבען חתונה געהאַט. איך האָב זי גערופען לאורא; ערשטענס, איז מיר דער נאָמען זעהר ליעב געווען, און צווייטענס, איז זי געווען געבוירען צו טראָגען דעם נאָמען לאורא. פעסט, בלאָנד, און „ווייבליך".

מיין לאורא איז געווען שעהן, נאַאיוו און עהרליך; אָבער קליינשטעדטעלדיג און אונאינטערעסאַנט. זי האָט מיך ליעב גע־

האַט, ווי דאָס אידישע ווייב האָט ליעב; מיט איבערגעבונג און דרך־ארץ. איך האָב געליטען און זי האָט נישט פארשטאַנען.

האָב איך זיך אונטערגענומען זי צו אנטוויקלען, אָבער איינזייטיג. איך האָב געוואָלט, אז ליעבע זאָל ביי איהר ווערען א קולט, און איך — איהר אָפּגאָט... איך האָב איהר געגעבען לייענען עראָטישע ראָמאַנען, תמיד געפיהרט שמועסען איבער ליעבע, ליעבע — ניט געזונטע און פרימיטיווע — נאָר ראפאנירטע און איבערטריעבען. איך האָב געוואוסט, אז אין דער שטילער, בלאַנדער פרוי דרעמעלט עפּעס וואונדערליכעס וואָס וועט איהר פולע שעהנקייט ארויסברענגען. מ׳דאַרף עס נאָר דערמינטערען און צום לעבען ברענגען. דאָס מאָראַלישע אין ליעבע, האָב איך אין גאַנצען א י ה ר אנפארטרויט...

קורץ נאָך אונזער חתונה האָבען מיר פארלאָזען דאָס שטעדטעל און זיך באַזעצט אין פּאריז.

פּאריזער אַרט קליידען, פּאריזער „שיק", און די אידישע ברוינע אויגען — און מיין לאורא איז געוועןן א שעהנהייט! ביז אהער איז אַלץ געגאַנגען ווי פון א קינדער מעשה׳לע ארויסגעלייענט, לויטער גליק און גליק. דער מאַן רייך, דאָס ווייב שעהן, פּאריז... קורץ ביז אהער אידיליע און ווייטער — שונד...

און איין נאָכמיטאָג באַגעגען איך מיינעם א פריינד, א קינסטלער; איך האָב געהאַט אַן אַלטע שנאה צו איהם און מיר איז אין יענעם מאָמענט איינגעפאַלען איהם מיטצונעהמען מיט זיך אהיים און זיך רייצען מיט איהם מיט מיין גליק... איך בין דאָך מיט מיין לאורא׳ן אזוי זיכער געוועןן, איך האָב געפיהלט, אז ליעב האָבען קען זיך נאָר מיך, דעם מאַן, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט. ווארים מיט׳ן גאַנצען פּאריזער „טשאַק" איז זי דאָך נאָך געבליבען די פרומע צניעות׳דוגע לאַה...

סאַשאַ איז אויף א ווײַלע אנטשוויגען געוואָרען און איך האָב געפיהלט, אז דאָ קומט דער אָנגעוועהטאָגטער פּונקט. איך האָב געדרויכערט אָהן אַן אויפהער, און אויך איהם איצט אונטערגערוקט א פּאַפּיראָס. ער האָט ווייטער גענומען דערצעהלען:

הגם איך האָב איהם מעהר ווי דעם איין מאָל נישט איינ־געלאָרען, האָט ער דאָך אָנגעהויבען באַזוכען אונזער הויז. מיר איז נישט אָנגעשטאַנען איהם אַרויסצואווייזען מיין אומצופריע־דענקייט. לאורא איז געווען פריינדליך, שטראַהלענדיג, אָבער מיט טאַקט. בקיצור, איך וויל זיך נישט ציהען די אָדערען דערצעה־לענדיג דעטאַלען. זיי האָבען זיך פאַרליעבט איינער אין דעם אַנדערען. קיין נאַרעריי איז דאָ נישט געווען. מיין לאורא האָט מיר גלייך אויסגעזאָגט, געבעטען ביי מיר מחילה ווי ביי אַ טוידטען, געוויינט ווי אַלע ווייבער פון אַ ראָמאַן אַרוים: זי מוז אַוועק צו איהם; זי קען אָהן איהם נישט לעבען. זי וויל זיין עהרליך נעגען מיר, וויל בלייבען אַנשטענדיג. איך וועל קריגען אַ בעסערע און זי איז מיך נישט ווערט. נישט פאַרגעסען צו דער־צעהלען ווי זי האָט די קורצע צייט געליטען, ווי זי ליידט היינט, ווי זי האָט געפּרואווט זיך אַוועקרייסען. מיט איין וואָרט: זי און זי... און איך בין געווען נישט מעהר ווי אַ בר מינן, וועמען מען דאַרף בעטען מחילה, כדי ער זאָל נישט קומען ווערגען אין חלום... קענסט דאָך די ווייבער! און אפשר קענסטו זיי נישט?... איך בין געווען דערשלאָגען, צוטומעלט ווי פון אַ טוידט קלאַפּ און נאָך געמוזט מיטטאַנצען אין דעם פּאַטעטישען געזעגען־טאַנץ... איך האָב געדאַרפט זיין דער נאָבעלער מאַן פון׳ם מאָדערנעם ראָ־מאַן... דאָס הויז האָט מיר נישט גענוצט אָהן מיין לאורא׳ן, בין איך אַוועק זיי אַלץ איבערלאָזענדיג...

איך האָב זיך אַריינגעקליבען ערגעץ אין אַ בוידעם־שטיבעל און אָפּגעריכט גלות. כ׳האָב געלעבט ווי אַ נאַר, האָפענדיג, אַז נאָך דער ערשטער אַנטטוישונג וועט לאורא צו מיר צוריק קומען... איך האָב זי אַנטוויקעלט, ערצויגען צו קענען שעהן לעבען און שטאַרק ליעבען און מיין שאַרלאַטאַנסקער פריינד וועט זי האָבען!... פאַר־שטעהסטו כאָטש, פריינד יאַקאָב, ווי גוט מיר איז געווען?!...

זי האָב איך געקרענקט ווי איך האָב געקענט און מיט וואָס איך האָב געקענט. זי האָט געוואָלט איך זאָל קומען אין הויז און זיין איהר פריינד, בין איך נישט געקומען און נישט געווען

איהר פריינד; זי האָט געוואָלט איך זאָל ווי תמיד געהן עלע־גאַנט אָנגעטאָן און אָנגעהן מיט מיין ארבייט, האָב איך אויפגע־הערט ארבייטען און געגאַנגען אָפּגעלאָזען; זי האָט געוואָלט קו־מען אין מיין צימער'ל אויפראַמען און האלטען אין אָרדענונג מיינע זאכען, האָב איך איהר פארבאָטען.

איך בין אָבער אזוי ניעדריג געפאלען, אז איך האָב געוואָלט זי צווינגען דורך רחמנות צו מיר צוריקצוקומען.

— זי איז אָבער נישט געקומען, און וויפיעל איך האָב געליטען זעהסטו דאָך אָן מיר...

ער איז פלוצים אנטשוויגען געוואָרען, זיך פארקלעהרט און מיט אימפעט ארייננעוואָרפען אין וואסער א נאָר־וואָס פאררויכערטען סיגארעט, און אָנגעצונדען א צווייטען.

— אָבער מיין נקמה האָב איך געהאַט! — האָט ער מיט א בייזען שמייכעל א זאָג געטאָן.

איך האָב זיך דערשראָקען און געריכט זיך צו הערען דאָס ערגסטע.

פארשטעהסטו מיך, טיעף אין הארצען האָב איך אָבער גע־גלויבט, אז זי וועט זיך א מאָל פארבענקען נאָך איהר סאשא'ן, דאָס וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט פארגעסט זיך נישט אזוי לייכט!...

סאשא איז פלוצים געוואָרען באלעבט, א פייערעל האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע טאוועל־גרויע אויגען און זיי האָבען גע־לויכטען ווי בלויע לאמטערנעס. ער האָט ווייטער דערצעהלט:

עס איז געווען אָן אויף־דער־נאכט, אָנהויב זומער. זי האָט מיך געלאָזט וויסען אז זי וועט קומען... איך האָב צוגעקליבען דאָס צימער'ל אזוי גוט ווי ס'האָט זיך געלאָזט. דערפאר אָבער האָב איך בלומען אננעבראכט!... ווי אין א בלומען געוועלב.

זי איז געקומען. זי איז געווען שעהן ווי א מלכה אין די זיידענע מלבושים. א טרויער האָט אָבער פון איהרע אויגען ארויס־געקוקט... איך האָב זיך געהאלטען קאלט און פרעמד, גערעדט איבער געהויבענע זאכען מיט א מערקווירדיגען שארפזין. כ'האָב

דערפיהלט, אז איך בין ווידער איהר גאָט... און געוואוסט אז זי איז געקומען זיך בעטען איך זאָל זי צוריקנעמען... איך האָב ביי זיך געוואוסט, וואָס איך האָב צוטאָן, און געווען רוהיג און איבערלעגט...

זי האָט אָנגעהויבען גלעטען מיינע הענט, מיין שטערען, גע־קושט מיין קאָפּ און איז מיר אויפ'ן האלז געפאלען. איך האָב זי געלאָזט מיך קושען און גלעטען, אָבער אליין זיך פארהאלטען גלייכגילטיג. איך האָב זיך נישט באגנוגענט. ביי מיינע פיס האָב איך זי געוואָלט זעהן... זי האָט אלץ געוואוסט, אלץ גע־פיהלט... פלוצים האָט זי מיר גענומען ארויסווייזען אזא וואונ־דערליכע ליעבע און אזא טייוועלשע, ווילדע ליידענשאפט, וואָס אפילו לילים מיט איהר „כאלאסטרע" וואָלטען דאָס נישט גע־קענט !...

איך האָב געהאלטען אין מיינע אָרעמס, מיין געוועזענע ווייב... זי האָט מיר געזאָגט אז זי האסט יענעם... ער איז זעהר שלעכט צו איהר געוועזען. ער האָט זי אפילו געשלאָגען... און — אז איך האָב דערפיהלט אז זי איז גרייט ווידער צו ווערען מיין ווייב, האָב איך זי א שטויס געטאָן פון זיך און זי באשפיגען... זי האָט אָנגעהויבען זיך בעטען ביי מיר : „מיין גוטער סאשא, מיין ליעבער סאשא, נאָר דיך ליעב איך... נעהם מיך צוריק" !... און איך האָב ווידער אויף איהר געשפיגען... זי האָט געלאָזט אויף זיך שפייען ; און מיך נאָך הארציגער, נאָך ליידענשאפטליכער געקושט און זיך געבעטען איך זאָל זי צוריקנעהמען...

דאַן האָב איך פון איהר אראָפּגעריסען איהר בלוזע און בא־שפיגען איהר נאקעטען לייב !...

— סאשא שווייג ! — האָב איך פלוצים דערהערט מיין אייגען קול.

דיך שווידערט דאָס הערענדיג, אָבער מיך נאָך מעהר דאָס דערציילענדיג — האָט ער מיך אָנגעקוקט.

זיין קאָפּ האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויפ'ן ראנד פון שיף און איך האָב געהערט ווי סאשא שלוכצט...

— וואָס איז, סאשא?

— נו פאַרשטעהסטו דען נישט אז אַלצדינג איז געווען א ליגען? א ליגען אויסגע'חלום'ט, אויסגעטראַכט און אויסגעוואוג־שען! א ליגען וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין מיין מוח און זיך געשפּייזט אויף מיין מאַרך און בלוט... צוויי יאָהר האָב איך גע־טוליעט דעם ליגען ביז ער איז געוואָרען אַן אמת, מיין אייגענער אמת...

— איז אַליץ ליגען, סאשא? — האָב איך שטיל געפרעגט.

— ניין, אַליץ איז אמת נאָר ביז אויף יענעם אויף־דער־נאַכט. זי איז צו מיר קיין מאָל נישט געקומען זיך בעטען און איך האָב זי נישט באַשפּיגען און אָפּגעשטויסען... נאָר דאָס בלייבט מיין אמת... פאַרשטעהסטו מיך?

די שיף איז צוריקגעקומען צום ברעג. איך און סאשא זיינען אַרונטער. דערווייל איז נאַכט געוואָרען און מיר האָבען זיך גע־לאָזען איבער פאַרשידענע קאַפּען. מיר האָבען געגעסען שוויי־גענדיגע און אומעטיגע. שפּעט ביינאַכט האָב איך סאשא'ן גע־נומען צו זיך אהיים ווי מ'נעהמט איינעם פון א קראַנקען־הויז אַרויס און — זיין אמת איז אויך געוואָרען מיין אמת...

מיינע...

אין גאַנץ אַמעריקאַ איז ניט געווען אַ געגענשטאַנד אָדער אַ לעבעדיג ווען, וואָס ליפּשע האָט געקענט מיט רעכט אָנרופען מיינס. זי וואָלט אַפילו געקענט זיך מאַכען האַרץ און זאָגען: מיין „מיסעס” און מיין שאַפּ, נאָר אין דעם איז אויך געווען: די „מיסעס” וואו איך וואוין און דעם שאַפּ וואו איך אַרבייט. וואָרום, היינט וואוינט מען און מ'אַרבייט דאָ און מאָרגען — דאָרטען.

טראַכט ליפּשע מיט קנאה אין האַרצען: פאַראַן מענשען מיט גרינגע הערצער וואָס דאָס וואָרט מיינס געהט זיי פון די ליפּען ניט אַרונטער. ס'איז מיין „גראָסערי”, מיין „בוטשער”, מיין „דאָקטאָר” און מיין „באָרדער”. רק מיין און מיין. ביי איהר גליטשט זיך דאָס וואָרט מיינס פון דער צונג ניט אַרונטער...

ס'איז ניט מיין פריינד און אַפילו ניט מיין הונט אָדער מיין קאַץ. כדי עס זאָל וואָס זיין מיין, דאַרף עפּעס וואָס קאָסטען... אום צו קענען זאָגען: דאָס הינטעל איז מיינס, האָט מען עס געדאַרפט געבען אביסעל מילך צו ליאָקען ווען קליין און פערבינדען אַ לאַפּקעלע ווען עס איז פאַרוואונדעט געוואָרען, אָדער כאָטש אַ ביין פון טיש צוואַרפען צום גריזשען ווען הונגעריג...

אין גראָדנע איז פאַרהאַן אַן עלטערע אידענע, וואָס קאָכט אויף פרעמדע חתונה'ס און פערקויפט הייסע באָב און אַרבעס אין גאַס. צו יענער אידענע שרייבט ליפּשע אַלע פּאָר וואָכען: „מיין מאַמע, מיין טייערע מאַמע”. און יענע ענטפערט: „מיין ליעב קינד. מקבל געווען די עטליכע טאָלער. ס'האַרץ טהוט וועה צו נעה־

מען געלד פון א מיידעל... נאָר שווערע צייטען, זי דאַרף האָדעווען די צוויי יתומים'לעך. ס'איז אפילו ניט קיין שלעכטע פּרנסה, קאָכען אויף חתונה'ס, נאָר זי איז ניט איינע אין גראָדנע..." מאָהנט קיין מאָל קיין געלט ניט, אָבער מאָהנט כסדר נחת... דער אייעם, דער געשטאָרבענער טאָכטער'ס מאַן, וויל פאָהרען קיין אמעריקא. דערביי שטעהט א צוויי דריי שטריכעלעך. ער איז חלילה ניט שולדיג געווען אין איהר טאָכטער'ס טויט, און עטליכע פינטעלעך. זאָל גאָט געבען, אז מ'זאָל אויף ווייטער ניט אָפּגעפרעמדט ווערען. דאָ איז שוין געשטאַנען אי פּאַסיקלעך, אי פּינטעלעך. זי וויל מיטשיקען איין קינד, כדי אין אמעריקא זאָל ער חלילה זיך ניט דערפיהלען ווי א פרייער פויגעל, און די איבריגע לאָזט זי שוין איבער צו איהר... שוין א פּאָר בריעף אָנגעקומען פון דער מאמען מיט דעם זעלביגען נוסח.

און ליפשע האָט ניט געקוקט אויף דער וועלט מיט קיין גרויסע אויגען. געוואלט דאָס ווינציגסטע. קאָנען זאָגען: מיין מאַן, מיינע קינדער און מיינע פיער ווינקעלעך. דאָס וואָלט זי אָפּגעהיט מיט א הייליגקייט, איז עס אָבער ניט בעשערט געווען...

איז ליפשע איבעראל געזעסען ווי ביי א פרעמדען טיש, געהערט ווי מענשען זאָגען, מיין, מיינע און אליין, פערביסען, קיין מאָל ניט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט מיין...

זי האָט זיך ארויסגעקליבען פון א מיסעס, נאָר דערפאר וואס אלץ איז געווען איהרס. דער פעדלער, ביי וועמען זי האָט געקויפט זאָקען און אונטערוועש, וועלכער פלעגט קוים אויסוויינען א דאָלאר אויפ'ן חוב, איז אויך געווען „מיין פעדלער"... מיין לאָנדרי מאַן, מיין מילך מאַן, מיין און מיין, האָט דאָס ליפשע'ן תמיד געקרענקט, איז ענטוועדער מ'האָט זיך געדארפט קריגען אָדער זיך אָפּגעגעסען דאָס הארץ... און ביידע זאכען איז געווען אויפ'ן קלאָג. פלעגט זי ארויספלאצען:

— מיט וואס איז ער אייער מילך־מאַן? ער פיהרט דאָך מילך פאר נאָך טויזענדער ווייבער!

האָט מען זי געהאַלטען פאַר א פערביטערטע און א ביסעל א צודרעהטע.

אין שאַפּ האָט א מיידעל א פרעג געטהאָן:

— ליפשע, איז דאָס אייער „באָבין", דער מיט די רויטע זייד? געפונען געבען אייער מאַשין.

האָט ליפשע געענטפערט:

— ס'איז דער „באָבין" פון דער מאַשין.

פלעגען זיך די ארומיגע איבערקוקען און הינטער איהר פּלייצע האָט אימיצער אָפּגעקלאַפּט א פינגער אָן שטערען... ס'האָט קיין מאָל לאַנג ניט געדויערט און מ'איז דערגאַנגען, אז ליפשע רעדט קיין מאָל ניט ארויס דאָס וואָרט מיין. איז אָנגעגאַנגען א שפּיעל צווישען אלעמען און איהר איינע און מ'פלעגט זי פערוואַרפען מיט פראַגעס וועגען מיין און דיין פּונקט ווי ביים שפּיעל וואָס מ'מאָר ניט זאָגען „יאָ און ניין און שוואַרץ און ווייס". נאָר ליפשע האָט קיין מאָל ניט פערשפּיעלט, קיין מאָל זיך ניט ארויסגערעדט „מיינס"...

נאָך די לעצטע פּאָר בריעף, האָט טיעף אין איהר הארצען אָנגעהויבען פון דאָס ניי געבוירען ווערען דאָס וואָרט „מיינס". „מיין שוואָגער און מיין פלימעניקעל". צו די ליפּען איז נאָך דאָס וואָרט ניט געקומען נאָר געבליהט שטיל טיעף אין איהר הארצען. זי האָט איהם, יענעם, דעם „מיין שוואָגער" ניט געקענט. אונטער די פופצעהן יאָהר, וואָס זי איז אין אמעריקאַ, האָט דאָרט די איינגערע שוועסטער חתונה געהאַט, צוויי קינדער געבוירען און געשטאָרבען.

און אין א חודש ארום דאַרף אימיצער פלוצים קומען פון יענער זייט, פון דער היים, וועמען זי וועט רופען „מיין שוואָגער", מיט א אינגעלע וואָס וועט זיין „מיין פלימעניקעל", די רינגלען וועלען פון די ליפּען אראָפּפאַלען און זיי וועלען ארויסרעדען דאָס וואָרט מיין... ס'קימערט זי מעהר גאָר ניט. וואָס ווייטער וועט זיין. צי יאָ שידוך צי ניט. ס'איז סאַי ווי א קללה צו נעהמען א שוועסטער'ס א מאַן. אָבער זי וועט זאָגען, מיין

שוואָגער!.. מיין פּלימעניקעל, און דאָס קינד וועט זאָגן: מיין מוהמע ליפּשע.

ס'איז אָנגעקומען זיין בילד, א יונג מיט וואָנצען און די שפּי־צען פערדרעהט ווי די נאָדלען. נאָר ליפּשע האָט אין איהם גע־זעהן, א גוטען, א קלוגען און אַן איידעלען שוואָגער...

די מיסעס, ביי וועלכער ליפּשע האָט געוואוינט, איז געווען א גרושה פון דעם ערשטען מאַן, און אַן אלמנה געבליבען פון דעם צווייטען מאַן. א געזונטע, לוסטיגע אלמנה מיט א ווייסען, ווײ־כען קארק און טיעפע חן־גריבעלעך. נאָכ'ן גוט בעטראכטען דאָס בילד, האָט זי צוגעזאָגט ליפּשען, אז זי וועט מאכען צו „מופען" דעם באָרדער פון פראָנט רום און אריינגעהמען איהר שוואגער מיט'ן קינד. סאי־ווי איז דער א שלאק. דער באָרדער ווידער וואָלט בדאי מיט איהר חתונה געהאט אבי ניט דארפען, זיך ארויס־קלויבען פון דאנען... צייט ער איז א באָרדער, האָט ער נאָך ניט גע־האט אזא ליכטיגען צימער, אזא ווארימע קאָלדערע זיך צוצודעקען און אזוינע גוטע, פעטע סאפּערס. נאָר די מיסעס האָט געזאָגט: ער וועט שוין „מופען".

און איין טאָג האָט ליפּשע, זיצענדיג ביי דער ארבייט, זיך ארויסגערעדט צו דער נעקסטער מאשין:

— מיין שוואָגער קומט די וואָך! מיט מיינעם א פּלימעני־קעל. — ס'האָט זיך איהר דאָס פון צונג אראָפּגעריסען... וואָס א שטייגער האָט זי געדאַרפט זאָגען דער צווייטער מיידעל. אז איהר שוואָגער קומט, וואָס איז דאָס פאר זיי?... אראָפּגעשפּרונ־גען פון די ליפּען די ווערטער און פארפאלען...

גלאַט איז דאָס ניט אוועק. ס'איז געווארען א געלעכטער. א טשיקאַווע שמחה, ליפּשע האָט זיך ארויסגערעדט: „מיין שוואָ־גער"! שוין א יאָהר, אז מ'האָט זיך מיט איהר ארומגעריסען זי זאָל זאגען דאָס וואָרט מיינס ווי אלע מענשען. מ'האָט זיך צו־צונויפגעלעגט א קוואָדער און געקויפט קאָנפעקטען, מאנדלען און עפּעל און מ'האָט געמאכט א סעודה, זיך גערייצט מיט ליפּשע'ן, נאָר זי איז געווען גוטמוטיג...

אז דער שוואָגער איז געקומען איז ער געוואָרען דער „באָרדער פון פראָנט־רום", געקראָגען א ווארימע קאָלדערע און א ליילאך מיט די אויסגענעהטע בוכשטאבען פון דער מיסעס מיידעלשען נאָמען...

צווישען ליפשע'ס צימער און דעם שוואָגער'ס איז געווען דער מיסעס צימער. טאָמער האָט ער געוואָלט אין אָוועגד אביסעל שמועס'ן מיט דער שוועגערין, האָט ער געמוזט דורכגעהן דער מיסעס צימער... פריהער האָט די מיסעס געהאָט איהר צימער ערגעץ אנ־דערש און דאָס האָט ליפשען געקרענקט.

די מיסעס האָט זיך א נעהם געטהאָן מאכען ליפשע'ן „מור־פען". זי קען שוין מאכען „מופען". דעם פלימעניקעל אויב זי וויל קען זי מיטנעהמען, נאָר דער שוואָגער קאָן בלייבען וואוינען אין פראָנט־צימער....

— ניטאָ קיין „מיין" אין אמעריקא. היינט קאָן ער זיין דיין שוואָגער און מאָרגען אן אנדערער'ס מאַן...

דער שוואָגער איז געשטאַנען א צושראָקענער, א בלייכער, גע־וואָלט עפּעס זאגען און ניט געקאָנט, דער פלימעניקעל האָט זיך צואוויינט.

און ליפשע איז געשטאנען א דערשלאָגענע מיט אויסגעגלאָצ־טע אויגען און געקוקט וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט זיך אָבער א שטעל געטאָן און נערוועז מיט א פרעמדען קוויטשיגען קול אויסגעשריען:

— בערעל, איהר „מופט" מיט מיר און מיט'ן קינד!...

— יאָ, יאָ, אודאי, וואָס הייסט? געוויס...

— וואָס געוויס? ווען געוויס? איהר בלייבט דאָ!...

און ליפשע'ן האָט דאָס הארץ געזאָגט: שוין ניט מיין שוואָ־גער.

אָבער געשריען האָט זי: ער איז מיין שוואָגער און מיין פלימעניקעל, מיר „מופען" צוזאמען... זיי זיינען מיינע... מיינע!...

אַ ביטערער שפּאַס.

— קוים ווערט נאָר א מענש געבאָרען לױערען שוין ארום איהם אלערליי קריינק און צרות אויף דער וועלט. — האָט זיך אָנגערופען בעני מיט א קינד אויף די הענד, צו זיין גרינעם קאָזין באָרים.

דער גרינער קאָזין, אָנגעטאָן אין א רוסיש העמדעל, האָט פארשטאנען, אז זיין אמעריקאנער קאָזין וויל זיך אויסריידען דאָס הארץ פאר איהם, האָט ער צוגעשמייכעלט, ווי עס שמייכעלט א גרינער אינטעליגענט, בעת ער הערט פילאָזאָפירען אן אמעריקאנער שאפּ־ארבייטער, און איהם געלאָזען רעדען:

— אלס קליין קינד האָט דאָס אויסצושטעהן פארשיידענע קינדערשע איבערגאנגען און סיבות. און אז גאָט העלפט מ׳קומט אלצדינג אריבער און מ׳וואקסט אויס א בחור פון אכטצעהן־צוואנציג יאָהר, לױערען אזוינע געפאהרען, פון וועלכע מ׳האָט אמאָל צו זינגען און צו זאגען א גאנץ לעבען... און צו פיער־פינף־און־צוואנציג יאָהר, האָסטו פלוצים א כלה ביי דער זייט, א מיידעל גע־וועהנליך א שעהנע, לאָזט זיך קושען און האלזען וויפיעל דיין הארץ גלוסט, נעהמט אלערליי כלה מתנות מיט דער זעלבער מינע, ווי זי נעהמט אין רעסטאָראן א קאווע מיט קוכען פון דעם קעל־נער, און איז שטארק ברוגז אז די רעדסט אויס א פריינדליך וואָרט מיט אן אנדער מיידעל.

נאָר דאָס איז אלץ גאָר נישט, חתונה האָבען מוז דאָך א בחור. פון דעם קויפט מען זיך ניט אויס, סיידען מען איז גאָר א גוואלדיג גרויסער חכם!... און ס׳איז גאָר קיין נפקא מינה ניט מיט וועלכער פון זיי מען האָט חתונה. מיידלעך זיינען דאָ

אַלערליי, אָבער ווייבלעך בלויז צוויי סאָרטען: גוטע באַלעבאָסטעס און שלעכטע באַלעבאָסטעס. און אין איין יאָהר נאָך דער חתונה מאַכט אַזוי ווענינג אויס מיט וואָס פאַר אַ מיידעל מ׳האָט חתונה געהאַט, פונקט ווי איינעם, פינף מינוטען פאַר׳ן טויט, מאַכט אויס וואָס פאַר אַ לעבען ער האָט אָפּגעלעבט.

דער גרינער קאָזין באָרים, וועלכער איז געווען אַן אינטעליגענט, אַ אידעאַליסט און פון זיך געהאַלטען אַן עולם ומלואה, האָט ביי זיך געטראַכט: ער רעדט גאַנץ אינטערעסאַנט דער בחור, פאַרט מיינער אַ קאָזין! ביידע האָבען זיך פון פריהער ניט געקענט. נאָר געוואוסט אַז ביידענ׳ס טאַטעס זיינען ברידער. אַז בעני האָט זיך דערוואוסט אַז זיינער אַ גרינער קאָזין איז געקומען, איז ער געפאָהרען קיין ניו יאָרק זיך זעהן מיט איהם און איהם איינלאַדען קומען צו זיך אין פּאַסייק. און באָרים איז געקומען צו גאַסט. אַ געגענזייטיגע פריינדשאַפט האָבען זיי איינער צום אַנדערען דערפיהלט, טראָץ דעם אונטערשייד פון עטליכע יאָהר און מדרגה פון בילדונג.

בעני האָט אַריינגעלעגט דאָס איינגעשלאָפענע קינד אין בעטעל און איין מאָל זיינען איהם די הענד געוואָרען פריי, האָט ער ערשט געקענט טראַכטען און מיט בעגייסטערונג זיך צורעדען:

— נאָר הער זיך צו, באָרים, ס׳מאַכט ניט אויס, אַן עצה מעגסטו פון מיר נעהמען, כאָטש דו ביזט דער אינטעליגענט און איך דער אַרבייטער. אַז מ׳ווערט עלטער גלייכט זיך דאָס אויס... פון צווייערליי מיידלעך וויל איך דיך וואָרנען און דו היט זיך: דאָס ערשטע אַ מיידעל וואָס האָט געלייענט קאַרל מאַרקס, און דאָס צווייטע אַ מיידעל איבער וועלכע אַ בחור האָט זיך גענומען דאָס לעבען... היט זיך ברודער׳ל פון די צוויי...

— אויף מיין מזל איז אויסגעקומען דאָס מיידעל איבער וועלכע אַ בחור האָט זיך גענומען דאָס לעבען. עס האָט מיר נאָך געקענט טרעפען ערגערס, איך האָב נאָך געקענט אַריינפאַלען צו יענע וואָס האָט אַמאָל געלייענט קאַרל מאַרקס אין רוסיש. אין מיין פאַל איז געוועזן פערבונדען אַ שטיקעל טראַגי־קאָמעדיע מיט

דעם טפּוש־עוואַטען בחור „אבי שנאַבעל". איך רעד אזוי פערבי־טערט און ציניש איבער זיין טויט, ווייל ס'קריינקט מיר אזוי שטאַרק וואָס עס האָט פּאַסירט... כאָטש קיין געוויסענביסען האָב איך נים. ווייל, אויב א בחור האָט זיך געקענט נעהמען דאָס איין־און־איינציגע לעבען וואס איז איהם געגעבען געוואָרען, צוליעב א „ספּאַרניצע" וואָלט ער אויך געקענט זיך נעהמען דאָס לעבען, ווען ער וואָלט זיך חלילה אויסגעגליטששט אין טאַנץ זאָל און גע־פאַלען. אָרער איבער אַן עהנליכע נאַרישקייט!...

בעני האָט אויפגעהערט רעדען. ער האָט דערהערט אז דאָס ווייבעל זיינס קומט. זי איז אריין מיט א סך פּעקלעך, געפּרייכט און געסאָפּעט ווי א פעטע גאַנז. דאָס פּנים פּריש און לויטער, באַ־פאַרבט פון די ערשטע ווינטער פרעסטלעך.

דערזעהן דעם גרינעם קאָזין האָט זי זיך פערשעהמט און זיך גענומען פאַרענ פערען:

— מ'ווערט אזוי „פאַריענטעט" אז מ'האָט חתונה! וואָס איינע זאָל ניט געווען זיין פאַר דער חתונה... איהר'ט עסען ביי אונז דינער נישט אָפּט פאַרבלאָנדזשעט ביי אונז אין פּאַסייק אַן אינטעליגענטער מענש. מיין חבר'טע און איהר מאַן וועלען דאָ שפּעטער קומען. זי איז זעהר אַן אינטעליגענטע. זי קען, דוכט מיר, גאַנץ קאַרל מאַרקס אויסוועניג! און קאוטסקי'ן האָט זי געלעזען. א פערגעניגען איהר הערען רעדען.

און פעני'ן האָט גענומען פערפאַלגען א געדאַנק, אז דער גרי־נער אינטעליגענטער קאָזין זאָל וויסען איהר יחוס אויך... אז זי איז אויך ניט סתם א אידענע... זי האָט געוואָלט ער זאָל זיך דער־וויסען, אז צוליעב איהר האָט זיך א בחור גענומען דאָס לעבען. אבער אבי ווי אריינפאַלען מיט דעם האָט זי ניט געוואָלט. אָך, ווען ער, בעני, האָט שכל!...

גלייכצייטיג האָט איהר פערדראָסען וואס זי האָט ניט גע־וואוסט אז ער דאַרף קומען. גראַד, קאַכט זי היינט א מעהרען־צימעס מיט אַן אָנגעפּילט העלזעל און א זופּ פון גרויפּען מיט גרוי־סען באָב. ווען זי ווייסט, גרייט זי צו א בוליאָן, א געבראָטענס.

בעני האָט אזוי גוט געקענט זיין פעני'ן, אז ער האָט תמיד געוואוסט וואס הינטער איהר ווייסען, גלאַטען שטערען קומט פאָר בעת זי טראַכט. און אריינקומענדיג צוריק פון קיך האָט ער ארויס־געפּלאַצט:

— „סעי" ברודער'ל, קאַכט זיך א צימעס מיט א העלזעל אין טאָפּ! זאָג איך דיר, אז צוליעב דעם אליין אפילו איז כדאי צו לעבען אויף דער ניט געראָטענער וועלט!... מיין ווייב האָט נאָך דערוייל קארל מארקס ניט געלייענט...

בעני האָט זיך אָפּגעזאָגט גאַנץ אומשולדיג. ביים גרינעם אינטעליגענט האָבען די אויגען אויפגעלויכטען, נאָר פעני האָט גע־מאכט אן אומגליקליכע מינע.

— לאָזט מיר א מינוט ניט פערגעסען וואס געשעהען איז...

— האָט זי געזאָגט מיט א געהיימניספולען זיפץ.

באָרים איז געזעסען אין וויג־שטוהל, געמיטליך געראויכערט בעני'ס פּאַפּיראָסען און בלויז פון צייט צו צייט אריינגעוואָרפען א קלוג וואָרט. ער איז געווען ענטטוישט. א פרוי איבער וועל־כער א מאן האָט זיך גענומען, ווי בעני האָט געזאָגט, דאָס איין־און־איינציגע לעבען, האָט באַדאַרפט זיין הויך, שלאַנק, און פאַר'־חלום'ט, און זי, פעני איז גאָר א געזונט, בעט ליטוויש ווייבעל. איחם האָט דאָס פאַרדראָסען. וואָלט זי כאָטש געווען בלאַס און אויסגעצע־צעהרט פונ'ם אומגליק.זי אָבער פאַרקעהרט, לעבט און פיהלט זיך אזוי שטאָלץ און פיהלט טאַקע צוליעב דעם אליין באַרעכטיגט צו א בעסרען לעבען... א קליינינקייט צוליעב איהר האָט א מענש באַגאַנ־גען זעלבסט־מאָרד...

פעני איז ענדליך אריין אין קיך און באָרים האָט א פרעג גע־טהאָן ביי בעני'ן:

— און ווי אזוי אייגענטליך, האָט עס פּאַסירט?

— אין דריי ווערטער קען איך דיר דערצעהלען א מעשה וואס האָט זיך געצויגען באַלד דריי יאהר:

— פעני איז געווען א שעהן מיידעל. ער האָט זיך אין איהר

פארליעבט. איך בין נאָר געווען א באקאנטער פון יענע, די „קארל מאַקסיכבע". דער בחור איז געווען אין פעני'ן פארליעבט אי־בער די אויערען. און איך האָט שטענדיג חוזק געמאכט פון איהם דערפאר. „געה — האָב איך איהם אמאָל געזאָגט — און שלאָג פאָר פעני'ן מיט דיר חתונה צו האָבען, און כ'געה מיט דיר אין געוועט, אז זי וועט דיך נעהמען מיט ביידע הענט." האָט ער מיר געענטפערט: „און אויב זי וועט מיר אָפּזאָגען וועל איך זיך נעה־מען דאָס לעבען". נאטירליך, ערנסט האָב איך איהם ניט גענו־מען. האָט ער איהר טאָג איין טאָג אויס דערצעהלט מעשה'לעך ווי ליעב ער האָט זי. זאָגען א מיידעל מ'האָט זי ליעב איז איין זאך און איהר פאָרשלאָגען חתונה האָבען — איז עפּעס וואָס אנ־דערש... פאלט מיר איין איין אָבענד א משוגענער, אומגליקליכער געדאנק אין קאָפּ — אין גאנצען בין איך דעמאָלט אלט געווען א וואָסערע צוויי־און־צוואנציג יאָהר — אז איך וועל אין א שפּאָס פרעגען פעני'ן צי זי וואָלט מיט מיר חתונה געהאט, אזוי נאָר אָהן א ליעבעס ערקלעהרונג. פעני איז אין מיר זיכער ניט גע־ווען פארליעבט, האָט אודאי געטראכט פון איהם מעהר ווי פון מיר. א גאנצע כאָפּטע זיינען מיר געווען אונזערע. נעהם איך און רוף אָפּ פעני'ן, כלומר'שט, איך האָב זי וואָס צו פרעגען, און לאָכענדיג האָב איך זי א פרעג געטהאָן צו זי וואָלט מיט מיר חתונה געהאט? זי האָט מיר גלייך א זאָג געטהאָן: „און וואָס וועט אָלגא דערצו זאגען?" אָלגא איז דאָס די, וואָס האָט געלייענט קארל מארקס. בקיצור, א שעהן מיידעל איז זי דאָך געווען, און די נארישע פראגע האָט איהר צוגעגעבען א נאאיווען חן, האָב איך איהר געגעבען א קוש, נאָכדעם א צווייטען און א דריטען און מיר האָבען זיך צו דער קאָמפּאני אומגעקעהרט. איך האָב זיך באלד פערגעסען אָן דעם גאנצען שפּאָס. נאָר פעני האָט דעם גאנצען אבענד אָנגעקוואָלען און געלויכטען. אויף מאָרגען פריה האָט מיר די גאנצע געשיכטע שטארק פארדראָסען, און איך האָב געקלערט, אז אזוי שנעל ווי איך וועל איהם אָנטרעפען וועל איך איהם אלץ דערצעהלען. בלויז די קושען האָב איך גערעכענט צו פערשוויי־

גען, און איהם ראַטען אז ער זאָל איהר אויף אַן אמת׳ן פאַרשלאָגען מיט איהם חתונה האָבען און אַלץ וועט רעכט ווערען.

— מיר איז צום אומגליק ניט איינגעפאַלען, אַז פעני וועט נאָך דעם זעלביגען אָבענד איהם דערצעהלען אַז זי איז געוואָרען מיין כלה.

— און אויף מאָרגען פריה, עס איז געווען אַ זונטאַג. איך בין נאָך געלעגען אין בעט, איז אריין אַ פריינד און מיר אָנגעזאָגט די בייזע בשורה, אַז יענער האָט זיך דאָס לעבען גענומען. ווי מיר איז דאַמאָלס געווען אויפ׳ן הארצען קען איך דיר ניט זאָגען. אַ היפּש ביסעל איז מיר נאָך פאַרבליבען אויף מיין גאַנצען לעבען...

— בקיצור, פעני האָט געוויינט און געוויינט, געהאַט היסטעריקע, איך האָב זי געמוזט טרייסטען, און אַזוי טרייסטענדיג זי, האָבען מיר ביידע חתונה געהאַט אויף אַן אמת...

אַז באָרים האָט איצטער בעטראַכט זיין קאָזין בעני׳ן, זיין בלייך, אָבגעצערט פּנים מיט אַ טיעף בעהאַלטענעם טרויער אין די אויגען, האָט ער שוין איינגעזעהן אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ וועהטאָג און פּיין אין הארצען... ער האָט עפּעס מעהר דרך ארץ פאַר איהם געקראָגען.

גלייך נאָך מיטאַג ווען פעני האָט אַריבערגעשפּרייט דעם שעהנעם טישטוך אויפ׳ן טיש האָט זי דעם קאָזין דערלאַנגט אַן אַלבום צו בלעטערען. ער האָט גוט באַטראַכט אַ בילדעל פון אַ שעהנעם בחור מיט אַ בלום אין לאַץ און אַ שרונט אין מיטען קאָפּ. בעני האָט באָרים׳ען אַ וואונק געטאָן, אַז דאָס איז ער. פעני האָט עס ניט באַמערקט און געזאָגט:

— איהר קוקט אָן דאָס בילדעל? שעהן, האַ? אַ זעלטענער יונגערמאַן געווען... ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען... לאָז אייך בעני דערצעהלען, איך קען נישט, מחמת מיר פאַרכאַפּט ביים הארצען... ער איז בעגאַנגען זעלבסט מאָרד דעם זעלביגען אָבענד וואָס איך בין געוואָרען אַ כלה פאַר בעני׳ן.... — דאָס אַלץ האָט זי געזאָגט זיך ווישענדיג די אויגען מיט אַ ווייס טיכעלע.

— און מיינט איהר, אַז בעני האָט מיך דערפאַר ליעבער?

אז איך בין איהם טהייערער דערפאר? איך בין ביי איהם ווי יעדע יענטע איז ביי איהר חצקל׳ען. נו, יא, איך בין געווען צו יונג און ניט פארשטאנען דעם ווערטה פון אן אמת ליעבענד הארץ...

— טאָמער וואָלסטו די „ווערטהען״ איבערגעלאָזען צו דיין חבר׳טע די „קארל מאקסיכע״? ווארט ברודער, באלד קומט אָן א לעקציע איבער „ווערטהען״ און „מעהרווערטהען״, און אזוי ווי זי האָט עס אין פאסייק ניט וואו אויסצוברייגגען, האָט זי איהר „ווערטה טהעאָריע״ צוגעפאסט צום פארהייראטען לעבען. — האָט בעני נערוועז און גיפטיג איר איבערגעשלאָגען די רייד.

עס וואָלט אודאי אויסגעבראכען איינע פון די טאָג־טעגליכע קריעג־סצענעס ווען דער גלאָק וואָלט ניט א קלונג געטאָן. עס זיינען אָנגעקומען אלגא מיט איהר מאן און צוויי קינדער. עס האָט ניט לאנג געדויערט. אָלגא האָט געזעהן אז א אינטעליגענט איז געקומען האָט זי גענומען פארברויכען איהר באהאלטענעם אוצר פון וויסען. און די ווערטער „סאָציאלער פאקטאָר״, „פאָליטישע עקאָנאָמיע״, „מעהר ווערטה אין פראָדוקציאָן״, האָבען גענומען פאלען ווי די שפענער. אָלגא׳ס מאן האָט געלייענט א צייטונג און שווער געזיפצט. בעני האָט שטיל געקריצט מיט די צייהן און געקוקט אויפ׳ן גרינעם קאָזין. און פעני איז שוין געווען אזוי צוגעוועהנט צו די מאָדנע ווערטער, וואָס זי האָט קיין מאָל ניט פארשטאנען, אז זיי האָבען שוין איהר געקלונגען אזוי היימיש און שטוביג ווי „דייפער״, טאָפּ און קאָך־לעפעל.

אָלגא׳ס קינדער זיינען שלעפעריג געווארען, האָט זיי דער מאן געלייגט שלאָפען אין די זאכען. אָלגא האָט שוין געהאלטען ביי דעם, אז דער „עקאָנאָמישער פאקטאָר״ איז דער וויכטיגסטער אין לעבען און אז אלע „פאקטאָרען דרעהען זיך ארום דעם איין פאקטאָר״. פעני איז געשטאנען א שטאָלצע און א צופריעדענע. נאָך בעני האָט געמאכט א פאָרשלאג אז אלע דריי מענער זאָלען געהען א ביסעל שפאצירען, כדי צו ווייזען דעם גרינעם קאָזין פאסייק.

פעני און אָלגא זיינען געווארען אויפגעבראכטע. זי האָט

„איהרען” צוגעוואָרפען א בייזען בליק, נאָר בעני האָט איהם א שלעפּ געטאָן און אלע דריי זיינען ארונטער, און ביידע ניט־אָפּ־געשאַצטע ווייבלעך זיינען פאַרבליבען זיך אויסצודערצעהלען די מענערשע עולות און אראָפּרעדען זיך פונ'ם הארצען....

האַנאַלע.

פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזען ניו יאָרק?

אפשר איז דאָס געווען אַ נאַרישקייט. נאָר מיר האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז איך האָב געמוזט. און איהר ווייסט ניט, ווי איך האָב זיך געפּלאָגט און געבענקט די עטליכע יאָהר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויסער־האַלב ניו יאָרק! וואָרים, וואָס פאַר אַן אינטערעס קען אַזאַ מענש, ווי איך, האָבען פאַר די אַלע פּראָווינץ־שטעדט, וואו ס'איז נישט קיין אידישע סביבה און אַ אידיש לעבען ....

נאָר לאָמיך אייך בעסער דערצעהלען, צוליעב וואָס איך בין אוועק:

אַ פּאָר חדשים נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען אין ניו יאָרק, האָט מיך אַ פריינד רעקאָמענדירט צו די פאַמיליע רובין אַלס לעהרער פאַר די איינגערע קינדער. איך האָב זיי געזאָלט לערנען העברעאיש און אידיש.

דער פאָטער פון דער פאַמיליע, אהרן רובין, איז געווען איינער פון די פיעלע נאַציאָנאַלע בעל־תשובות, וואָס האָבען זיך פּלוצלונג באַוויזען אין ניו יאָרק, ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען. די מוטער, אַ שטילע, גוטע פרוי, האָט אָנגעקוואָלען פון דאָס ביסעל אידישקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אין הויז. פיער דערוואַקסענע טעכטער האָבען זיי געהאַט, אַלע צימליך שעהן און אַלע פיער זיינען שוין געשטאַנען אין שידוכים; איין איינציגען זוהן, מאַקס, אַ יאָהר זעכצעהן, אַ „היי־סקוהל" בחור, און די מיזינקע האַנאַ, אָדער האַנאַלע, ווי טאַטע־מאַמע האָבען זי פאַרצויגען.

האַנאַ איז געווען פיערצעהן יאָהר אַלט, מיט אַ פיין קעפּעל

קאשטאן־געקרויזטע האָר מיט גאָלדענע ברענעס, א מאטע הויט־פארב, ווי געגילדטע בראָנז, בלויע אויגען מיט גלאַנציג־זיידענע ברעמען. און מחמת דאָס פּנים׳על איז געווען א טונקעלס, האָבען די אויגען שטענדיג אָפּגעשטראַהלט אין א רייכע בלוי. האנא איז געווען די שעהנסטע אין הויז.

מאקס און האנא זיינען געווען מיינע צוויי תלמידים. די עלטע־רע טעכטער האָבען זיך קיין אידיש ניט געוואָלט לערנען. אָבער אלע האָבען זיך מיט מיר שטארק באפריינדעט. איך פלעג זיי לערנען יעדען טאָג און בין געוואָרען א הויז־מענש.

און איך ווייס נישט ווי אזוי ס׳איז געקומען, אז בעת מיר פלעגען, אין די אבענדען, אלע זיצען ארום טיש, עסען, טרינקען טהעע, אָדער גלאַט שמועסען, פלעגט האנאלע ארויפקריכען ביי מיר אויפ׳ן שויס, זיך איינטוליענען און זיצען. דער פאָטער, די מוטער, די שוועסטער און אָפּט פרעמדע פלעגען אלע זיצען ארום טיש, קיינער האָט א וואָרט נישט געזאָגט. און זי האָט עס געטאָן אזוי עכט־קינדעריש, אז מ׳האָט טאקע גאָר נישט געדארפט זאָגען. איך פלעג איהר גלעטען דאָס שעהנע קעפּעל, אמאָל א קוש טאָן אזוי, ווי מ׳קושט א קינד. איך בין שוין דעמאָלט אלט געווען אכט־און־צוואָנציג יאָהר, פארשטעהט איהר דאָך, אז איך האָב זי געצערטעלט אזוי, ווי מ׳צערטעלט א קליין קינד. דאָס פלעגט פאָרקומען כמעט אבענד איין און אבענד אויס. אמאָל נאָר פלעגט די מוטער א זאָג טאָן: „גאָה, קינד מיינס, ארונטער פון זיין שויס”. לאָז איהם טרינקען א גלאָז טעע”. אָדער אמאָל פלעגט דער פאָטער שפּאַס מאכען און זאָגען: „האנאלע, פארוואָס לאָזטו נישט א ביסעלע די שוועסטער דיינע זיך זעצען ביי איהם אויפ׳ן שויס”. די מיידלאך פלעגען רויט ווערען, זיך שושקען און ארויס־פּלאַצען מיט א געלעכטער. און אהרן רובין, וועלכער איז געווען א פארמעגליכער געשעפטס־מאן און א פרעהליכער, האָט שטענ־דיג ליעב געהאט שפּאַס צו טרייבען און פלעגט שטארק הנאה האָבען, אז מ׳האָט געלאכט פון זיינעם א וויץ — פלעגט צוזאָגע־בען: „גאָה ארונטער, האנעלע, און לאָז זיך מאקס׳ען א ביסעלע

צוזעצען ביי איהם אויפ'ן שויס, ער איז דאָך זיין רבי אויך". דאַן פלעגט אויסברעכען א געלעכטער, א קוויטששעריי פון די פיער מיידלאַך. מאקס פלעגט לאַכען, די מאַמע האָט געלאַכט, איך האָב געלאַכט, און האַנאַלע פלעגט לאַכענדיג זאָגען: „איך בין דאָך די מוזינקע". און מ'פלעגט ווידער לאַכען, ביז מיר פלעגען ווידער פארקריכען אין ערנסטע שמועסען.

אָפט פלעגט טרעפען, אַז האַנאַלע פלעגט אַזוי איינשלאָפען ביי מיר אויפ'ן שויס, און דער פאָטער פלעגט זי ארונטערנעהמען פון מיינע הענד און אריינטראָגען צו זיך אין צימער, זי לעגען שלאָפען.

און האַנאַלע האָט זיך זעהר פלייסיג געלערענט. מאַקס'ן איז וועניג־וואָס העברעאיש און אידיש אין קאָפּ געגאַנגען, און ווען נאָר ער האָט געקענט אויסלאָזען א לעקציע, איז ער געווען צופריעדען, איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפט האַנאַלע'ן אליין צו לערנען. בעת לערנען זיך, איז דאָס קינד געזעסען זעהר ארטיג און פלייסיג, און מיר האָט עס הנאה געטאָן. אָבער נאָך דער שטונדע, איז זי מיר אויפ'ן האַלז געהאַנגען און פלעגט מיר פון די הענט נישט ארונטערגעהן. איך האָב דערפיהלט, אַז האַנאַלע איז נישט א פיערצעהן־יעהריג קינד, נאָר א פיערצעהן־יעהרגיע פרוי . . . איך בין געוואָרען אומרוהיג און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן . . .

אַז איך דערמאָן מיר איצטער, נאָך די זיבען יאָהר, ווי האַנאַלע פלעגט קוקען אויף מיר. נאָר אצינד . . . איז אנדערש. היינט דארף זי שוין זיין 21 יאָהר א מיידעל, און מיר ווערט גוט אויפ'ן הארצען דערפון, נאָר דעמאָלט וואָלט איך געטאָן אלץ אין דער וועלט די בליקען פון זיך אָפּצואווענדען. אַזוי פיעל פרויען־באַגעהר, און אַזוי פיעל פרויען־גלוטה איז געווען אין איהרע קינדערש־בלויע אויגען! אנטציקט איז איהר בליק געווען, אַזוי ווי זי וואָלט אויף מיר וואונדער איבער וואונדער געזעהן.

און איינמאָל האָט פאַסירט: אן אבענד וואָס איך האָב ביי זיי פארבראכט, האָט שטארק גערעגענט דרויסען, און אַזוי ווי

מאַקס און איינע פון די פיער שוועסטער, מיט וועלכע האַנאַלע פלענט שלאָפען, זיינען אוועקגעפאָהרען צו־גאַסט אין פילאַדעל־פיא, זיינען מר. רובין און זיין פרוי צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל דאָרט בלייבען נעכטיגען. מאַקס׳עס צימער איז געווען אינגאַנצען לעדיג.

די גאַנצע פאַמיליע איז איינגעשלאָפען, איך בין נאָך געלעגען וואַך און געלייענט אַ בוך ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען איך בין שלעפעריג געוואָרען האָב איך פאַרדרעהט דעם גאַז און אויך איינגעשלאָפען. איך האָב נישט געוואוסט ווי לאַנג איך בין געשלאָפען, ווען פּלוצים אין שלאָף האָב איך דערפיהלט עפּעס אַ שווערילכע משא דריקט מיר אויף מיינע שפּיץ פיס. אַז איך האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען, האָב איך דערזעהן ווי האַנאַלע ליגט אויף די קניה מיר צופוסענס. דרויסען איז שוין געווען אויסגעלייטערט. אַ קלאָרע לבנה האָט אריינגעשיינט און ביי די לבנה־שטראַהלען האָב איך אַלץ געקענט זעהן. זי איז געווען אין ווייסען נאַכט־העמד אָנגעטאָן; די באָרוויסע פיסלאַך האָבען אפילו געשטעקט פון אונטער׳ן העמד; אונטער די קניה האָט זי געהאַט אונטערגעבעט אַ רויט זיידען קאַנאַפּע־קישעלע. זי איז געלעגען שטיל און אומבאַוועגליך און אַז איך האָב ניט געוואוסט צי זי איז געשלאָפען אָדער געלעגען וואַך. איך האָב גאָר נישט געוואוסט וואָס צו טאָן; וועקען זי האָב איך מורא געהאַט, טאָמער איז געווען איהר כונה אַז איך זאָל דערפון גאָר נישט וויסען.

לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם, האָב איך באַפרייט מיינע שפּיץ פיס פון אונטער איהר קעפּעל און בין אַרויסגעשפּרונגען פון בעט. איך האָב זיך עטוואָס אָנגעקליידט. איך בין געבליבען אַזוי גע־ריהרט פון דעם בילד: האַנאַלע ליגענדיג אויף די קניה, אַ נאַקעטע, מיר צופוסענס בעט, אין גאַנצען פון לבנה־שיין באַלויכטען, און עס האָט מיך אַראָפּגעצויגען אַנידער צו קניהען נעבען דאָס שעהן קינד און גאָט בעטען ער זאָל זי פון אַל־דאָס בייז פאַרהיטען.

איין זאַך נאָר איז מיר געבליבען צו טאָן: זי אויפהויבען פונ׳ם דיל און זי אוועקלעגען ביי זיך אין בעטעל און לאָזען

שלאָפֿן. זי האָט אָבער מיט איהרע הענטלאַך ארומגעפּלאָכטען מיין האלז, און מיט א קינדער קאפּריז זיך נישט געלאָזען אוועק־לעגען אינ׳ם בעטעל, סיידען איך זאָל זיך אויך לעגען. איך האָב זיך געלעגט און גאנץ שטיל אָבער מיט א בייזליכען קול געזאָגט:

— ליג שטיל, האנאלע! ליג גאנץ רוהיג. איך וועל דיר איינשלעפערען.

זי האָט אלץ געהאלטען מיך ארומגענומען ארום האלז, און ווי א קינדער־געבעטס געפּליסטערט:

— אני אוהבת אותך, „ענד אי לאָוו יו וועדי מאָטש", און איך האָב אייך ליעב!

איך האָב איהר א וואָרט נישט געענטפערט און זי געקלאפּט איבער׳ן פּלייצקע, ווי מען קלאפּט א קליין קינד בעת מען וויל עס איינשלעפערען.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבען צו גרויען, איז זי ענדליך איינגע־שלאָפֿן. איך האָב אָפּגעוויקעלט איהרע הענטלאַך פון מיין האלז, זי איין רגע׳לע גוט באטראכט און בין ארוים פון צימער.

אויף מאָרגען האָב איך אָהן א וואָרט צו זאָגען פארלאָזען ניו יאָרק. איך האָב בלויז דעם פאָטער געשריבען, אז מ׳האָט מיך ארויסגערופען אויף א גוטער שטעלע אין די וועסט, און איך פאָהר אָפּ.

און צו זיין אויפריכטיג און עהרליך, מוז איך אייך זאָגען, אז אין די עטליכע יאָהר וואָס איך בין געווען אוועק פון ניו יאָרק, האָב איך קיין איינציגען טאָג אָן האנאלע׳ן ניט פארגעסען; און איך וועל זי נישט פארגעסען...

ברוטאל בין איך געווען? זיכער. וואָס אָבער האָב איך געקענט טאָן אין אזא פאל? איך האָב זי אויך אָנגעהויבען אזוי וואונדערליך, אזוי ליידענשאפטליך ליעב צו האָבען.

און היינט קעהר איך מיר אום פון מיין גלות, פול מיט האָפנונג און הארץ־קלאפּען, האנאלע׳ן ווידער אמאל צו זעהן; צו זעהן זי צו איין־און־צוואנציג יאָהר!... פארהייראט איז זי נאָך ניט. פון צייט־צו־צייט האָב איך פון פאָטער א בריוועל באַ־

קומען. געוועהנליך, יעדעס מאָל ווען ער האָט א טאָכטער אויס־געגעבען און ווען אן אייניקעל איז איהם געבאָרען געוואָרען.

ווי האנאלע וועט מיך איצט אויפנעהמען ווייס איך ניט. איך אָבער פאָהר קיין ניו יאָרק צו מיין געוועזענע תלמידה האנאלע.

שאליטא.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזעהן אין פּאלעסטינא, זייענדיג א סטודענט אין דער בצלאל שולע. כמעט אין יעדער קאָלאָניע איז זי געוועזען. מיר האָבען זיך ווידער געטראָפען אין עגיפּטען, אין פּאריז און איצט אין ניו יאָרק. מיינער א פריינד האָט זי באגעגענט אין ארגענטינא; עטליכע פון מיינע באקאנטע שריפטשטעלער, קענען זי פון ווארשוי, ווילנא, וויען און אנדערע גרויסע שטעדט.

אין יעדע שטאָדט וואו זי איז געוועזען האָט מען פון איהר א סך גערעדט. פרויען, פלעגען אָנפאנג צו איהר זיך טוליען, און שפּעטער פלעגען זיי פון איהר וויכען; מענער האָבען זיך פארליעבט. זי האָט געהאט איהרע „אוואנטורען" און איז ווייטער געפאָהרען, אָהן אימיצען א „זייט געזונד" צו זאָגען.

צו זי הייסט באמת שאליטאַ, ווייס איך נישט. קיינער ווייס נישט איהר פאמיליען־נאָמען. ווען מענשען ווערען צו דרינגליך, דערצעהלט זי זיי אזעלכע וואונדערבארע ליגענס, אז ביי געוועהנליכע פיינע, בעל הבית'ישע לייט מוזען זיך שטעלען די האָר קאפּויער.

זי איז שעהן, אָבער נישט לויט דעם אייראָפּעאישען באַגריף פון שעהנקייט: זי איז טונקעל, די קינבאקען עטוואָס צו פּראָמינענט, די ליפּען פול, זינליך און פון שטארקע קאראלען פארב; זי איז קוים מיטעלען וואוקס, אביסעל צו פעט, אָבער די גליעדער זיינען אָפּגערונדעט און די הענט און פיס קליין; מחמת די הויט־פארב איז ביי איהר אזא מאטע, באווייזען זיך די צייהן און די אויגען־ווייסען אם קענטיגסטען.

זי רעדט העברעאיש, אראביש און כמעט אַלע וועלט־שפּראַ־כען פליסיג און מיט אַ שעהנעם קלאַנג. זי איז שטענדיג אָרים אָנגעטאָן, אָבער מיט אָריענטאַלישער בונטקייט: זי טראָגט קיי־לעכדיגע גאָלדענע אוירינגלאַך, מאַנכע ציערונג אין זילבער און גאָלד אין פּרימיטיווען איטאַליענישען און שפּאַנישען סטיעל. זי רויכערט אונגעהייער פיעל, קען אַ סך וויין טרינקען ווען זי קריגט. און שאַליטאַ קריגט שטענדיג אַ סך וויין צו טרינקען...

מיך אינטערעסירט נישט איהר פּעדיגרי. זי איז אַ גוטער קאָמפּאַניאָן צו נעכטיגען אונטער׳ן פרייען הימעל. קען רויכע־רען אַנשטאָט עסען... וועט זיך טיילען מיט דאָס לעצטע ביסעל טאַבאַק מיט אימיצען און קען אויך איבערגעוואַלד צונעהמען דעם לעצטען פּאַפּיראָס. איינמאָל, ווען איך האָב איהר נישט גע־וואָלט אָוועקגעבען דעם לעצטען פּאַפּיראָס, ווען איך האָב נאָך געהאַלטען דעם אַנדערען אין רויכערען, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ אין נאָז און צוגענומען. איך בין געווען אומ־גערעכט און זי איבערגעבעטען, האָט זי זיך גאַנץ גוטמוטהיג צור־לאַכט. זי האָט שטענדיג אונז באַזאָרגט מיט טאַבאַק און עסען. וואו זי האָט עס געקראָגען איז געווען אַ סוד... זי האָט אַמאָל גוט אָנגעבראָכען די ביינער אַ סענטימענטאַל פאַרליעבטען אינ־געל, וועלכער איז געווען אַ פאַרשקלאַווטער אידעאַליסט צו „אמת און עהרליכקייט”, דערפאַר וואָס ער האָט געוואַגט איהר נאָכצור־שפּיאָנירען אום אויסצוגעפינען וואוהין זי ווערט אָפטמאָל נעלם אויף עטליכע טעג.

וואָס איך וויל דאָ דערצעהלען איז פון אונזער באַגעגניש אין ניו יאָרק. איך וועל זי געוויס נישט אידעאַליזירען און נישט קריטיקירען, בלויז דערצעהלען:

מיר האָבען זיך דאָ באַגעגענט ווי אַלטע, גוטע פריינד. איין מאָל אויף אַ ליטעראַרישען אבענד, איך קוק מיך אום, שאַליטאַ איז דאָ! ווי פון הימעל אַראָפּגעפאַלען. זי האָט מיך באַגע־גענט ווי זי וואָלט מיך נעכטען אויך געזעהן; גאָר אָהן התפעלות. שאַליטאַ מאַכט אויף אַלעמען דעם איינדרוק פון אַ קאַלטע, אונ־

באוועגליכע באשעפענים: זי איז פויל, געמיטליך און קען שעה'ן לאנג זיצען אויף אַן אָרט און רויכערען. אָבער פּלוצלונג גיט זי זיך אַ הויב מיט דעם אימפּעט און אימפּולס פון אַ טיגער, ווען אפילו פון איין שטול אויף דעם אַנדערען זיך איבערצוזעצען.

די אנוועזענדע פון דעם אבענד זיינען געווען: שריפט־שטעלער, מאהלער, כלל־טוער און די, וועלכע עס באוועגען זיך ארום זיי. עטליכע ראדיקאלען, אַ פּאָר אַלטע אינטעליגענטען און אַ פּאָר מעצענאַטען.

שאליטאַ האָט געמאַכט אַ „היט". זי האָט געזונגען נייע העברעאישע ליעדער, אראבישע פאָלקס־ליעדלאך, און איהר קער־פּער האָט קוים באמערקבאר, ריטמיש מיטגעטאַנצט.

דער פאבריקאַנט ראָזענבלום מיט זיין פרוי זיינען געווען אנוועזענד. די מאדאם ראָזענבלום איז אַ בלאַסע, דאַרע פרוי, מיט אַ זעהר הויכען, דינעם האַלז און גרוי איינטאָניגע אויגען, אָבער מיט זעהר צנועות'דיגען אויסזעהן. ער, ראָזענבלום, איז אַ געזונטער פול־בלוטיגער מענש, ראַדיקאַל, אינטעליגענט און מיט מעצענאַטישע אינסטינקטען, וואָס זי, זיין פרוי, איז עס נישט געווען... ער פלעגט שטיל, אין געהיים, חלום'ען פון שעהנע, גע־זונטע פרויען, אַרגיעס און פרעהליכקייטען.

אז ער האָט דעם אבענד דערזעהן שאליטאַן, האָט ער זיך גלייך אין איהר פאַרליעבט. די קינסטלער האָבען איהר אויפ־מערקזאַמקייט אויף זיך געצויגען: ווער מיט לייענען שטימונג־ליעדער און ווער מיט הויכע געשפּרעכען איבער קונסט בכלל. ראָזענבלום האָט באַשטעלט וויין און ווייַן מיט זעהר אַ פרייער האַנד... שאליטאַ האָט באַלד צוזאַמענגענומען די אינגלאַך און מיידלאַך און געזעהן אז ער זאָל באַשטעלען אַזוי פיעל וויין, אז ס'זאָל קלעקען פאַר דאָס גאַנצע קינסטלער־געזינדעל זיך פרעהליך אָנצוטרינקען.

ראָזענבלום האָט שטענדיג געהאַט ערפאָלג מיט פרויען: ער איז שעהן, אַ ספּאָרט, און זיין ווייב'ס גאַנצע סוויטע חבר'טעס

זיינען געוועזן אין איהם פארליעבט. דאָס האָט איהם מוט גע־געבען זיך צו ווענדען בארוישטערהייט צו שאַליטאַ'ן:

— שאליטאַ, מיין שעהנע ציגיינערין! ווילט איהר מיט־פאָהרען מיט מיר אויף עטליכע טעג אין מיין אָטאָמאָביל. איך וועל נעהמען „וואַקיישאָן".

שאליטאַ האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט די אויגען און גע־ענטפערט:

— יאָ, אויב איהר וועט האָבען די בעסטע פּאַפּיראָסען און א סך, א סך שטאַרקען וויין צום טרינקען, וועל איך פאָהרען.

— ווען?

—אין א פּאָר טעג ארום.

ער האָט פּלוצלונג דערזעהן זיין ווייב'ס ווייסען בליק און איז געבליבען שטיל.

שאליטאַ האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען, אויף איהר גע־וועהנליכען שטייגער זיך איבערגעזעצט נעבען מיר און אָנגעהויבען אין א גאַנץ אָפענהערציגען און פאַרטרויליכען טאָן צו ריידען.

— נו, ווי לעבט זיך אייך אין ניו יאָרק? ארבייט איהר צו ביסלאַך?

— מיר געהט דאָ גאַנץ גוט. ווען איך האָב נאָר א פּופּציגער צו קויפען ראַהמען פאַר מיינע בילדער, וואָלט איך, גאַנץ מעגליך, געקאָנט האָבען אַן אויסשטעלונג...

— ווען איך האָב א פּופציגער — האָט מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען דער דיכטער ל... — וואָלט איך ארויסגעגעבען א שעהן בוך מיט לידער, כאָטש איך דאַרף נויטיג האָבען א „וואַ־רעמע קאַפּאָטע" און שיך...

— און טאַבאַק פאַר דער ליולקע איז שטענדיג דאָ? — האָט מיך שאַליטאַ געפרעגט אַזוי געהיימניספול און פאַרטרויליך.

— קאַפּע־מענשען קריגען שטענדיג צו רויכערען — האָב איך איהר געענטפערט.

מעהר האָבען מיר וועגען דעם נישט גערעדט. עטליכע טעג

נאָכאַנאַנד האָב איך זי געזעהן יעדען טאָג אין קאַפעע, און פּלוצ־לונג איז זי נעלם געוואָרען.

אין אַן אבענד אין שפּעטען הערבסט, איך בין געזעסען מיט ל... אין מיין סטודיאָ. דרויסען האָט גערעגענט און אונז האָט זיך נישט געוואָלט געהן אין קאַפעע. ערשט מיר האָבען דער־הערט אַ פּלוצלונגען קלאַפּ אין דער טיר און צוגלייכער צייט איז אריין שאַליטאַ, באַרעגענט און מיעד, זי האָט אראָפּגעטריבען ל... פון דעם זאָפאַ און זיך אוועקגעלייגט.

אין אַ פּאָר מינוטען ארום האָט זי ארויסגענומען פון בוזים אַ פּאַק מיט געלד, און פויל געזאָגט:

— איך האָב ביי זיך הונדערט און פינף־און־צוואַנציג דאָ־לאַר. — דאַן האָט זי מיר אַ וואָרף געטאָן פּופציג, אזוי ווי מ'וואַרפט צו אַ הונגעריגער קאַטץ עפּיס עסען, און דאַסגלייכען דעם דיכ־טער ל., כאָטש זי האָט איהם בלויז געזעהן אַ פּאָר מאָל, און זיך האָט זי געלאָזען פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר.

— איהר, — האָט זי זיך צו מיר געווענדעט, — מוזט זעהן צו קויפען ראַהמען פאַר די בילדער און האָבען אַן אויסשטעלונג. און אייערע ליעדער וועלען נישט אַנטלויפען, קויפט זיך אַ מאַנ־טעל און שיך — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו ל.

מיין פריינד, דער דיכטער, איז געווען אומפאָרזיכטיג גע־נוג אַ פרעג צו טאָן:

— וואו האָט איהר גענומען אזוי פיעל געלד?

די ווייסלאַך פון די אויגען און די ווייסע ציינער האָבען אַ בלישטש געטאָן אויף איהר טונקעלען פנים און זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון קאַנאַפּע זיך אויפצוהויבען. איך בין פּאַרצי־טערט געוואָרען. איך האָב געמיינט, אַז זי געהט איהם שלאָגען. ל. איז אַ שוואַך אינגעל מיט אַן איינגעפאַלענעם ברוסט־קאַסטען, און זי, שאַליטאַ, איז שטאַרק ווי אַ מויער.

זי האָט דערזעהן מיין שרעק, זיך צולאַכט און געזאָגט:

— אָה, איך וועל אייך דערצעהלען. אין די פּאָר טעג וואָס איך בין דאָ נישט געוועזען, האָב איך ארומגעוואַנדערט איבער

וויסטע פעלדער און וועלדער. אויף א זאמדיגען, שטיינערדיגען וועג איז געזעסען אן אלטער, העסליכער מכשף. אז ער האָט מיך דערזעהן, האט ער זיך צושמייכעלט. צוויי גרויסע ציינער האט ער געהאט אין זיין מויל, און פון די רויטליכע אויגען האבען איהם געטרערט טרערען־טראָפּענס. „דו שעהנע מיידעל, קום און נעהם מיך ארום און קוש מיך", האָט ער מיר צוגערופען. ניין, דו אלטער מכשף, שאליטא קושט נאָר די, וועלכע זיינען יונג און שעהן און שטארק, האָב איך איהם געזאָגט. „פון דיינע קושען וועל איך ווערען שעהן און יונג און שטארק, שאליטא". ניין, דו אלטער מכשף, איך וועל דיך נישט קושען, — האָב איך זיך מיט איהם געריינצט. „איך קען געבען א קלאפּ מיט מיין שטעקען אין דעם גרויסען שטיין און עס וועט זיך א שאָט טאָן דימאנטען, ברילִיאנטען און אמעריקאנער דאָלארס", האָט ער מיר געזאָגט מיט א קייכענדען געלעכטער. — וויל איך עס זעהן מיט מיינע אויגען, דו אלטער מכשף! — אזוי האָט ער געטאָן. איך האָב א נעהם געטאָן די הונדערט און פינף־און־צוואנציג דאָלאר און בין מיר אוועק...

שאליטא האָט פּלוצלונג א וואָרף געטאָן דעם סיגארעט וואָס זי האָט גערויכערט. זי האָט אליין איינגעשלעפערט אויסקלערענ־דיג דאָס מעשה'לע, זיך אומגעקעהרט צום וואנט און איינגעשלאָפען.

* * *

ווען דאָס געלד איז אויסגעגעבען געוואָרען, זאָגט זי צו מיר מיט א קלינגעדיגען געלעכטער:

— איך בין געווען אוועקגעפאָהרען מיט ראָזענבלום'ען. מיר זיינען אריין אין א האָטעל נעכטיגען. מיר האָבען שרעקליך פיעל וויין געטרונקען, גערויכערט און געגעסען. ער איז איינגעשלאָפען און איך האָב איבערגעצעהלט דאָס געלד אין זיין קעשענע. אויף מאָרגען האָב איך אכטונג געגעבען ער זאָל נישט פיעל אויסגע־בען. אין דער פריה האָב איך איהם געלאָזען שלאָפען און גיך ארויס אויף א שפּאציער. די צווייטע נאכט איז אויך אזוי גע־גאנגען: אין דער פריה האָב איך גענומען דאָס געלד, איהם

איבערלאָזענדיג געגוג אהיים צו פאָהרען, און בין ווידער ארויס אויף א שפאציער און בין נישט צוריקגעקומען...

— דאָס קלינגט כמעט ווי אַן אמת — האָב איך איהר געזאָגט.

שאליטא האָט זיך באליידיגט און געענטפערט:

— שאליטאָ זאָגט נאָר ליגענס, ווען מ'פרעגט זי וואָס....

— און קיין אונאנגענעהמליכקייטען וועט איהר נישט האָבען?

— אָה, ער איז א דזשענטעלמאן און א קלוגער יונג! ווען ער האָט נישט אזוי פיעל געלד וואָלט ער געווען א וואונדערליכער מענש. איהר וועט זעהן מיט וואָס פאר א העפליכקייט איך וועל צוגעהן איהם באגריסען, ווען איך וועל איהם באגעגענען אין קאפעע.

די עלטסטע טאָכטער.

א גאַנצען טאָג איז אין שטוב געווען שטיל. די פיער טעכ־טער און דער מוזיניק, סעמי, זיינען געווען ביי דער ארבייט. דער אַלטער האָט געמאַכט דעם אויוועז, די מאַמע האָט צוגעשטעלט דעם סאַפּער, און ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען האָט זי זיך געזעצט אין איהר שטוהל אויף קישענס און מיט׳ן פוס־ביינקעל.

סיידען איהר האָט זיך פאַרוואָלט גריזשען דעם אַלטען, פאַרוואָס ער פאַרזאָרגט נישט די טעכטער מיט חתנים. — וואָלט זי געווען א געזונטע, אָהן רומאַטעס אין די פיס און געקענט קומען צווישען מענשען, וואָלט מען איהרע טעכטער צוצוקערט. וואָרים, א סך אַזוינע מיידלאַך זיינען פאַראַן אין אַמעריקא? איז זי אָבער א געשטראָפטע מיט אַזוינע חלאַת׳ען, וואָס די היגע דאָקטוירים פאַרשטעהען נישט.

און אין אָבענד, אַז עס האָבען זיך גענעבען א לאָז אריין די פיער טעכטער און דער צובאַלעוועטער מוזיניק, האָט די מאַמע גע־שרייען: אַז דער גיהנום האָט זיך צועפענט!...

עטליכע יאָהר האָבען אַלע דריי שוועסטער געוואַרט אויף חנה׳ן, די עלטסטע. זאָל זי אַפריהער חתונה האָבען, האָבען זיי זיך געטראַכט: ס׳איז נישט שעהן פאַר לייטען צו כאַפּען פריהער... אָבער אַז זיי האָבען געזעהן אַז ס׳נעהמט קיין סוף נישט, האָבען זיי אָנגעהויבען טראַכטען פאַר זיך. וואָרים, יעדע באַזונדער האָט זיך געוואָלט ארויסרייסען פון דער ענגשאַפט; פון דער קרענק־ליכער, וואַרטשענדיגער מאַמען און דעם נאַרישוואַטען טאַטען.

פאַר אַלע דריי מיידלאַך איז שוין געווען צייט חתונה צו

האָבען; און חנה, די עלטססטע, איז שוין געוועזן אריבער דער צייט. די אינגסטע, עוועלין, האָט שוין געהאַט אַ בחור, אָבער איהם ברייננ־גען אין הויז אריין האָט זי נישט געוואגט. די מאַמע וואָלט זיך און איהר דאָס לעבען אויפגעפרעסען.

צווישען דער עלטסטער טאָכטער און דער מאַמען איז קיין גוט לעבען נישט געווען. די מוטער איז געווען אַ קרעכצענדיגע, כסדר געניאָנטשעט איהרע חלאת'ען און געמאָנט ביי די טעכטער איהר געזונט וואָס זי האָט צוליעב זיי אָנגעוואָרען; און חנה, אַ שווייגענדיגע, אַ פאַרביסענע און מיט פארקריצטע צייהן קע־גען אַלץ וואָס האָט מיט איהר געטראָפען. זי איז געווען רויטליך־בלאָנד, אויסגעזעהן נישט יונג און נישט אַלט, ווי אַ פרי סוף זומער, וואָס האָט פארפעהלט רייף צו ווערען אונטער דער זון.

און פּלוצים האָט זיך אין שטוב געיאָוועט אַ בחור. ער איז געקומען זעהן פרידע'ן; די צווייטע פון דער אינגסטער. אין שטוב האָט זיך געטאָן אַ חורבן! האָט אָבער פרידע באַוויזען זיין באַנק־ביכעל, און זיי אריבערגעשריען, אַז ס'איז אַ גליק פאַר איהר און פאַר זיי. האָבען טאַטע־מאַמע איינגעווילינט און פרידע איז געוואָרען אַ כלה. און נאָכדעם האָט שוין עוועלין געבראַכט איהר בחור'ל אין הויז. אַ יונג, בלוט און מילך, מיט נאַר וואָס פאַר־לאָזענע וואָנסלאַך. ביידע האָבען זיך אָנגענומען מיט מוט און אויסגעזאָגט, אַז זיי זיינען חתן־כלה. אויף עוועלינס אַ וואונק, האָט ער אריינגעפיהרט אין הויז זיינעם אַ גרינעם שוועסטער־קינד, און איינס צוויי איז געוואָרען אַ שידוך צווישען איהם און עטלען, די צווייטע נאָך חנה'ן.

און פאַר חנה'ן האָט זיך אָנגעהויבען שלעכטע טעג, ווען אַלע דריי זיינען מיט אַמאָל כלות געוואָרען. ס'איז איהר גע־וואָרען ענג דאָס הויז. אין די אבענדען, אָדער שבת און זונטאָג, האָט זי פראָסט נישט געהאַט וואו זיך אהינצוטאָן. איז זי אריין אין זייער שלאָף־צימער, האָט זי געטראָפען פרידען ליגענדיג אויפ'ן בעט, דער חתן דער ביי, זיצענדיג און גלעטענדיג איהר דעם קאָפּ. איז זי אריין אין „פראָנטרום", האָט עוועלין געציםבעלט אויף דער

פיאַנאָ און געלערענט איהר בחור׳ל טאַנצען. אין קיך איז געזעסען עטעל מיט׳ן „גרינעם" געטרונקען טהעע מיט וואַרעניע און זיך געקושט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און וואו זי איז אריין, האָט מען איהר צוגעוואָרפען אַן אומצופריעדענעם בליק, וואָס האָט געמיינט „ווי פאַרשטעהסטו נישט אליין, אַז איך זיץ מיט מיין חתן דאַרפסטו נישט אריינגעהן אהער".

נאָר ערגער פון אלץ, איז געווען אָנצוקוקען דער מאַמען. מיט גרויע, ביסטרע אויגען פון אַ געל־קראַנקליך פּנים ארויס האָט זי, זי אָנגעקוקט מיט בליקען וואָס האָבען גערעדט מיט גאַל: נישט געוואָלט פאָלגען אַ מאַמען? אין די יונגע יאָהרען איז איהר קיינער נישט אָנגעשטאַנען! נאָר געוואָלט קוקען צו הויך... אביסעל נידריגער נישט געוואָלט זיך ארונטערלאָזען... און געבליבען אַ פאַר־זעסען, פאַרעלטערט מיידעל....

קיין חברה׳טעם האָט חנה שוין אויך נישט געהאַט, אַלע שוין פון לאַנג חתונה געהאַט און אָן איהר פאַרגעסען. פאַר די שכנים האָט זי זיך געשעהמט. איז איהר נאָר געבליבען ארויסצוגעהן אין דרויסען, זיך אוועקזעצען אליין אויפ׳ן בריקעל און וואַרטען ביז די חתנים האָבען זיך דערמאָנט אהיים צו געהן.

איז חנה געבליבען איין האָפענונג: זיי דריי וועלען חתונה האָבען וועט זי האָבען אַן אָרט אין דער היים...

און ס׳איז געווען איין חתונה נאָך דער אַנדערער. און אין פאַרלויף פון קנאַפּע צוויי יאָהר איז איהר וואונש מקוים געוואָרען. די דריי שוועסטער זיינען זיך צופלויגען אין זייערע אייגענע נעס־טען.

האָט מען גענומען אַ קלענערע וואוינונג. די אַלטע טאַטע־מאַמע, חנה און דער מוזיניק. ער איז שוין אויך געוואָרען אַ צוואַנציג יאָהריגער בחור. געאַרבייט און אָפּגעגעבען חנה׳ן די „פּיי". חנה איז איהם געווען די מאַמע... אויף אלץ איז געווען חנה. חנה, ווי געפעלט דיר מיין נייער „סוט", חנה ווי „גלייכסטו" מיין היטעל, און חנה, גיב מיר דאָס אָדער יענעם. אויף דער מאַמען האָט ער געקוקט ווי אויף אַן אַלטער באָבען וואָס דאַרף

זיין אין שטוב און זיפצען, און זיך און אלעמען אויפעסען לעבע־דיגערהייט.

די קרענקליכע, אלטע מאמע האט דאס שטארק פארדראסען. סטייטש, איהר מוזיניק, דער איין־איינציגער זוהן, קומט נאר צו איהר נישט אן. וואס ער דארף, ווענדט ער זיך צו איהר, צו חנה'ן... דער מאמען זאגט מען נאר נישט און מ'פרעגט נאר נישט... גלייך ווי זי וואלט נאר אויף דער וועלט נישט געווען... אפילו דאס איינציגע, דאס היילינגסטע ביי אן אלטער מאמען, דער־לאנגען דעם זוהן עסען, האט אויך חנה פארכאפט...

— דו זיץ, מיש זיך נישט, איך וועל שוין אליין געבען סעמי'ן עסען, — האט איהר חנה תמיד געזאגט, ווען זי האט זיך גענומען הויבען פון שטוהל צו געהן געבען איהם עסען.

און סעמי האט טאקי געוואלט אז חנה זאל איהם דערלאנגען עסען. מחמת די מאמע האט קיין מאל נישט אפגעשאקעלט די ברעקלאך פון טישטוך, אדער געגעבען איהם א סערוועטעל.

אבער איין זאך האט חנה נישט געוואגט פון דער מאמע'ס האנט צונעהמען: געבען דעם טאטען עסען. דאס איז נאך גע־בליבען פאר איהר צו טאן. און דא האט זי זיך דערפיהלט, אז זי האט נאך אויך צוליעב וואס צו לעבען אויף דער וועלט: דער־לאנגען דעם מאן און דעם טאטען עסען... צוטראגענדיג דעם אלטען דאס עסען צום טיש, האט זי תמיד געקוקט אויף חנה'ן מיט נצחון: נא, זעה, איך בין נאך די בעל הבית'טע אין הויז; אהן מיר, ווער וועט געבען דעם טאטען עסען?...

חנה און די מוטער האבען קיינמאל צווישען זיך נישט גע־רעדט. זיי זיינען געווען ווי צוויי פרעמדע ווייבער אין איין שטוב. צוויי ווייבער: איינע, וואס האט געהאט א סך קינדער און זיי אויסגעגעבען, און די אנדערע, אן עקרה... און זיי האבען קיין שלום נישט געקענט האבען....

חנה, האט מעהר אין שאפ נישט געארבייט, זי האט געפיהרט דאס הויז.

אין טעג וואס זי האט אריינגענומען די אויסגעוואשענע

וועש פון „ליין", אויסגעפרעסט, און שפּעטער זיך געזעצט פאַר־לאַטען דעם טאַטענ'ס און דעם ברודער'ס אונטערוועש, האָט זי זיך דערפיהלט אַ פרוי... זי טוט די פליכטען פון אַ פרוי... פאַר־ריכט און פאַרלאַטעט מאַנסבילשע וועש און צירעוועט סקאַרפּעט־קעס. די פליכטען פון יעדער פרוי... ביים איינגנעהען קנעפלאַך האָט זי תמיד געוואָרפען אויגען אויף דער מאַמען, זיצענדיג פאַר־לייגט אַ האַנט אויף אַ האַנט, און זי האָט זי געשטאָכען מיט די אייגענע אויגען ווי איהרע, גרוי און ביסטרע: „אַז דו ביזט שוין פאָרט צו אַלט און קענסט דאָס נישט טאָן, מוז איך דאָס טאָן".

און די מאַמע מיט די אייגענע אויגען וואָס דער טאַטעטער'ס: פאַרביטערטע, גרויע, מיט ווייזע שוואַרצע פינטעלאַך אין זיי, האָט דער טאַטער צוריקגעשטאָכען: „די אַרבייט רייסט זי מיר אַרויס פון די הענט!... מ'דאַרף מיך שוין נישט! מ'דאַרף מיך שוין נישט... אַזאַ „זאַך"! די אַרבייט רייסט זי מיר אַרויס פון די הענט"!...

מאַמע און טאַטער פאַרשטעהען זיך שוין מיט די אויגען, מ'דאַרף נאָר נישט ריידען...

און חנה, צירעוועגדיג דעם ברודער'לס זאָקען, זאָרגט זיך וואָס וועט זיין אַז ער וועט אויך חתונה האָבען און זי וועט מוזען בלייבען אַליין מיט טאַטע־מאַמען... אַצינד קומען נאָ,' מינוטען וואָס זי פאַרגעסט איהר אַליין; בלייבען... אַ בעת סעמי איז זיך מיט איהר וועגען עפּעס מישב און זי גיט איהם אַן עצה... ער איז אַזוי צוגעטאָן צו איהר, און זי פיהלט זיך, ווי זי וואָלט טאַקי געווען זיין מאַמע. האָט זי איהם דען נישט אויפגעהאָדעוועט?...

און ס'קומען אַמאָל איבער איהר אַזוינע וואונדערליכע מי־נוטען, אָט אַזאַ כישוף האָט שוין די אַרבייט. אין דעם געוועב פון די זאָקען וועבען זיך אַזעלכע פיינע מעשה'לאַך אויס... און שעה נאָך שעה חלום'ט זי. זעהט נישט און הערט נישט דער מאַמען, זי איז מיט עפּעס פאַרנומען... אין הויז איז עמיצער גע־קומען אַזאַ גוטער, אַ וואוילער... און זי ווערט אויך אַזוי גוט. אָט, זי געהט אויס פון גוטסקייט. אפילו מיט דער מאַמען קען זי גוט

ווערען... ער איז אַן אַלמן, האָט אַ קליין קינד... און זי נעהמט דאָס קינד אויף די הענט און ווערט זיין מאַמע, זי טוליעט דאָס צו זיך און דאָס קינד גלעט זי מיט וואַרעמע הענטעלאַך איבער׳ן פּנים. און אַזאַ זיסקייט צוגעהט איהר איבער׳ן האַרצען. און אָט לאַטעט זי אויס זיינע וועש און מאַרעזשעט די שקאַרפּעטקעס, און דאָס געוועב איז אַזוי פיין און די לאַטקעלעך אַזוי דין מיט קליינינקע שטעכעלאַך. און דאָס עסען? דאָס עסען שמעקט דאָך פון טיש אַרונטער... און ער געהט אום איבער׳ן שטוב אַ גוטער, אַ שטילער און זאָגט: „חנה, האָסט אַ פּאָר זאָקען פאַר מיר?" אודאי איז דאָ זאָקען, ריינע, פאַרצירעוועט, אַזוי פיין און דין! און ער פרעגט ווידער: „חנה, איז מיטאָג פאַרטיג, איך בין הונגעריג?" אודאי, איז שוין מיטאָג פאַרטיג, אָט גרייט איך צום טיש... און מיט דער מאַמען איז זי אויך גוט. אָט באַהאַלט זי דעם קאָפּ אין דער מאַמע׳ס שוים, וויינט זיך גוט אויס, וויינט פאַר פריייד, און זי סוד׳עט איהר אַריין עפּעס אין אויער, און די מאַמע ווערט אַזאַ גליקליכע... אַזאַ גליקליכע... און זאָגט: „מיינע טרערען און מיין בעטען האָט גאָט דערהערט... אַן אייניקעל...

— געגוג דיר שוין אַמאָל בלענדען די אויגען — דערהערט זי פּלוצלונג דער מאַמע׳ס קול, ווי דאָס וואָלט נעקומען פון ערגעץ ווייט, פון דער פרעמד — עס ווערט שוין פינסטער, און דיר פעהלט נאָך אויס ברילען אָנצוטאָן!...

— אָט דער, „עס פעהלט דיר נאָך אויס", צינדט חנה׳ן אָן ווי אַ העליש פייער, און די גאַנצע גאַל און שנאה צו איהר ווערט אויפגערייצט. זי פיהלט, אַז זי וואָלט זי איצט געקאָנט שלאָגען. זי וואָלט געקאָנט שלאָגען דער מאַמען!... געבען איהר אַ זעץ נאָך אַ זעץ אין האַרצען אַריין, און ביי יעדען זעץ איהר זאָגען: „נאַ, איבער דיר בין איך געבליבען פאַרזעסען ביז׳ן גרויען צאָפּ! דיינע קינדער געדאַרפט ניאַנטשען! אין די יונגע יאָהרען מיך נישט געלאָזען אַ שעהן קליידעל זיך מאַכען... קיין מאָל זיך נישט אויסגעפוצט און געמוזט נעהמען און שטשאָבען פאַר דיינע טעכטער זיי זאָלען קריגען חתנים... נאַ, און וויים"!....

נאָר חנה איז מיט פאַרביסענע ליפּען. זי שווייגט... זי ענטפערט נאָר:

— זאָל דיך ניט אַרען פאַר מיינע אויגען! ווער דען וועט די אַרבייט אָפּטאָן! אפשר, דו?

— איך בין טאַקי אויסען דיין רעה, אַ שונא איז דיר די אַלטע, קראַנקע מאַמע, הא? באַלד, באַלד וועל איך שוין גיהן פון דער וועלט, וועט דיר זיין בעסער?... אַ לעבען אַוועקגעלייגט פאַר פיער טעכטער, און איצט איז די אַלטע מאַמע אַן איבעריגע...

נאָר חנה פאַרבייסט די דינע ליפּען, פאַרקריצט די ציינער און שווייגט.

און ביידע ווייבער קוקען זיך איבער פיינדליך און פול מיט טרויער.

אַ מאָדערנע הויז.

רעוועקאַ האָט געהאַט דאָס בעסטע צימער אין הויז.

רעוועקאַ, אַ מיידעל, וואָס האָט נאָך יאָהרען שווערע ארבייט זיך ארויפגעארבייט אויף אַ „פּייפּער־סטענד" און געשטאַנען אויף דער פרייער לופט... איהר פּנים פארברענט און פארברוינט פון זון, רעגען און ווינטען ווי די קאָרע פון אַ דעמב. די האָר — אָפּ־געשטעלט זיך אין אַ מוטנעם בלאָנד, ווי זיי וואָלטען פארגעסען גרוי צו ווערען... זי האָט געטראָגען ספּאַקולען, געדרויבערט און תמיד געהאָדעוועט אַ קעצעל. ניט דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי ליעב געהאַט קעץ, נאָר ס'איז תמיד געווען אויף וועמען זיך אָנ־צובייזערען, אויסצושטראָפען און ליעב האָבען. ווי געזאָגט, קעץ האָט זי אפשר גאָר פיינט געהאַט, נאָר איהר קעצעל איז איהר גע־ווען טייער ווי דאָס לעבען.

מיט מענשען האָט זי זיך געקריגט, מחמת זי האָט גע־קראָגען אַ טבע יעדען צו זאָגען דעם אמת אין די אויגען. זי איז אין זיך ניט געווען גענאַרט, און ניט געקענט פארליידען אז אַנ־דערע זאָלען זיין גענאַרט אין זיך... רעוועקאַ איז אָבער געווען אַ גוטער מענש. — שטענדיג יעדען אַ טובה געטאָן. ניט קיין קאַר־גע, האָט מען זי גאַנץ ליעב געהאַט טראָץ איהר עקסצענטרישע נאַטור.

אין אַ צווייטען צימער — תמיד הינטער אַ פארמאַכטע טיר — האָט געוואוינט סאָניע, אַ שטיל מיידעל מיט אַ פּויגלישען נאָז און האָט קיין מענשען נישט אָנגעקוקט. זי האָט געהאַט איהר „פריינד". אין „אַלגעמיינעם צימער" איז זי נאָר אריין ווען זי האָט גענומען טיי פאַר איהר אָדער איהר פריינד.

סאָניע און רעוועקאַ זיינען געווען צוקריוגנטע. רעוועקאַ האָט אַמאָל סאָניע׳ן געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען גלייכער און שעהנער, אַז איהר „פריינד" זאָל זיך אריינקלייבען מיט איהר אין איין צימער און נישט קומען אויף גאַנצענע טעג און האַלבע נעכט — און אַנדערע צאָהלען דירה־געלד און זייער בעל־הבית׳טע קריוודען אויף די עטליכע דאָלאַר.

אין דריטען צימער זיינען געשטאַנען צוויי שוועסטער פון פינסק. הינדע, די עלטערע — אַ גרויסע בעל־גאוה׳טע, מיט רויטע האָר און אַ בלוי־ווייסען פנים. איהר יחוס איז געווען וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט אַ רייכען אַלמן ניט קיין „גע־נאָסע"; בעקי — —אַ יונגע געזונטע מויד מיט אַ פנים וואָס איז רויט, מיט אַ פּאָר רויטע קולאַקעס.

אַ פערטער צימער האָט קיין מזל ניט געהאַט צו באַשטענדיגע „באָרדער" אַלערליי שלעק האָבען זיך שוין אין איהם איבערגע־דרעהט. ענטוועדער ס׳איז געקומען איינער, וואָס האָט זיך פאַר־גענומען די וועלט צו ראַטעווען, אָדער אַזוינער, וואָס האָט גע־פרעדיגט: מ׳זאָל די וועלט לאָזען אונטערגעהן, מחמת ס׳פיהרט דערצו... פון ביידע פּראָבלעמען איז ניט געווען אויף קיין דירה־געלט און דאָס צימער האָט זיך געמוזט אויסליידיגען פאַר אַ דריי־טען, אַ פערטען...

אָט, אויף דעם ליידיגען צימער איז תמיד געווען געשפּאַנט די ערוואַרטונג און די האָפנונג פון די מיידלעך — טאָמער וועט דאָך אַמאָל אַ רעכטער פיש צושווימען צו אונזער ברעג... אויסער איין סאָניע, זי האָט זיך ניט געקימערט, געהאַט איהר „פריינד."

די בעל־הבית׳טע, אַליין, סאָפיע קראַוויץ, איז געקומען קיין אַמעריקאַ, נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעזעסען אַ יאָהר אין אַ רוסישען געפענגנים פאַר פּאָליטישע זאַכען.

זי און רעוועקאַ האָבען זיך געקענט פון מינסק, וואו ביידע האָבען געהערט צום „בונד"; דאָרט זיינען זיי אָבער געווען פון דער ווייטען. סאָפיע איז געווען אַ אינגערע, אַ טוערקע און רעוועקאַ איז שוין געווען אביסעל אָפּגעשטאַנען פון דער באַוועגונג.

אין ניו יאָרק זיינען זיי געווען גוטע פריינד. סאָפּיע האָט זיך דאָ אריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג, געוואָרען א מיטגליעד פון דער פּאַרטיי, פון „ארבייטער רינג", רעוועקאַ אָבער האָט אויף דער היגער באַוועגונג א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ס'האָט איהר דאָ געפעהלט דער רוסישער אמת און דער רוסישער ערנסט... זי האָט בסוד געהאָפט אויף א ביסעלע פּריוואַטען גליק... דאָס האָט זי בעהאַלטען מעהר פון זיך אַליין ווי פון אנדערע.

רעוועקאַ און סאָפּיע האָבען געארבייט צוזאַמען און זיינען צוזאַמען געגאַנגען אויף „מיטינגען". רעוועקאַ האָט קיין איין רעכטען מענשען ניט באַגעגענט — די „אינטעליגענץ" האָט גע־וואָלט זיין אויף קעסט ביי די ארבייטער, די ארבייטער האָבען זיך געוואָלט איינקויפען אין חן ביי דער אינטעליגענץ און נאָר אַזוינע שדוכים זיינען געשלאָסען געוואָרען... סאָפּיע האָט זיך באַקענט מיט באָרים'ען, א בחור וואָס האָט געקליבען „קאַונטס" און גע־זאָלט שטודירען אדוואָקאַט. אין אָנהויב איז איהר באָרים געווען דערוווידער. „קאַריעריסטען" האָט זי פיינט געהאַט — א מאַן דאַרף ארבייטען פאַר דער פּאַרטיי, פאַר דער אָרגאַניזאַציע און נישט זוכען פאַר זיך א קאַריערע צו מאַכען.

און דאָך, דער געדאַנק פּטור צו ווערען פונ'ם שאָפּ און ווע־רען אַן אדוואָקאַט'ס א ווייב, האָט מיט זיסקייט זיך אריינגע'גנב'ט אין דער נשמה פון דער טרוקענער באַוועגונס־מיידעל. סאָפּיע, וועמעס געדאַנקען האָבען זיך תמיד געוועבט אַרום די ווערטער: קאַמפּף, אָרגאַניזאַציע, טעראָר און קאָנספּיראַציע, האָט גיך שלום געמאַכט מיט די ווערטער, ליעבע, היים, קינד און קיך, ס'האָט ניט לאַנג גענומען און סאָפּיע און באָרים האָבען גענומען א צימער אַלס „פריינד".

באָרים איז שטענדיג געווען פון די קליינע ארבייטער. אָבער סאָפּיע איז געווען א גוטע פאַרדיענערקע און ס'האָט גע־קלעקט פאַר ביידען. באָרים האָט געטראָגען זיינע האָר לענגער ווי דער דורכשניט מאַן, שטענדיג אין ווייכע זיידענע קראַוואַטען, מיט ווייסע, ריינע הענט און גוט אויפגעפּאַסטע נעגעל. א פענסנע

אויף דער „קלאַסישער" נאָז האָט איהם אונטערשיידט פון די גע־וועהנליכע מענשען. ער האָט זיך תמיד באַריהמט: ער האָט פראַנ־צויזישע מאַנירען, דאָס ברייטע רוסישע הארץ און דעם גוטען אידי־שען קאָפּ.

עס איז ניט פאַרביינגעלאָפען קיין פולער יאָהר און סאָפיע האָט באַדאַרפט געלעגען ווערען. זי איז אַוועק אין אַ שטאָדטישען האָס־פּיטאַל און דאָרט געבוירען אַ מיידעלע. צוויי וואָכען האָט זי זיך דאָרטען געהאַלטען, צוויי וואָכען איז זי געווען אין דער היים און ווידער אַוועק אין שאַפּ. דאָס קינד האָט זי יעדען פריהמאָרגען געבראַכט אין דער „נוירסערי" און אין די אָוועטען פון דער אַרבייט האָט זי דאָס אַהיים גענומען.

דאָס לעבען איז זיך געגאַנגען גאַנץ גוט, אַ לויף געטאָן אויף אַ יאָהר און אַ האַלב. סאָפיע האָט געאַרבייט און זיך ניט באַ־קלאָגט, באָריס איז געווען אינטעליגענט און „ליעבליך" און סאָפיע איז געוואָרען אויף דער צייט מיט'ן צווייטען קינד. אין האָספּיטאַל האָט זי ניט געקענט געהן, ס'איז ניט געווען וואו איבערצולאָזען דאָס ערשטע קינד.

דאָ איז איהר רעוועקאַ צוהילף געקומען מיט געלט און מיט אַרבייט. זיי האָבען גענומען אַ וואוינונג, די צימערען האָט סאָפיע פאַרדינגען, אַרויסגענומען די דירה־געלט און נאָך פאַרדיענט פון דעם קאָכען. דאָס קינד האָט זי שוין געקענט האָבען אין איהר אייגענער וואוינונג.

סאָפיע האָט געוואַשען, גערוימט פון באַגינען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. באָריס האָט אפילו ביסלעכווייז געאַרבייט, אָבער ס'האָט איהם קוים געקלעקט אויף רויכערען, ראַזירען און זיידענע קראַוואַטען.

באָריס האָט זיך אָנגעהויבען אונטערצוקרימען. די קינדער האָבען איהם ענג געמאַכט און זיינס פאַרנומען... ער האָט פּלוצים גענומען איינזעהן, אַז אַ מאַן טאָר ניט חתונה האָבען. זיין גייסט, זיין נשמה ווערט פאַרקריפּעלט און די שעהנע, הויכע חלומות און שטרע־בונגען ווערען אונטערגעהאַקט ווי יונגע בוימער... ער איז געוואָרען

קאַלט צו איהר. זי האָט אָנגעוואוירען דעם גאַנצען חן וואָס זי האָט געהאַט, ארבייטענדיג אין שאַפּ, מיט'ן געהן שעהן און ריין אָנגעטאָן.

אליין א פוילער מענש, האָט ער זי שטארק באוואונדערט, וואָס זי קען אזוי פריה אויפשטעהן. נאָך א נאַכט זיך אָפּמוטשען מיט'ן קינד, פלעגט זי אראָפּ פריש און מונטער, אוועקגעטראָגען דאָס קינד און אוועק צו דער ארבייט. אָדער אין די קאַלטע, גרויע באַגינענס פלעגט זי א שפּרונג טאָן פון דער ווארימער בעט זיך איינוואשען מיט קאַלטע וואסער, ער אָבער האָט זיך איינגעטולעט אין דער קאָלדרע און ווייטער געשלאָפען. דעמאָלט האָט ער זי ליעב געהאַט און געפיהלט א דרך ארץ פאר איהר.

היינט אָבער, איז זי תמיד געווען פארנומען אין קיך ארום די טעפּ, שלעכט אָנגעטאָן, די קינדער זיינען איהר נאָכגעגאַנגען וויינענדיגע און זי האָט געשריען. האָט ער זי אויפגעהערט צו באטראכטען ווי זיינס א גלייכען. סאָפּיע האָט דאָס דערפילט און זיך אויף טויט דערשראָקען — איהר שעהנער באָרים קען זי נאָך פארלאָזען! האָט זי איהם אָנגעהויבען ארויסצוווייזען אזוי פיעל ליידענשאפט און איבערגעבענקייט, ביז ער איז טיעף גערירט געוואָרען און איהר פארשפּראָכען קיינמאָל זי ניט צו פארלאָזען, אויב זי וועט נאָר ניט זיין א שטער אין זיין לעבען.

ער האָט אין גאַנצען אויפגעהערט צו ארבייטען. איז געשלאָפען ביז האלבען טאָג, געקומען עסען „סאַפּערס" און אוועק א־יף גאַנצע אָוועגטען.

אין דער נשמה פון דער פארזעסענער רעוועקא האָט זיך א כעס אָנגעצונדען קעגען זייביידען. און זי האָט אָנגעהויבען סאָפּיען עפּענען די אויגען און זאָגען דעם אמת...

אין די אָווענטען האָט זי זיך אוועקגעזעצט און מיט איהר גע־טענה'ט, אז קיינער זאָל פיט הערען:

— ווען ניט אייער „פראַנטעל" וואָלט איהר אפשר אמאָל צו זיך געקומען. און וואָס וועט זיין דער תכלית? איהר וועט האָבען נאָך א קינד און נאָך א קינד, ער ווערט אינגער און שעהנער

און איהר — אַן אַלטע אידענע מיט קנייטשען און גרויע האָר. איהר דאַרפט איהם אַרויסטרייבען ווי אַ הונט און האָדעווען אייערע קינדער!

צוערשט איז סאָפּיע געוואָרען אַן אויפגעקאָכטע אויף רעוועקאַ'ן. שטייטש, ווי האָט זי זיך ערלויבט איהר אַזוי צו זאָגען?! אַ פּאָר טעג האָט זי מיט איהם ניט גערעדט. אַ צווייטען אָוועגט ווען רעוועקאַ האָט איהר באַוויזען ווי ער לעבט און ווי זי, האָט זי זיך צעוויינט און רעוועקאַ'ן גערעכט געגעבען. אַ דריטען און אַ פערטען אָוונד — און סאָפּיע האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה מיט באָרים'ען צו רעדען.

זי האָט איהם געגעבען אָפּט אָנצוהערענישען, ער זאָל געהן אַרבייטען און כאָטש פאַר זיך פאַרדיענען. באָרים האָט סאָפּיע'ן אָנגעקוקט ווי אַ משוגע'נע. וואָס עפּעס פּלוצים? האָט ער גלייך חושד געווען, אַז דאָס מוז זיין רעוועקאַ'ס אויפטו, שפּעטער האָט זי איהם שוין געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען ער זאָל זי פאַרלאָזען. פאַר זיך מיט די קינדער וועט זי פאַרדיענען, אָבער פאַר אַלעמען קען זי ניט. פון פאַרלאָזען האָט ער גאָר ניט געוואָלט הערען. וואָס איז ער אַ הולטיי, אַ טויגניכץ, ער וועט פאַרלאָזען אַ פרוי מיט קינדער?... און איבערהויפּט, ווי וועט ער דאָס קענען לעבען אָהן די קינדער?

האָט באָרים געפּרובט זיך צו שאַרען צו רעוועקאַ'ן, ער האָט איהר צוגעוואָרפען וואַרימע בליקען, אויסמאַקירט פאַרבייגעהענדיג זיך אָנצוריהרען אָן איהר, פאַרבראַכט אַ פּאָר אָוועגטען אין דער היים צוליעב איהר און געזאָגט, אַז מ'קען זיך נאָך אין איהר שטאַרק פאַרליעבען...

רעוועקאַ האָט פאַרשטאַנען זיינע שטיק. זי האָט געוואוסט, אַז ער טוט דאָס אַלץ, דער פוילענצער, צוליעב אַ שטיקעל ברויט און אַ נעלעגער. האָט זי איהם גענומען זידלען און ענג מאַכען דאָס הויז. פאַר איהר האָט ער זיך דערשראָקען און פאַרשעהמט, גענומען איינפּאַקען זיינע זיידענע קראַוואַטען און פאַרלאָזען דאָס הויז.

אין א האלב יאָהר ארום האָט ער זיך באוויזען. געקומען זעהן די קינדער... דערווייל האָט ער סאָפּיע'ן דערצעהלט, אז ער האָט געקראָגען זעהר א גוטע שטעלע אלס בוכההאלטער אויף גרויסע גע־האלט. ער דארף בלויז האָבען אויף די ערשטע וואָך אויף „קאר־פעיר" און מיטאָגען. ער וועט דאָ בלייבען נעכטיגען כדי מאָרגען ניט צו פארשפעטיגען אויף דער נייער שטעלע.

באגינען איז שוין סאָפּיע געוועזן אויף די פיס און איהם צו־געגרייט פרישטיק און מיטאָג מיטצונעהמען. זי איז צו אויף די שפּיץ פינגער איהם אויפוועקען. האָט אָבער קיין הארץ נישט גע־האט. ער איז אזוי שעהן און אָהן זאָרג געשלאָפען — דער שוואר־צער קאָפּ אויפ'ן ווייסען קישען, דאָס פּנים איידעל. ס'איז דאָך איהר שעהנער באָרים... ווי ליעב זי האָט איהם דאָס מאָל געהאט. אין פלוג איז זי איהם אלץ מוחל געוועזן... מיט א קוש האָט זי זיך צוגעבויגען איהם אויפצואוועקען. ער האָט האלב שלאָפענדיג און האלב תאכענדיג איהר אין בעט אריינגעצויגען און אויפ'ן אויער איהר געזאָגט:

— ס'מאכט ניט, סאָפּיע, איך וועל קענען געהן מיטאָג־צייט צו דער ארבייט...

ווי זי האָט דערהערט, אז רעוועקא איז אויפגעשטאנען, איז זי גיך אראָפּגעשפרונגען פון בעט א פארשעהמטע און גענומען זיך פאָרען פאר רעוועקא'ן פרישטיק.

רעוועקא האָט אָבער צו איהר ניט גערעדט און צו־מאָל אין איהר ווינקעל ניט געקוקט. דעם פרישטיק האָט זי אויך ניט גע־געסען.

מיטאָגצייט איז באָרים אוועק, זיך געזאָמט א פּאָר שעה. גע־קומען צוריק: ער פאנגט אָן צו ארבייטען ערשט אין א וואָך ארום.

די גאנצע וואָך איז ביי איהם געוועזן א „האָניג־וואָך".

רעוועקא האָט צו זייביידען ניט גערעדט. אין די אָוועטען, אז זי איז געקומען פון איהר „סטענד" האָט זי א שטילע און א ברוגז'ע אָפּגעגעסען, גענומען די קאַץ און אריין צו זיך אין צימער. ס'איז אוועק צוויי וואָכען, אלץ האָט געזאָלט זיך אומקעהרען

אויפ׳ן אלטען שטייגער. האָט זיך סאָפּיע צעוויינט פאר רעווע־קאַ׳ן, אז זי האָט שוין באלד ניט קיין כח צו ארבייטען ווי אמאָל. רעוועקאַ איז איהר ווידער אמאָל צוהילף געקומען און איהם גע־הייסען געהן.

די אייגענע מעשה האָט זיך געזאָלט איבער׳חזר׳ען אין עט־ליכע חדשים ארום. באָרים איז ווידער געקומען מיט א פארטיגער שטעלע. האָט רעוועקאַ געכאַפּט א בעזים און אויף א קוויטשיגען קול געשריען:

— ארויס פון אונזער שטוב, איהר פוילענצער! געקומען צונעהמען דעם ביסען ברויט פון די קינדער! ארויס! וועט איהר זיך נאָך אמאָל ווייזען צוברעך איך אייך רוק־און־לענד!

ער איז שוין מעהר ניט געקומען.

ס׳איז אוועק א פּאָר יאָהר, סאָפּיע איז אין דער צייט אביסעל צו זיך געקומען. געהאט א פּאָר דאָלאר, א רויטע בלוזע פאר זיך, א ריוט קליידעלע פאר אָלגאַ׳ן און א רויט רובאשקעלע פאר מאטווייטשיקלען. אט די רויטע בגדים זיינען געווען די איינציגע זאכען וואָס האָבען זי נאָך פארבונדען מיט דער באוועגונג און סאָציאַלער רעוואָלוציע.

. . . .

עס האָט געטראָפען, אז דאָס צימער איז ווידער געבליבען אָהן א „באָרדער“. די ווייבער האָבען ווייטער געהאַפּט און גע־וואַרט: אפשר וועט דאָך אמאָל א רעכטער פיש צושווימען צו אונזער ברעג.

סאָפּיע, רעוועקאַ און הינדע זיינען יעדען אוועגד געווען אין הויז — ס׳איז ניט געווען וואוהין צו געהן. סאָניע איז תמיד געזעסען ביי זיך, הינטער דער פארמאַכטער טיר, מיט איהר פריינד, און בעקיען האָט הינדע נישט געקאָנט איינהאלטען אין הויז. איז אלע דרייען געווען שטארק אומעטיג, און מ׳האָט געבענקט, אז ס׳זאָל זיך ווער ארייגקלייבען אין ליידיגען צימער, א נייער מענש...

יעדען פארנאכט, מיט׳ן גוטען אוועגד צו גליך, האָבעןביידע, הינדע און רעוועקאַ, גלייך געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך, פאַרדונגען דאָס צימער ?

און איין אָווענד איז סאָפּיע אַנטקעגנגען געלאָפען רעוועקאַ׳ן אויף די טרעפּ און איהר אָנגעזאָגט, אַז דאָס צימער איז שוין פאַרדונגען.

— טאַקי, וועמען ? א מאַן ?

— יאָ, אָבער נישט קיין „נאַש בראַט״ — האָט זיך סאָפּיע פאַרענטפערט — לעננער האָב איך שוין ניט געקאָנט וואַרטען.

— איז וואָס ? וועט ער פּינקטליכער צאָהלען און לעננער זיך האַלטען...

— פון רעסטוועגען...

— וואָס פון רעסטוועגען ! זייט נישט קיין נאַר ! — האָט זיך רעוועקאַ געבייזערט — מיט „געגנאָסען״ איז גוט זיך צו טיילען מיט׳ן חלק לויתןנאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָבער נישט וואוינען צוזאַמען. נאָך וויינינג אייך ? !

אָט קענגען דעם „נאָך וויינינג אייך״ האָט שוין סאָפּיע גאָר נישט געפונען וואָס צו זאָגען.

רעוועקאַ, בעת זי האָט גערעדט וועגען געגאָסען, איז איהר פּנים געוואָרען אַ פאַרביטערטער. די גרויע אויגען הינטער די ספּאַקולען האָבען אויפגעגלאַנצט מיט צאָרן און די הויכע קינבאַקען זיינען געוואָרען אַזוינע בייזע ! איהרע רייד זיינען געווען מיט גאַל. און סאָפּיע האָט שוין געוואוסט, אַז זי דאַרף זיך פאַר זיי נישט איינשטעלען.

אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז סאָניע געקומען. סאָפּיע האָט איהר אויך אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דאָס צימער איז פאַרדונגען. זי האָט עס אויפגענומען גלייכגילטיג און אריין אין צימער.

הינדע און בעקי זיינען געקומען צוקריענטע. בעקי האָט זיך אויסגעלערענט אין שאַפּ אַ גאַסען־ליעדעל און הינדע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגען דאָס פּרעכע געזאַנג, האָט בעקי דאָס דוקא געוואָלט זינגען.

זי האָט פאַרריסען די אויגען אין אַ תאוה־שמאַכטענדיגער פּאָזע און מיט „הוטשי־קוטשי״ באַוועגונגען געזונגען :

O, my love, will you please,
Pull down the curtain !

און דרעהענדיג זיך מיט'ן געזונטען קערפער און פארוואר־פענדיג די הענט, ווי זי וואָלט א געליעבטען אין די אָרעמס א כאפ געטאָן, געענדיגט :

O, my love, don't you see,
I'm madly flurtin' !

הינרע האָט זיך ווילד צושריען, כאפענדיג א בעזים :

— רבקה, סטאפ ! איך פּלעט דיר דעם מוח ! דו חצופה ! שעהמסט זיך נישט צו זינגען אזוינע ליעדער ! ?...

רעוועקא האָט הינדען גערעכט געגעבען, נאָר אז זי האָט געזעהן ווי סאָניע איז אנטלאָפען, און נישט געקאָנט הערען בעקי'ס זינגען, האָט זי זיך איהר נאָכגעקרימט : די „פיצקאניעס".

נאָכ'ן סאפּער, איז בעקי אנטלאָפען אין גאס. סאָניע איז אריין צו זיך אין צימער און רעוועקא מיט הינדען זיינען געבליבען העלפען סאָפיען וואשען דאָס געפעס און צוראמען אין שטוב. אלע דריי זיינען געבליבען ווארטען אויף דעם נייעם „באָרדער". אלע האָבען געווארט צוזאמען און יעדע פון זיי באזונדער...

ארום ניין דעם זייגער איז ער געקומען. דאָס איז געווען א דאר נידעריג מענשעל, אין א העלען, לייכטען אויבער־מאנטעל ; א מאָדנער שמייכעל איז געלעגען אויסגעלעגט אויף זיין פנים, א שמייכעל פון איין אויער ביז דעם אנדערען. די אויגען ווי מוטנע וואסער מיט א פארבאהאלטענער שרעק אין זיי ; א פליך, א פלאטשיגע נאָז און רויטע קינבאקען האָבען איהם אויך קיין חן נישט צוגעגעבען.

רעוועקא און הינדע זיינען געבליבען אנטטוישטע : קיין רעכטע פיש שווימען צו אונזערע ברעגעס נישט צו.

סאָפיע האָט איהם פאר זיי פאָרגעשטעלט אלס מיסטער מייעראָוויץ, און מ'האָט איהם גלייך געבעטען צו טעע.

צוליעב איהם האָבען זיך שוין אַלע דריי געזעצט ביים טיש און מ'האָט געטרונקען טעע מיט ווארעניע.

מייעראָוויץ האָט געטרונקען זיין טעע, מיט א מאָדנעם שמייכעל געקוקט פאר זיך און געשוויגען.

רעוועקא האָט גערויכערט, געגלעט די קאַץ אין איהר שויס, און פון צייט־צו־צייט א זופּ געטאָן.

הינדע האָט געמישט איהר טעע, נערוועז אָפּקלאַפּענדיג דאָס טעע לעפעלע אָן דעם גלאָז און סאָפּיע האָט איהר'ס געטרונקען מיט א לייכטען כליאָבען.

א מאָדנע, געדריקטע שווייגען איז געהאנגען. א שווייגען, וואָס האָט זיך געפיהלט, אז איטליכער וויל וואָס זאָגען, נאָר די ווערטער קומען נישט אויף דער צונג... אפילו מאטוויטשיקעל, וואָס האָט כסדר גערוינט אָדער געשריען, האָט אויך געשוויגען און אויף אַלעמען מאָדנע געקוקט.

דאָס שווייגען האָט אזוי אָנגעהאלטען, ביז הינדע, כדי עפּעס צו זאָגען, האָט ארויסגעפּלאצט:

— רעוועקא, טאָמער וואָלט איהר ארונטער געלאָזען די פּאַס־קודנע קאַץ!

— פּאסקודנע זיינען מענשען, נישט קעץ! האָט רעוועקא זיך באַלײדיגט און געקוקט אויף מייעראָוויטץ'ען.

— קעץ זיינען פאַלשע! — האָט זיך הינדע געוואָלט פאר־טיידיגען.

— דאָס האָבען מענשען, וואָס זיינען אליין פאלש און געמיין, אויסגעטראַכט. קעץ האָבען געפיהל, קעץ זיינען דאנקבאר... — האָט רעוועקא די קאַץ צוגעדריקט צו זיך.

הינדע האָט געשוויגען.

— איהר ווען נעהמען א מענשען — איז זיך רעוועקא פאר־גאנגען אין גאַליגען כעס — א מענשען וואָס געהט אום שלינג און שלאַנג אויף דער גאַס, איהר ווען איהם געבען עסען, בגדים; איהר זיין זיין פריינד, האָט איהם ליעב... ער ווערט אויף אייער

חשבון א דאָקטאָר, א רעדנער, שפּיעלט א ראָלע אין קוואַרטאַל און — נאָכדעם דערקענט ער אייך נישט אויף דער גאַס...

סאָפיע און הינדע ווייסען שוין וואָס זי מיינט און וועמען זי מיינט...

רעוועקאַ האָט נאָך העפטיגער גענומען טוליען און גלעטען די קאַץ.

מייעראָוויץ, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען מיט'ן שמייכעל פון א פאַרזעהעניש, האָט פּלוצים אַרויסגעלאָזט א הייזעריגען, אָפּגעהאַקטען, נישט דערענדיגטען לאַך:

— זי איז גערעכט! ווער זיינען די מוסרים, שפּיאָנען, פאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָרס, מענשען צו קעץ? ווער האָט באַגראָבען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווער?

אַלע האָבען איהם אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. ער אָבער האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב געוואוינט מיט מיינעם א „טאָוואַרישטש", און אַז מיר האָבען זיך צוקריגט. איז ער געגאַנגען און דערצעהלט דעם פּאָליציסט אויף דער עק גאַס. אַז איך האָב אַנטייל גענומען אין דער באַוועגונג צו טויטען פאָן פּלעווע, און היינט איז נישטאָ קיין איין פּאָליציסט אין גאַנץ ניו יאָרק, וואָס זאָל דערפון נישט וויסען. אָט דאָס קאָנען טאָן מענשען!...

סאָפיע און הינדע האָבען נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך מיט איהם. נאָר רעוועקאַ האָט גענומען פיהלען שטאַרק אונהיימליך.

מייעראָוויץ, נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ, ווי דורך א קאַנאָן אויסגעשאָסען, איז ווידער אַריינגעפאַלען אין א שווייגען מיט א שמייכעל פון אַן אויסגעשניצטען געץ, און געבליבען תם'עוואַטע.

און ווידער איז געקומען א שווייגען.

סאָפיע איז אַוועק לעגען דאָס קינד שלאָפען.

הינדע האָט געהאַט א חשד, אַז בעקי איז אַוועק אין די „מואוויס" מיט א בחור פון שאַפּ, וועמען הינדע האָט פיינט געהאַט. זי האָט געכאַפּט א פּאַטשיילע און געלאָפען זוכען.

רעוועקא איז געבליבען אליין מיט מייעראָוויץ'ען.

אין א פּאָר מינוטען האָט שוין סאָפיע געכראָפּעט. מאַט־וויטשיקעל האָט זיך אַרונטערגעגנב'עט פון בעט, גענומען צו־לויפען צו רעוועקא'ן און אַרויף אויף איהר שוים.

— וואָלט איהר דאָס ווען געגלויבט — האָט מייעראָוויץ מיט א סוד זיך געווענדעט צו איהר — וואָלט איהר דאָס ווען גע־גלויבט ? ס'איז אמת, אז איך האָב פון אלץ געוואוסט, און נאָך מעהר ווי געוואוסט... און אין יאָהר ניינצעהן־פינף האָב איך גע־שפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דער רעוואָלוציע, געוואוסט פון אלץ וואָס אין „צע־קא" קומט פאָר. אָבער דעם מאָרד האָב איך נישט געהאָלפען דורכפיהרען. און מיינט איהר, אז מיין אמת'ער נאָמען איז מייעראָוויץ ? מיין אמת'ן נאָמען טאָר קיין מענש אויף דער וועלט נישט געוואָהר ווערען. טאָמער יאָ, בין איך א פארלוירענער !...

אודאי האָט איהם רעוועקא אלץ געגלויבט, איהם אויף אלץ געגלויבט, נאָר איהר אומרוהה איז אלץ געוואקסען מיט דער מינוט ; זי האָט זיך געוואונשען, הינדע זאָל אַרויפקומען, עפּעס זאָל געשעהן, אז זי זאָל נישט זיצען מיט איהם אליין.

הינדע און בעקי זיינען גלייך אַרויף, זיך קריעגענדיג און שילטענדיג ; מאַטווייטשיקעל האָט זיך צושריען, ס'איז געוואָרען א שטיקעל טומעל. אין הו־הא האָט זיך סאָפיע אויפגעכאַפּט מיט צושויבערטע האָר.

מייעראָוויץ האָט געמיינט, אז דאָס גאַנצע הויז איז מיט אמאָל משוגע געוואָרען, האָט ער אָפּגעבויט ביי זיך אין צימער.

ארום צוועלף דעם זייגער האָבען זיך אלע געלעגט שלאָפען. נאָר רעוועקא האָט נישט געקאָנט איינשלאָפען, ס'האָט זיך איהר כסדר וואָס אויסגעדוכט... אָט, איז מייעראָוויץ אַרונטער פון זיין בעט און קוקט דורכ'ן שליסעל־לאָך אויף איהר... און דאָ פּרוּווט ער זיך גאָר אַריינרייסען צו איהר אין צימער... א ציטערענדיגע איז זי אַרונטער פון בעט מיט'ן טיש און שטוהלען פארבאריקאַדירען די טיר וואָס האָט אָפּגעטיילט איהר און זיין צימער.

מייעראָוויץ איז אויך נישט געשלאָפען. ער האָט געטראַכט אין וואָס פאַר א מאָדנער הויז ער איז דאָ אריינגעפאַלען: די באַלעבאָסטע אין דער רויטער בלוזע, וואָס האָט אזוי שטאַרק געקוקט אויף איהם... די שטילע, פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס האָט אַלע עטליכע מינוטען, ווי א פויגעל, אריינגע־שוועבט כלומר׳שט נאָך א גלאָז טעע... די רויטע הינדע, וועלכע האָט אזוי נערוועז געקלאַפּט מיט׳ן לעפעלע אָן דער גלאָז מישענדיג דעם טעע, די שוועסטער מיט די פּאָר געזונטע קולאַקעס; און זי, מיט דער קאַץ... וואָס וויל זי? וואָס דרעהט זי זיך דאָ ארום דער טיר?... וויל זי זיך אריינרייסען צו מיר אין צימער?!... ביי דעם געדאַנק איז ער מיט א שפּרונג אראָפּ פון בעט, איילענדיג זיך אָנגעטאָן, פאַרפּאַקט זיין טשעמאָדאַן און אויפגעשלאָסען די טיר, וואָס האָט געפיהרט אין קאָרידאָר. פאַרטיג געוואָרען, האָט ער זיך שוין אזוי נישט געשראָקען און איז צוגעגאַנגען צו איהר טיר. ער האָט זי דערזעהן דורכ׳ן טיר־שפּאַלט און אָנגעהויבען אויף איהר צו שרייען:

— אהא! איהר האָט זיך געוואָלט אריינרייסען צו מיר אין צימער, כלומרשט הערען וועגען מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, און דערווייל דערגעהן ווער איך בין? אָבער איך דערקען אייך!... מ׳האָט מיר אונטערגעשיקט קעקערע מענשען פון אייך: די שעהנסטע דייטשע באַראָנעסע, פּאַריזער טענצערקעס און סתם כשר׳ע אידישע טעכטער. אָבער איך דערקען אייך! קען אייך און האָס אייך!... איהר געמיין שפּיאָנען געזינדעל! אייך ווילט זיך גריילוך וויסען צי איך האָב טאַקי דער׳הרג׳עט פּאָן פלעווע, הא?!...

ארויספלאַצענדיג מיט דער לעצטער פראַגע, האָט ער זיך ארויסגעריסען פון הויז.

רעוועקאַ האָט פריי אָפּגעצויגען דעם אָטעם. זי האָט פאַר־שלאָסען די טיר. ס׳האָט זי שטאַרק געפרעהט, וואָס קיינער אין הויז האָט נישט געהערט, און געמאַכט א טומעל. אפילו הינדע,

וואָס האָט קיין שלאָף נישט געהאַט, האָט אויך נישט געהערט.
זי האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. די קאַץ האָט שוין גע־וואוסט, אַז דעמאָלט מעג זי אַרויף אויף איהר שויס. זי האָט גע־נומען טראַכטען פון דער באַוועגונג ווי פון אַ גרויסען חורבן: צוזאַמען געפאַלען... אַלץ איז צו בראָכען... דער דור וועט שוין גאָר נישט אויפטאָן. משוגעים! לויטער משוגעים...
און דאָס האַרץ און די נשמה אין דער טרוקענער באַוועגונגס־מיידעל האָבען געוויינט אויף דער באַוועגונג. זי האָט אויף באַ־וויינט איהר אייגען פאַרשפּיעלט לעבען, און די טרערען האָבען זיך אויסגעמישט.
אויף מאָרגען, האָבען: סאָפיע, רעוועקאַ און הינדע באַ־שטימט, אַז דאָס צימער איז זיכער אַ שלים־מזל'דיגס און דאָס גאַנ־צע הויז איז עפּעס אַ מאָדנע... און אַז מ'האָט דאָס געזאָגט פאַר סאָניע'ן, האָט זי זיי אָנגעקוקט מיט אויגען און נאָז פון עפּעס אַ מאָדנער פויגעל זיך גע'חידוש'ט און געשוויגען.

דרך-ארץ.

גאָסי און סעם האָבען זיך צואָווערטעלט. סתם פון היימ־ליכקייט ווענען זי, גאָסי, האָט ליעב מיט סעם'ען זיך דורכצו־ווערטלען. נאָכדעם בעט ער זי תמיד איבער און ער ווערט זיס ווי האָניג. אז עס געהט פאַרביי אמאָל א וואָך און זיי קריגען זיך ניט, פאַרגעסט ער גאָר זי ליעב צו האָבען... אָבער דאָס מאָל איז סעם אריין אין כעס אויף זיין יונגע־ווייבעל און זי נישט איבערגעבעטען.

גאָסי'ן האָט עס געברענט ווי פייער; ס'איז איהר געוועון אומעטיג אין הויז צו זיין. קומט צו געהן פון דער ארבייט עסט אָפּ, דרעהט זיך ארום ווי א באָרדער, לייענט א צייטונג, שפּיעלט זיך מיט'ן קינד, אָבער זי קוקט ער ניט אָן.

ס'איז געקומען זונטאָג אין דער פריה. צו דער ארבייט איז סעם ניט געגאַנגען, האָט ער אָנגעטאָן זיין זונטאַג'דיגען אנצוג מיט א נייעם קראַוואַט, גלאַט ראַזירט האָט ער אויסגעזעהן שעהן ווי אין זיינע בחור'שע יאָהרען. דאָס האָט זי אַזוי געקרענקט, אז זי האָט ניט צוגעגרייט קיין פריהשטיק, ניט אויפגעראַמט דאָס הויז, אליין ארומגעגאַנגען ניט פאַרקאַמט און אָנגע'ברוגז'ט; דערצו איז איהר נאָך דאָס קינד א מינוט פון די הענט ניט ארונטער. זי האָט אפילו קיין צייט ניט געפונען די שיך צו פאַרקנעפּלען.

פלוצים האָט זי זיך אָנגעצונדען פאַר כעס, אראָפּגעלאָזען דאָס קינד פון די הענד און, דאָס א שטופּ געבענדיג בייז, אויסגעשריען אויפ'ן קינד:

— געה צו דיין טאטען, געה, ער מעג דיך אויך האלטען די הענד האָט ער מיר אָפּגעריסען!

דאָס קינד האָט זיך צוואווייגט און דער פאָטער האָט עס איבער־גענומען מיט ליעבשאפט און צוגעוואָרפען גאָסי'ן א גיפטיגען בליק.

— אז מ'האָט א מאמען אזא בעל־הבית'טע...

— געפעלט דיר ניט? האָסטו זיך געזאָלט נעהמען, די גרינ־האָרן, די קוזינע. זי וואָלט שוין געווען א גוטע בעל הבית'טע...

סעם לייבאָוויטץ איז אהער געקומען א קינד, זיך אויפגעהאָ־דעוועט אין די ניו יאָרקער ענגע, אידישע גאסען. איבערגעטאָן כל עבודת פרך, שעהנע ארבייט און מיאוס'ע, און קיין איידעל קינד איז ער נישט אויסגעוואקסען. אן איידעל געפיהל איז אָבער תמיד וואך געווען אין איהם פאר זיין שוועסטער־קינד חנה'ן; אן עלטערע מיידעל, ניט קיין שעהנע און אן עלענדע אין ניו יאָרק. אויף איהר האָט ער רחמנות געהאט וואָס זי האָט נישט חתונה געהאט, וואָס זי ארבייט אזוי שווער אין שאפּ. און זי האָט אויף איהם רחמנות געהאט, וואָס ער האָט זיך אויסגעהאָרעוועט אָהן עלטערען און אזוי פארגרעבט געוואָרען. זי פלעגט איהם שטענדיג דערצעהלען פון זיין פאמיליע אין דער היים, ווי שעהן זיי לעבען זיך דאָרטען אינ'ם קליינעם שטעדטעל און ער האָט זיך געפיהלט שטאָלץ מיט זיין פאמיליע און חנה'ן האָט ער ליעב באקומען ווי א גוטע שוועסטער.

— דו לאָז בעסער צופריעדען חנה'ן, הערסט! — איז ער אריין אין כעס — זי איז מיין קוזינע און אן עלענדע דאָ... זעה בעסער, ווי שמוציג אין הויז איז און ווי דו זעהסט אויס!...

— איך האָב דיך מיט דער קוזינע דיינער, די פארשוינדעל...

סעם איז אויפגעשפּרונגען א צוקאָכטער, און מיט דעם קינד אויפ'ן האנד, איהר דערלאנגט א זעץ אין פּנים מיט דער אנדערער.

גאָסי האָט אָנגעהויבען שרייען:

געוואלד מענשען ראטעוועט! מיין מאן וויל מיך דער'הרג־ענען אויף טויט! געוואלד! רופט פּאָלים!

סעם האָט גאַנץ געלאַסען פאַרשלאָסען די טיר, אַראָפּגעלאָזט דאָס שרייענדיג קינד, און ווען זי איז געשטאַנען מיט א שוך אין האַנד, איהם אין קאָפּ צו וואַרפען, האָט ער זעהר פלינק אויס־געמיעדען דעם פאַלענדען שוך און זי אַריינגעשלעפּט אין שלאָף־צימער. ער האָט זי א וואָרף געטאָן אויף דאָס ניט פאַרבעטע בעט מיט׳ן מויל אין קישען, און קאַלטבלוטיג און האַרצלאָז זי געשלאָגען. גאָסי האָט מיט אַלע כחות זיך איבערגעדרעהט מיט׳ן פנים צו איהם. זי האָט מעהר נישט געשריען; זי איז געווען צופיעל דערשראָקען. זי האָט אָנגעקוקט מיט א טויט שרעק זיין, מיט בלוט אָנגעלאָפענעם, פנים און ווילדע אויגען. זי האָט אינסטינקט־טיוו געוואָלט לייענען אויף זיין פנים, צו ער מיינט זי אויף צו דער׳־הרג׳ענען.

— סעם לאָז אָפּ, דו וועסט מיך דאָך אויף טויט צו דער׳־ענען! — האָט זי געוויינט, אַרומגעכאַפּט זיין האַלז, זיך געטוליעט אָן איהם און געוואָלט די רציחה אין איהם פאַרבייטען אויף תאוה צו איהר. . . .

ער האָט זי א וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט און מיט פאַראַכטונג אַריין אין עס־צימער.

עס האָט אין איהם געציטערט יעדער עבר; דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט זי געשלאָגען... ביז היינט נאָך קיין פינגער אויף איהר ניט געלעגט. ער האָט געשלאָגען זיין ווייב... זיין גאָסי׳ן; ער איז געווען צוטומעלט און דערשראָקען...

גאָסי איז אויפגעשפרונגען פון בעט, א צורייצטע און מיט א טיגערישער פלינקקייט געכאַפּט אויף זיך א לאַנגען מאַנטעל, פאַרשפּיעלעט די שיך, גענומען דאָס קינד און די שליסלען און איז אַרונטער די טרעפּ.

סעם איז געווען זיכער, אַז זי געהט נאָך א פּאָליסמאַן איהם צו לאָזען אַרעסטירען. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען צו אַנט־לויפען. ער האָט זיך אָבער נישט געריהרט פון אָרט; געשלאָגען דאָס ווייב, ער וועט נישט לייקענען, אָבער לויפען וועט ער נישט, זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין... ער איז געבליבען זיצען און גע־

ווארט. עס אזי אוועק א שעה און צוויי און גאָסי איז מיט קיין פּאַליסמאַן ניט געקומען חרטה האָט איהם געמאַטערט, ער האָט זיך דערמאָנט ווי שעהן זיינע שוועסטער און ברידער לעבען זיך אין דער היים.

נאכט איז צוגעפאלען, קיין פּאָליסמאַן איז נישט געקומען נאָך איהם און סעם האָט אָנגעהויבען פיהלען א דרך ארץ פאר גאָסי'ן . .

ער האָט אויסגעטאָן די זונטאָג'דיגע קליידער און א הונגע־ריגער זיך געלעגט שלאָפען. איינשלאָפען האָט ער נישט געקענט; הונגער און חרטה האָבען נישט דערלאָזען . . .

ארום צוועלף ביינאכט האָט ער געהערט ווי גאָסי איז גע־קומען מיט'ן קינד, ער האָט געמאכט זיך שלאָפענדיג און גע־וואָלט זעהן וואָס זי וועט טאָן. זי האָט געלעגט דאָס קינד אין וויגעלע, א ווײַלע שפּעטער האָט ער דערשמעקט דעם ריח פון זיסע אוגערקעס און פרישע קאפע. א הונגער האָט איהם גענומען נאָגען ביז צום וועהטאָג, ער האָט אָבער מורא געהאט פון אָרט זיך א ריהר צו טאָן, און געוואַרט און געלויערט ווי א קאַץ צו זעהן וואָס זי וועט טאָן. ער האָט געהערט ווי זי לעגט זיך אויך אין בעט אָן אָנגעטועגנע און גאָר ביים ברעג. נאָר ביסלעכווייז, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, זיך אַלץ דערנעהנטערט צו איהם. ער האָט זיך גע־מאכט שלאָפענדיג און געזיפצט פונ'ם שלאָף. און אָט האָט ער דערפיהלט זי גאָר נאָהענט צו זיך און איהר באַק קעגען זיינער. א ציטער איז דורך זיין קערפּער אוים ליעבשאפט צו איהר. נאָר ער איז געשלאָפען . . .

— סעם . . . — האָט זי א זאָג געטאָן מיט ווייכקייט און פול ליעבע.

ער איז אויפגעשפרונגען, געכאפט זי אויף זיינע הענד ווי זי וואָלט געווען א קליין קינד. ארומגעלאָפען מיט איהר אויף די הענד זי קושענדיג און וויינענדיג פון גרויס גליק און פרייד.

— גאָסי, מאי דארלינג גוירל! — האָט ער באַגייסטערט זי גערופען.

— לאַיק אַ טרו אַמעריקאַן גוירל! האָסטו גענומען די קלעפּ, ווי אַ העלדין פון אַ „סטאָרי", און איך ליעב דיך! איך ליעב דיך היינט מעהר ווי אַלע מאָל!

זי איז געלעגען אויף זיינע הענד אַ צופריעדענע; איין אויג איז איהר געווען צוקלאַפּט ברוין און בלאָה און מיט דער אַנדערער האָט זי נעקוקט אויף איהם פול אַנטציקונג.

— אָבער ביסטו שטאַרק, סעם, ווי אַ „פּרייז פייטער"! אַ גאַנצען טאָג בין איך געלעגען און מיט קיין גליעד זיך נישט גע־קאָנט ריהרען פון וועהטאָג. דער טאַטע האָט געוואָלט זיך געהן שלאָגען מיט דיר. ער געהט זיך שלאָגען מיט דיר!... שיכור איז ער אויך געווען האָב איך און די שטיפמוטער נישט דערלאָזען. און איך בין געלעגען און געטראַכט, ווי שטאַרק דו ווערסט מיך ליעב האָבען, ווען איך וועל אהיים קומען...

ער האָט זי ווילד און ליידענשאַפטליך געקושט און איהר גע־מאַכט קאָמפּלימענטען.

— דעם טאַטענ'ס אַ טאָכטער! זיך אויפגעהאָדעוועט אויף זיינע קלעפּ מיט'ן בייטש! פּאָרט אַן „עקספּרעסמאַנ'ס" אַ טאָכ־טער! ענד לאַיק אַ טרו אַמעריקאַן גוירל!

איינס פאַרטאָג האָבען זיי געגעסען סאַפּער, פרעהליך גערעדט און געקייכט פון געלעכטער. זי האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אַמאָל מייק'ען אָנגעבראָכען דיביינער דערפאַר, וואָס זי איז גע־גאַנגען מיט איהם צו אַ „דענס". איהר לינק אויג האָט געפינקעלט שוואַרץ און פול פייער. דאָס רעכטע איז געווען פאַרמאַכט מחמת דאָס לידעל איז געווען אָנגעשוואָלען. זי איז געווען גליקליך. זיין ליעבע האָט זיך געהאַלטען ביים אָפּקיהלען, און דאָ מיט אַמאָל איז געקומען די צערטליכקייט פון חתן־כלה צייטען און די ווילדע ליעבע פון גלייך נאָך דער חתונה. גאָסי איז געווען שטאָלץ און גליקליך און מיט גאוה געקוקט אין שפּיגעל אויף איהר אונטער־געשלאָגענער אויג. דאָס ערשטע מאָל, אַז זי האָט געקראָגען גע־שלאָגען פון איהר מאַן... און... ס'איז גאָר ניט אַזאַ געפעהרליכע זאַך... איצט טוט איהר אין ערגעץ ניט וועה... און דאָס אויג וואָס

ס'איז בלוי ? וועט זי שוין געפינען א תירוץ מאָרגען... אָבער ווי וועט דאָס סעם זיין צו איהר !... מאָרגען וועט שוין זיין „מואווים", ער וועט שוין נישט געהן שפּיעלען פּינאָקעל און זי איבערלאָזען אליין...

אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען סעם איז אויפגעשטאנען צו געהן צו דער ארבייט, האָט אין שטוב געלויכטען אין אלע ווינקע־לאך. א גוטער פריהשטיק איז געשטאנען אָנגעגרייט און געווארט אויף איהם. גאָסי איז געווען אָנגעטאָן אין א שעהנע קימאָנע א צופריעדענע. ער האָט אין אָנפאנג אביסעל אוועקגעקוקט פון איהר בלויער אויג אָבער באלד האָט ער זיך צוגעוועהנט און ס'האָט איהם נישט געארט. גאָסי, פארקעהרט האָט זיך נאָר געוואָלט איהם ווארפען אין די אויגען מיט איהר אונטערגעהאקטער אויג. ביי אן אנדער ווייב וואָלט ער שוין אפשר געווען „איבער'ן וואסער"... אָבער זי האָט עס צוגענומען ווי צוויי מאָל גאָר נישט... און זי האָט געוואוסט אז ער איז געוואלטיג שטאָלץ מיט איהר, און ביידע האָבען זיך געפיהלט ווי אויף מאָרגען נאָך דער חתונה...

מטושטש.

שכנה האָט ליעב געהאַט אַרומצושפּאַציערען אויף בית־עולם'ער. זיינע פריינד האָבען דערפאַר אויף איהם געזאָגט: ער איז מטושטש, ער האָט אַ שגעון אין קאָפּ, איהם פעהלט אַ „קלעפּקע". די געוועהנליכע ווערטער וואָס מ'וואַרפט אַרויף אויף יעדען איינעם וואָס איז ניט קיין משוגענער, אָבער אויך ניט ווי אַלע...

שכנה אַליין, האָט אָבער זיך געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל פילאָזאָף און ער האָט זיך גאָר ניט געקימערט וואָס מ'זאָגט אויף איהם.. אדרבה, ס'האָט איהם גאָר הנאה געטאָן.

די וועלט האָט בטבע ליעב צו הערען וואָס אַ מענש מיט אַ שגעון אין קאָפּ האָט צו זאָגען. אַזאַ איינער זאָגט אַמאָל אַרויס קלוגע זאַכען... מענשען ווי אַלע, זאָגען תמיד וואָס די חכמים האָבען שוין לאַנג געזאָגט...

מענשען געהן אין פּאַרקס, אין גרינע וועלדער נאָך רוה, נאָך שעהנקייט, און שכנה האָט דאָס געפונען אויפ'ן בית־עולם....

קיין פריינד און קרובים האָט ער אויף די ניו יאָרקער בית־עולם'ער ניט געהאַט; ער האָט זיי אָבער אויך ניט געהאַט אין שטאָדט...

ווי נאָר שכנה האָט דערפיהלט, אַז עפּעס מאָדנע געדאַנקען נעהמען זיך פּלאָנטערען אין זיין מח, געדאַנקען — ניט צום דער־קלערען זיך און ניט מיט דער האַנט אָוועקצושאַרען — איז ער זיך אַביסעל דורכגעגאַנגען אויפ'ן בית־עולם. דאָרט ווערט דער קאָפּ

עפּעס אזא גרינגער, אזוי קלאָר און אויסגעלייטערט און אַ סך, אַ סך זאַכען ווערען פאַרענטפערט...

איז דען דאָס לעבען באמת אזא גרויסע מציאה ?... האנדעלט דער מענש אזא גרויסע מציאה מיט דעם געבוירען ווערען ?

דאָס זיינען געווען די טענות וואָס שכנה האָט געהאַט צו זיין אָרעמען מח. איהם אָנגעלאָדען פול מיט אזעלכע פראַגעס וואָס האָבען איהם געפּרעסט ווי אַ שווערע משא. יעדען ענטפער האָט ער נאָר אין זיין אייגענעם מיעדען מח געוואָלט געפינען. האָט ער געטראַכט :

„יאָ, געבוירען ווערען איז אַ גרויסע זאַך, אַ זכיה. זיין אַ קינד איז אַ גרויסע פרייד... אַ קינד איז עפּעס פון אַלץ, אַ פונק פון יעדען וואונדער... וואַקסט ער זיך אָבער אויס בלייבט ער ניט מעהר ווי אַ פאַרזעהעניש. און ס'קומט די שטראָף פון לעבען פאַר דעם געבוירענעם... קומט אָבער דער טויט און לייזט איהם אויס פאַר דעם שטראָף פון לעבען... אָט אין דער אויסלייזונג ליגט די העכסטע פאַרגיטיגונג, וואָס גאָט האָט דעם מענשען געגעבען ; גאָט'ס גאָב צום מענשען איז בלויז די נשמה, דאָס געבוירען ווערען פון דער נשמה אין דעם גוף איז דעם שאָטען'ס. דעריבער דאַרף מענש און נשמה זיך ווילען אומקערען צום טויט, און מענש און גוף מאָג ווילען זיין ביים לעבען...”

שכנה האָט מיט אַ מין אומגעדולד געוואַרט אויף די גרויסע מינוטען פון שטאַרבען... אַ פאַרגעניגען האָט איהם פאַרשאַפט זיך אויסצומאָלען אַ שעהנע סצענע פון שטאַרבען :

אַליין איז ער אויף אַ הויכען באַרג, קוקט אַריין אין אַ קלאָרען ווייטען הימעל, זעהט ווי אונטען אינ'ם טאָל שווייבלען און גריבלען מענשען ווי די פליגען און ער שטאַרבט אין דער הויך... אָדער : ער שטעהט פאַר אַ גרויסען עולם מענשען, זאָגט זיי ווי נאַריש דאָס לעבען איז, און ווי וואונדערליך דאָס שטאַרבען און — שטאַרבט... אָניט ליגט ער אין אַ בעטעל און קוקט דרויסען. זעהט צו ביז דער לעצטער רגע ווי מענשען האַוועז און

שמייען. ער פארדרויכערט זיך זיין פיפקע און דעם לעצטען אָטעם הויכט ער אוים דורך דער ליולקע מיט'ן רויך אַרוים...

עס זיינען אויך געווען צייטען וואָס שכנה האָט געוואָלט זיין ווי אַלע.. דעמאָלט איז ער אַוועק אַרבייטען, פאַרדיענט און זיך אויסגעקליידט און איז געווען אַ מענש ווי אַלע... און אַז ס'איז איהם נמאס געוואָרען זיין ווי אַלע, איז ער געוואָרען דער פילאָ־זאָף... אָדער ווי די באַקאַנטע פלעגען זאָגען : שכנה איז שוין ווידער מטושטש.

שכנה'ן איז איינגעפאַלען : זיך דערמאָנען ווי אַזוי ער איז געבוירען געוואָרען ; אָט די ערשטע מינוטען פון לעבען... פאַר־וואָס זאָל מען דאָס גרויסערהייד ניט קענען געדענקען ?

ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסען איינגעל, האָט ער תמיד ליעב געהאַט הערען דער מאַמען דערצעהלען ווי אַזוי ער איז געבוירען געוואָרען : „געקומען מיט אַ געוואַלדיגען קוויטש, און אויף מאָרגען האָט ער שוין געשמייכעלט", פלעגט זי דער־צעהלען.

פאַרוואָס האָט ער אַ קוויטש געטאָן בעת ער איז געבוירען געוואָרען ? און פאַרוואָס האָט ער שוין אויף מאָרגען געשמיי־כעלט ?... עפּעס האָט דאָך געמוזט זיין אַ „פאַרוואָס" פאַר זיין געוויין און שמייכעל. איז איהם דאָס געוואָרען זעהר אינטערע־סאַנט צו דערגעהן...

האָט זיך איהם געגומען אויסווייזען, אַז ער וועט קומען גו דער מאַמען אין דער היים — זיי וואוינען נאָך אין דעם אייגענעם צימער, אפילו די מעבעל שטעהט נאָך אויסגעשטעלט ווי אַמאָל — וועט ער זיך אַריינטראַכטען פון אַלץ וואָס איז דעמאָלט געשעהן און זיך דערמאָנען...

איינמאָל האָט זיך שכנה אַריינגענומען אין קאָפּ צו פאָהרען אַהיים, האָט ער זיך אַוועקגעזועצט רוהיג אַרבייטען, אָפּגעשפּאָרט געלט און געפאָהרען.

. . . .

אַלץ אין צימער איז געווען ווי אַמאָל, בעת ער איז נאָך אַ

קליין איננגעל געווען.. דאָס בעט, דער קאָמאָד, דער טיש, נאָר אַלץ אַלט. און די מאַמע אויך אַלט ווי דער טיש און דאָס בעט... און שכנה האָט געטראַכט:

„מטלטלים, אַזוי ווי מענשען ווערען אַלט..."

שעה'ן לאַנג איז ער אָפּגעזעסען אין דעם קליינעם אַלקערעל און געפּרוּאווט זיך דערמאָנען: „אָט שטעהט די בעט ווי מיט דריי־סיג יאָהר צוריק, דעם צווייטען טאָג שבועות אויף דער נאַכט, איז די מאַמע געלעגען אין בעט אין ווּעהען. טריינע די הויבאַם האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער'ן צימער און אויף איהם געוואַרט. אביסעל שכור'לאַך געווען, גענומען אַ שמעק טאַבאַק און מיט אומ־געדולד אויף איהם געוואַרט... ער איז געלעגען ביי דער מאַמען אין דער געבעהר־מוטער און ס'איז איהם געווען גוט. פּלוצים איז איהם אָבער ענג געוואָרען, ער האָט זיך געוואָלט ריהרען מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס און ניט געהאַט קיין אָרט. האָט ער זיך גע־לאָזען געהן, פונקט ווי ער איז אוועק פון דער מאַמע'ס פּאַלע, בעת ער איז אַלט געוואָרען זעקס יאָהר... אַ קעלט האָט אויף איהם אַ וועה געטאָן, אַ פּאָר גרויסע, האַרטע הענט האָבען איהם אַ נעהם געטאָן און דערפאַר האָט ער אַזאַ קוויטש געטאָן.. יאָ, דאָס איז עס; ער האָט זיך דערמאָנט... אויף מאָרגען האָט מען איהם אויסגעבאָדען, איינגעוויקעלט אין ווינדעלאַך, ווארים, טרוקען און מ'האָט איהם צוגעלייגט צו דער מאַמע'ס ברוסט און ער האָט גע־זויגען. איז איהם די גאַנצע פּראָצעדור גרייליך געפעלען גע־וואָרען און ער האָט געשמייכעלט."

נאָך דעם, ווי שכנה האָט זיך אַלץ דערמאָנט, איז איהם מעהר קיין אינטערעס ניט געווען צו בלייבען אין שטעדטעל ביי דער אַלטער מאַמען אין שטיבעל.. דערצו האָט נאָך די מאַמע תמיד געקוקט אויף איהם מיט רחמנות'דיגע אויגען און געוויינט... האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך דעם גרויסען טומעלדיגען ניו יאָרק און געקומען צוריק.

איין מאָל צוריק אין אמעריקא, האָט ער שוין מעהר ניט גע־

טראַכט וועגען דער מאַמען און זיין געבוירען ווערען. . ער האָט דאָס שוין געוואוסט....

אומגעהענדיג איבער די גאַסען שטאַרק פאַרטראַכט וועגען די מאָדנע שטילקייט, וואָס בלייבט איבער אויפ'ן בית־עולם, בעת מ'פאַרשיט א קבר און אַלע קעהרען זיך אום אהיים, האָט אימיצער איהם פּלוצים א שלעפּ געטאָן ביים ארבעל:

— שכנה, קויף א בילעט אויף א באַל, ס'איז פאַר א שווינד־זיכטיגען, שיקט מען איהם אוועק קיין ליבערטי, אזוי וועט ער נאָך לעבען!

— אזוי! אז מ'שיקט איהם קיין ליבערטי וועט ער נאָך לעבען! נו נאַדיר פופציג סענט און האַלט זיך מיט'ן בילעט.

דער בחור האָט גענומען דאָס געלט און אוועק זיך בעת מעשה געטראַכט: „שכנה איז גוט מטושטש.”

און שכנה איז אוועק בורטשענדיג: „אז מ'שיקט איהם קיין ליבערטי וועט ער נאָך לעבען... נאָך לעבען”...

באַלד האָט ער זיך פאַרגעסען אָנ'ם בחור און ווייטער גע־גאַנגען. ער האָט זיך שטאַרק פאַרקוקט אויפ'ן טראָטואַר אוואו ער האָט שפּאַצירט.. אין דעם אייגענעם טראָט וועט אַן אַנדערער טרעטען בעת ער וועט שוין ניט זיין. די זון וועט שטעהן אויפ'ן זעלביגען אָרט אין הימעל, די קאַר וועט פאַרביילויפען און די אידענע, וואָס איז אריין אין אַפּטייק מיט די פּאַטשיילע אויף די פּלייצעס, קען זיין, וועט דעמאָלט אויך אריין אין אַפּטייק קויפען די אייגענע זאַך. קיין חילוק ניט פון איצט ביז דעמאָלט. הייגט צוואוואָס טרעטען דעם טראָטואַר?...

נאָר אז שכנה האָט דערפיהלט, אז זיינע געדאַנקען פּלאָנ־טערען זיך שטאַרק אין זיין מח, האָט ער גלייך א טראַכט געטאָן וועגען נעהמען א לאַנגען שפּאַציר ארום בית־עולם. נעבען דעם היטער א פּאָר סענט, וועט ער איהם אריינלאָזען. און ער וועט זיך זעצען ביי א קבר אָפּרוהען.

תמיד האָט ער אויסגעקליבען אַ קינדערש קבר'ל און דאָס טויטע קינד געטרייסט: „פאַרשפּאַרט דורכצומאַכען דאָס מיאוס'ע לעבען פון אַ לעבעדיגען מענשען. יאָ, מיין ליעב, טויט קינדעלע"...

אַ שעה צוויי אָפּגעזעסען, האָט שכנה זיך אויפגעהויבען אַן אויסגערוהטער, אַן אויסגעלייטערטער און זיך אומגעקעהרט אהיים.

יחוס

יחוס.

שוין אויף דעם צימער אליין א קוק טוענדיג, האָט מען גע־קענט זעהן, אז דאָ וואוינט א טאָכטער פון א טאַטען א היימישען גביר, א משכיל, און א מאַמע — האַלב א בעל הבית'טע און האַלב א דאַמע.

דאָס צימער איז געווען קונציג איינגעטיילט אין דרייען. איין ווינקעל — אָפּגעצאַמט מיט פּלוש־פּאָרהאַנגען — מיט א טואַלעט־שפּיגעל אָנגעשטעלט מיט פּאַרפּיומען און אַדע־קאָלאָן און א ווייס בעטעל, איז געווען דאָס שלאָף־צימער. א צווייטער ווינקעל מיט א דיוואַן און זיידענע קישעלעך, א ביכער־שראַנק מיט ענגלישע, דייטשע און רוסישע ראָמאַנען, און קאָפּיעס פון באַוואוסטע בילדער אין נעטע ראַהמען אויף די ווענט — דער זאַל; הינטער א געשטעל מיט גרינעם בורלעפּ און ראָזע שטיקערייען — די קיך.

און אלישבע, דין, הויך, מיט א שאַרף־בלאַסען פּאַרערעלטען פּנים, די גרויליכע האָר שטענדיג פּריצ'עס פאַרקאַמט, אָנגעטאָן אין אָפּגעטראָגענעם זייד און סאַמעט, האָט אויסגעזעהן ווי א פאַר־וועלקטע פּרינצעסין אין א געפענגנים־שלאָס.

אין קאָוונאָ, די שטאָדט פון יחסנים און בעלי־גאוות, איז אלישבע געווען פאַררעכענט פאַר דאָס שעהנסטע און געראָטענסטע מיידעל. איהרע שטיקערייען זיינען געווען פול מיט קונסט. און אלע גביר'ישע מיידלאך פלעגען ארונטערנעהמען מוסטערען דער־פון; ביים זינגען האָט אלישבע'ס קול געקלונגען העכער און קלעהרער פון אלעמענס, צום טאַנצען זיינען איהרע פיס געווען די לייכטסטע.

חדר־אינגלאך, ווען זיי האָבען געזעהן אלישבע'ן דורכשוועבען לייכט און לעבעדיג די גאַס, האָבען דרך־ארץ געהאַט, און צווישען זיך אָפּגערעדט, אַז ווען זיי וועלען אויסוואַקסען גרויס, וועלען זיי נעהמען פאַר כלות, נאָר אַזאַ מיידעל ווי אלישבע.

מיט א שידוך איז אַזוי געגאַנגען: וועמען אלישבע האָט געוואָלט, האָט דער פאָטער נישט דערלאָזען, און וועמען ער האָט אויסגעקליבען, אויף דעם האָט אלישבע גלייך חסרונות אויסגע־פונען.

אלישבע, איז געווען איין אייננציגע טאָכטער צווישען דריי ברידער, און טאַטע־מאַמע און די ברידער האָבען איהר אַלץ נאָכגעגעבען.

נור פלוצלונג האָבען די געשעפטען אָנגעהויבען געהן קאַ־פויער. מ'האָט זיך געשטיקט דערמיט אַזוי לאַנג ווי מ'האָט גע־קענט. די צוויי עלטערע ברידער זיינען אוועק אין אפריקא, געוואָלט רייך ווערען כדי צו קענען אויפהאַלטען דאָס שעהנע הויז און דעם שעהנעם נאָמען אין קאָוונאָ. דער איננסטער איז אַוועק אין אמעריקא. אויך מיט די זעלביגע אידעאַלען.

און דער אינגסטער ברודער האָט אריבערגענומען אילשבע'ן קיין אמעריקא.

זייט דעמאָלט איז שוין אַוועק פופצעהן יאָהר. דאָס לעבען אין ניו יאָרק, די ארבייט אין די שעפּער האָט איהר דעם קאָפּ גראָה געמאַכט, דאָס געזיכט בלאַס און פאַרוועלקט; אָבער אלישבע איז פאַרבליבען דאָס פאַרערעלטע, פאַרצווינגענע יחוס־קינד, די אידישע פּריצ'טע.

איהר אינגערער ברודער האָט זיך דאָ אויסגעלערענט בוכ־בינדעריי. ער האָט געמאַכט אַן אייגען געשעפט און איהם איז אַוועק נוט.

ער האָט חתונה געהאַט. באַגעגענט א מיידעל, וואָס האָט זיך אויך גע'יחסנ'ט, איהר יחוס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געבאָרען געוואָרען אין קיעוו גופא; און פלעגט אָפּט פאָהרען צו א רייכער טאַנטע אין פעטערסבורג צו גאַסט. זי האָט

געהייסען אָלגאַ, נעהאַט לאַנגע בלאָנדע האָר און זיך געקענט מיט סטודענטען.

ער האָט איינגעאָרדענט אַ היים פאַר זיין ווייב און שוועסטער. און די שוועגערינס האָבען זיך געקריעגט, אָנפאַנגס אויף רוסיש, שפּעטער אויף אידיש. אלישבע האָט נישט געקענט פאַרטראָגען, וואָס אָלגאַ איז אַזוי וואולגאַר מיט איהרע באַריהמערייען פון אָפיצערען און סטודענטען. אָלגאַ האָט נישט געקענט ליידען און פיינט געהאַט די פאַרעלטערטע ליטווישע יחסן'טע. דער ברודער האָט געמיינט, אַז זיין שוועסטער איז גערעכט; דערויף האָט אָלגאַ געענטפערט מיט היסטעריקעס ווי אַ פּעטערסבורגער „באַרישנאַ" און געשריען, אַז זי וויל אַ גט. און אלישבע האָט זיך איינגעאָרדענט דעם שעהנעם צימער'ל פאַר זיך אליין.

איצט האָט זי מעהר נישט געאַרבייט. דער ברודער האָט איהר געגעבען צום לעבען, און פון צייט־צו־צייט האָבען די ברידער פון אפריקאַ איהר געשיקט געלד.

דער אינגערער ברודער האָט זיך געפיהלט שולדיג געגען אלישבע'ן, וואָס ער האָט פריהער חתונה געהאַט. אַם וויינינגסטען, וואָלט ער דאָך זיין שוועסטער געקענט נעהמען אין טעאַטער, אויף אבענדען; און ער וואָלט זיך אַזוי שטאָלץ געפיהלט צו געהן מיט איהר. אין זיינע אויגען אי זי נאָך היינט געווען די שעהנע, שטאָלצע אלישבע, אויף וועלכע אלע דאַרפען די אויגען מיט דרך ארץ אויפהויבען און זי באַוואונדערען, און איצט, אָדער עס מוז פאָרקומען אַ קריעג אין הויז, אָדער ער מוז אַ ליגען זאָגען, ווען ער וויל אַן אבענד מיט זיין שוועסטער פאַרברענגען.

און אלישבע, פלעגט אָפּזיצען טעג און אבענדען אליין. אָבער שטיל און געהיים האָט אַ שטיקעל האָפונג אין איהר געלעבט: עס וועט נאָך קומען דער דאָקטאָר, איזשעניר אָדער אדוואָקאַט, מיט די שעהנע מאַנירען, אַן אַרעלמאַן; ער וועט זי אָפּשאַצען און איהר פאַרגעבען די עטליכע איבעריגע יאָהרען און די גרוויליכע האָר און זיי וועלען זיין גליקליך. און איהר ברודער, די נאָבעלע נשמה, וועט זיין דער גליקליכסטער אין דער וועלט.

עס איז אריבערגעקומען א יונגער מאַן פון קאָוונאָ, אין דער היים איז ער געווען א גארבער. אין לאָנדאָן האָט ער זיך אויס־געלערנט דעם בוך־בינדער פאַך. געוואָרען א סאָציאַליסט, געווען פארמישט אין א סטרייק און די לאָנדאָנער פאָליציי האָט געהאַט אויף איהם אַן אויג.

דאָ, האָט ער זיך דערוואוסט פון זיין קאָוונער „לאַנדסמאַן" און אָנגעקומען ביי איהם ארבייטען. ער, סעם גארבער, האָט גוט געדענקט אלישבע'ן און איהר ברודער פון קאָוונאָ. ער איז נאָך געווען א צעהן־יעהריג איינגעל, געוואוינט ערגעץ אין א הינטער־געסעל, און אלישבע איז שוין דעמאָלט געווען א צוואַנצעג־יעהריגע מיידעל, ער האָט זי דערקענט. ער האָט זי געזעהן אין פאַבריק, ווען זי איז געקומען זעהן דעם ברודער. נאַטירליך, זי האָט איהם ניט געקענט און ניט געדענקט.

אלישבע'ס ברודער האָט ליעב געהאַט קאָוונאָ, און יעדען ווער עס איז נאָר אהערגעקומען פון קאָוונאָ. ער האָט דעריבער פארבעטען אַפילו סעם גארבער צו זיך אין הויז. יענער איז גע־קומען און ביסלעכווייז איז ער געוואָרען אַן אָפטער באַזוכער און א הויז־פריינד.

אָלגאַ האָט געגעבען אָנצוהערעניש איהר מאַן, אז מ'באַדאַרף זעהן אלישבע'ן צו „פארשלייערען" מיט איהם.

א וואָך צייט האָט ער מיט איהר דערפאַר נישט גערעדט און אין איהר ווינקעל נישט געקוקט פאַר ערלויבען זיך דאָס צו זאָגען. אָלגאַ, נאַטירליך, האָט נישט געמיינט זייער יחוס דאָ צו מינדערען; זי האָט געוואָלט אלישבע זאָל חתונה האָבען און איהר מאַן זאָל נישט דארפען אויסהאַלטען זיין שוועסטער.

אָלגאַ האָט אָנגעהויבען צו רעדען מיט סעם'ען וועגען דעם; איהם האָט זיך שיער זיין קאָפּ נישט געשפּאָלטען פון אזא גע־דאַנק... א גאַנצע נאַכט האָט ער נישט געקענט איינשלאָפען. ער, חתונה האָבען מיט אלישבע'ן!... אז ער זאָל עס אָוועקשרייבען אין קאָוונאָ, אינ'ם געסעל, וואו ער האָט געוואוינט, אז ער, שאַכקע גארבער, האָט דאָ אין אמעריקא חתונה געהאַט מיט אלישבע'ן,

יחיאל נאטאנזאהנ'ס טאכטער! קאוונא וועט אומנעהן אויף רע־
דער! „ביי גאלי!" ער וועט עס טאן. און זיי זאלען דארט
וויסען, אז דא אין אמעריקא איז קיין יחוס נישטא, ארים און רייך
אלע גלייך... דא איז דער רב און דער בעדער, פון איין לעדער.
נאר... אמת, זי איז מיט צעהן יאהר עלטער פון איהם! מיט גרויע
האר... אבער זי איז דאך אלישבע! דאס שעהנסטע מיידעל אין
קאוונא געווען. אפילו פון איהרע הויכע קאמאשלאך האט מען
דאך גערעדט. ער וועט עס טאן. ער איז א סאציאליסט, ער וועט
באווייזען, אז אלע מענשען זיינען גלייך. און אז ס'איז געקומען
זונטאג האט זיך סעם אנגעטאן זיין נייעם בלויען אנצוג, דעם
רויטען קראוואט און די לאקירטע שיך און געגאנגען זעהן אלישבע'ן.

ער האט זי געטראפען זיצענדיג אויפ'ן דיוואן מיט א בוך
אין דער האנד; אנגעטאן אין זייד, סאמעט און קרעם שפיצען.
זי איז פאר איהם ערשיענען ווי א שטאלצע פוילישע פריצ'טע,
פאר וועלכע ער וויים אפילו נישט ווי זיך צו פארנויגען.

ער האט זיך פארלוירען, און מיט א שווינדעל אין קאפ האט
ער אראפגענומען דאס היטעל און איהר אויסגעשטרעקט א האנד.
זי האט שנעל צוריקגעכאפט איהר קליינע, דינע האנד פון
זיינע, רויט און ברייט, כמעט קיילעכדיג.

ער האט זי דערמאנט, ווער ער איז פון קאוונא, דערצעהלט
אלץ וואס עס האט געטראפען נאך איהר אוועקפאהרען, ווער עס
האט חתונה געהאט, ווער ס'איז אוועק אין אמעריקא און ווער
ס'איז פארארעמט געווארען.

זי האט איהם אלץ אויסגעהערט, דערווייל איהם באטראכט
דעם ווייבערשען, קיילעכדיגען שטערען מיט א מאדנעם פארהייל־
טען שניט ביי'ם ברעם, די רויטע קרייזלעך אויפ'ן קאפ, דער
רויטער פנים מיט די דינע ליפען, די לאקירטע שיך מיט די
גראבע, ברוינע זאקען; אלץ ארום איהם האט זי פארלעצט און
באליידיגט.

— און ווי געפעהלט אייך אמעריקא, אלישבע?

— איך בין דאָך שוין דאָ אַזוי לאַנג, איך האָב מיך שוין צו אַמעריקאַ צוגעוואוינט, — האָט זי געענטפערט.

— און מיר געפעלט אַמעריקאַ זעהר גוט, נאָך בעסער ווי לאָנדאָן. דאָ זיינען אַלע מענשען גלייך, אָרעם און רייך.

אלישבע האָט געשוויגען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז ער זיצט שוין צו לאַנג. אָבער ער האָט ווייטער גערעדט:

— האָב איך אייך פריהער אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען אונזער סטרייק אין לאָנדאָן, ווי אַזוי איך האָב זיך אָפּגערעכענט מיט'ן סטרייק־ברעכער. איין מאָל ביינאַכט געה איך מיר אַזוי איבער די גאַסען אין ווייטשעפעל. דערזעה איך מיין בחור. וואַרט! טראַכט איך, און איך פאַרפאָהר איהם מיט אַ געזונטען קולאַק אין אויג אַריין, אַ צווייטען אונטער'ן האַרצען. איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב איהם אָפּגעשלאָגען לונג און לעבער, און איך דרעה מיך אַריין אין אַן אַנדער גאַס און פייף מיך רוהיג די „מאַרסאַליעזע."

— דערצעהלט בעסער פון קאָוונאָ, איך קען וועגען אַזעלכע זאַכען נישט הערען, — האָט זי שטיל באַמערקט.

— אָבער, אלישבע, מיינט נישט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער איז אַ גזלן; אָבער אַ „סקעב" און אַ שפּיאָן מעג מען אָנלערנען. און איך? צו מוידען... איך מיין... צו דאַמען, בין איך שוין איינמאָל אַ דזשענטעלמאַן. אַהאַ! דאָ איז נישט קאָוונאָ, דאָ קען אפילו אַ גאַרבער־יונג ווערען אַ דזשענטעלמאַן. און איך בין געקומען צו אייך, ווייל אייער שוועגערין האָט מיך געבעטען... דאָס הייסט, זי האָט מיר געראַטהען אַזוי. זי איז זעהר אַ קלוגע. דאָ, זאָגט זי, שפּיעלט נישט קיין ראָלע אביסעל יחוס... איך פאַר־דיען גאַנץ פיין ביי אייער ברודער... אויב, וואָס־ווען... וועט ער מיך מאַכען פאַר'ן פאָרמאַן...

אלישבע איז פאַרציטערט געוואָרען. זי איז נערוועז אויפגע־שפּרונגען פונ'ם דיוואַן, און באַפוילען מיט שטאָלץ:

— ענטשולדיגט מיר, געהט אַהיים. איך וויל געהן עסען מיטאָג. און שיקט מיר מיין ברודער אַהער!

— „אַלעררייט", איך געה, איך וועל אייך שיקען דעם ברו־דער; מיר וועלען נאָך זעהן — האָט ער געזאָגט, געבענדיג איהר וויעדער זיין ברייטע, קיילעכדיגע האַנד.

ווען ער איז אוועק, האָט דאָס יחוס־קינד פון קאָוונאָ, די אידישע פּריצ'טע צוזאמענגעבראָכען אין א געוויין אויף איהר זיי־דענעם קישעלע.

דער אַלטער שלמה אורדאַנק.

אז דער אלטער שלמה איז נאָר געווען אויפגעלעגט, פלעגט ער געבען א הויב דעם ווייסען קאָפּ, טאָן א גלייך אויס די קיילעכ־דיגע פּלייצע און מיט אַ שטעל, ווי אַ חזן ביים עמוד, זיך צו־זינגען:

ער איז געווען אַ גרויסער, אַ הויכער,
ער איז געווען א לייפּציגער סוחר.

אָנהויבען פלעגט ער מיט אַ געהויבענעם ניגון, אָבער תיכף ארונטערפאלען אין אן אומעטיגען, ריטמישען יאָמערען. צו זיין גוט אויפגעלעגט, האָט שלמה בלויז געדאַרפט האָבען זיין קעלע־שיקעל שאַרפען בראָנפען מיט אן אייער־קיכעל גלייך נאָך שחרית.

זיין ווייב מאשא, כאָטש זי האָט אויסגעהאָרעוועט צוויי טעכ־טער, האָט געהאט דעם אויסזעהן פון אן עקרה: א הויכע טרוקענע אידענע מיט איינגעצויגענע נאָז־לעכער און א שטייפען מויל. גע־רעדט אין געצעהלטע ווערטער, און דעם „סמך" און „שין" אויס־געהיסעט ווי אַ שלאַנג. ביי זיין צוזינגען זיך פלעגט זי זיך אָפּרופען:

— זיך צובלעקערצט... זיך אָנגע'שתיה'ט ווי אַ גוי. צוויי טעכטער האָט דאָס.... אַ שאַנדע פאַר שכנים...

אז די טעכטער זיינען געווען דערביי, האָבען זיי קיינמאָל צו קיין קריעג ניט דערלאָזט. כאָטש זיי האָבען געהאלטען מיט דער מאַמען, האָבען זיי אָבער דעם טאַטען ליעב און אויף איהם רחמנות געהאָט. זיי געדענקען נאָך דער מאַמען בעת זי איז געווען די פערדיענערקע... היינט, אָבער האָט זיך דאָס רע־דעל איבערגעדרעהט. זיי זיינען שוין אויסגעוואַקסען גרויסע, אר־

בייטען, פערדריענען גוט און האַלטען אויף דאָס הויז. דער מאַמען האָבען זיי שוין א סך מאָל געזאָגט, אז עס איז ניט איהרע „ביז־נעס" אויב זיי ווילען אויסהאַלטען דעם טאַטען אויך... דאָס האָט דער מוטער שטארק געקרענקט. ער האָט קיין מאָל פון זייערט־וועגען א פינגער אָן א פינגער ניט אָבגעקלאַפּט. זי האָט גרייליך געוואָלט דעם אַלטען פון הויז פאַרטרייבען און בלייבען מיט די טעכטער אליין. זי האָט אָבער פאר זיי מורא געהאַט דאָס צו טאָן און איהם תמיד ניט פאַרגינען דעם ביסען אין מויל.

איהר שנאה צו איהם איז נאָך פאַרבליבען פון די יונגע יאָה־רען... ער איז געווען א בעל הבית'ישער גאַרנישט, א צעהן יאָהר עלטער פון איהר. איהר האָט די משפחה גענומען, כדי זי זאָל איהם מאַכען פאר א מענשען... שלמה האָט דעם שידוך ניט געוואָלט, ווייל קיין גרויסע יפת־תואר איז מאַשאַ אין די יונגע יאָהרען אויך ניט געווען. נאָר שלמה'ס טאַטע האָט געגלויבט, אז אַן עהרליכער איד דאַרף האָבען א מיאוס ווייב.

נאָך דעם ערשטען קינד האָט ער יאָ געפּרובט זיך נעהמען צום האַנדעל, ס'איז אָבער ניט געגאַנגען. תמיד צוגעלעגט די פּאָר קערבלעך וואָס דער טאַטע האָט אונטערגעשטופּט...

איז זי, מאַשאַ, געוואָרען די הענדלערקע אויפ'ן מארק, און ס'איז איהר אוועק מיט הצלחה... אָבער איהם געבען עסען האָט זי ניט געוואָלט. וואָלט ער געווען א למדן, א לערנער, איז זי מחויב... האָט זי איינמאָל צו מיטאָג צו איהם געזאָגט, אז צוויי מיילער אָנצוקאָרמענען איז איהר געגנוג... ביינאַכט האָט שלמה געפונען פאַרשלאָסען טיר און טויער.

אויף מאָרגען האָט מען איהם מעהר אין שטעדטעל ניט גע־זעהן. אוועק און ווי אין וואַסער אריין.

אין דריי יאָהר אַרום האָט זיך שלמה פּלוצלינג בעוויזען. גע־קומען אָנגעטאָן אין א שווארצען טוכענעם ראָק מיט אַן אַטלאַס־קאָלנער און לאַצען, אין א גלאַנציגען צילינדער, מיט א שטאָק אין דער האַנט און גערעדט „טייטש".

זיין ערשטער בעזוך איז געווען צו ראָדע דער שענקערקע.

— שלמה, וואו זייט איהר געווען? — איז מען איהם בּע־פאַלען.

— אין לייפּציג.

— וואָס האָט איהר דאָרט געטאָן?

— געהאַנדעלט.

— מיט וואָס?

— אָט... — זאָגט ער קלערענדיג א מינוט און אָנווייזענדיג אויף זיין ראָק און צילינדער — מיט טוכענע רעק און צילינדער היטלען...

און אויפגערגו האָט מען איהם א נאָמען געגעבען דער „לייפּ־ציגער סוחר". אז מ'האָט געזעהן ווי ער האָט צוביטען ביי ראָדע דער שענקערקע א צעהן־רובלדיגען צו בעצאָהלען פאַר'ן טרונק, האָט זיך צוטראָגען איבער'ן שטעדטעל א קלאַנג, אז שלמה איז געקומען פון לייפּציג אַן עושר, אָנגעשטאָפּט ממון־קרח.

האָט מאשא אויף גיך איינגעוואשען די צוויי טעכטערלעך. זיי אָנגעטאָן אין די שבת'דיגע קליידלעך, פאַרפלאָכטען שטיי־פע צעפּ און זיי געשיקט ברענגען דעם טאַטען.

דריי טעג האָט אָנגעהאַלטען א לעבען זים ווי לעקעך. אויף דעם פערטען טאָג האָט זי אַרויסגעקראָגען גאָר דאָס געלט, נאָר אזוי ווי ס'איז געווען ערב ראש השנה האָט זי איהם געהאַלטען איבער יום טוב און איהם געשיקט האַנדלען...

דערנאָך פלעגט ער קומען יערען יאָהר מיט דער האָפנונג, אז ס'וועט שוין ווערען א גוט לעבען אויף תמיד. און יעדען יאָהר זיך אָפּגענאַרט...

כאָטש קיינער פון שטאָדט איז אין לייפּציג ניט געווען, פון דעסטוועגען האָט מען זיך דערוואוסט, אז שלמה געהט אום אין לייפּציג איבער די הייזער און קלויבט נדבות, ווי אַלע בעט־לער דאָ אין שטעדטעל גופא... מעהר ניט, דאָ זיינען זיי אָפּ־געריסענע און אָפּגעשליסענע, טראָגען טאַרבעס איבער די פּליי־צעס, און ער דאָרט געהט אוהם אין א טוכענעם פראַק מיט אַן אַלטען צילינדער און שטאָק און די רייכע „טייטשען" שיטען

איהם אָפּ מיט געלט. די לייפּציגער אידען האָבען גע׳שם׳ט פאַר גרויסע געבער. און אז עס האָט זיך אריינגעלאָזען אזא שעהנער „רוסישער יודע” ווי שלמה, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א געפּאַלענער גביר און מיט׳ן בלויזען קאָפּ זיך פערגייגט מיט א עכט „דויטשען גוט מאָיען” אָדער „גוט נאַבענד” און צומאָל פאַר זיי געזונגען צונזער׳ס אָדער גאָלדפאַדען׳ס א „אידיש” ליעד, האָט „דיזער רוסישער יודע” געוואונען ביי זיי דעם זיבעטען חן.

און אזוי האָט ער יעדעס יאָהר געקענט קומען אהיים מיט שעהנע עטליכע רובעל און אויסגעקליידט ווי א פראַנט. מאַשאַ איז אָבער געווען א קרינערקע. האָבען איהר די ווייבער אויפ׳ן מארק כסדר צוגעוואָרפען, אז איהר מאַן געהט איבער די הייזער ביי די „טייטשען”. די מיידלעך זיינען אונטערגעוואַקסען, געלט האָט זי געהאַט, האָט זי צונויפגעפּאַקט די בעטגעוואַנט און איז אוועק קיין אמעריקא.

שפּעטער א פּאָר יאָהר, האָבען די טעכטער אריבערגענומען דעם טאַטען. צו פינף־און־פופציג יאָהר האָט שוין שלמה געהאַט א ווייסען קאָפּ, די באָרד — וויים און שעהן געשאָרען און אין די טוכענע קליידער האָט ער אויסגעזעהן ווי א גרויסער רב. זיי האָבען זיך איהם געשעהמט איהם צו שיקען ארבייטען. נעהם א שטיינער און שטעל אוועק אזא אידען, מיט א קאָפּ האָר און באָרד ווי ווייסע זייד, ביי א „פּושקארט” מיט ציבעלעס, אָדער אין שאָפּ ביים „ביגעל־אייזען”! זיינען זיי געווען צופריעדען ער זאָל זיין אין דער היים און העלפען דער מאַמען אין הויז. און; ס׳איז טאַקע געווען היימליך מיט איהם, וואָס ער האָט נאָר פאַר זיי געטאָן איז אַלץ געווען מיט א גלייכווערטעל און א המצאה. און די מאַמע האָט כסדר געזייערט... זי איז תמיד געווען אין כעס און ניט געוואָלט דערלאָזען ער זאָל וואָס פאַר זיי טאָן...

איידער זיי האָבען דער מאַמען דערלאַנגט די „פּיי” האָבען זיי תמיד פריהער אראָפּגענומען א פּאָר דאָלאַר פאַר׳ן טאַ־

טען ער זאָל ניט דאַרפֿען צו איהר אָנקומען. און פאַר דעם אליין וואָלט ער שוין געלאָפען אין פייער און אין וואַסער פאַר זיי.

— טאַטע, ברענג מיר אַרויף די שיך פון שוסטער, — האָט די אינגערע טאָכטער, טייבעל, געזאָגט און איהם דערלאַנגט אַ „קוואָדער.״

— איך וועל געהן: ער וועט דאָס געלט פאַרטרינקען — איז די מאַמע אַריינגעפאַלען, שיפּענדיג.

נאָר שלמה האָט געבראַכט די שיך. דעם צעהן סענט שטיק רעשט האָט טייבעל ניט גענומען, און דער אַלטער האָט צוגע־וואָרפען מאַשאַ'ן אַ בליק פול מיט חוזק.

אַז די טעכטער זיינען אַוועק צו דער אַרבייט, האָט שלמה, ווי דער שטייגער, זיך גענומען בערשטען זיין טוכענעם ראָק מיט די אַטלעסענע לאַצען און קאַמען די האָר און באָרד און, זעהענדיג פון זייט, ווי זי, מאַשאַ, שטעכט איהם דורך מיט די ווייס־גרינע אויגען, האָט ער געזונגען אַזוי הויך און לוסטיג ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט:

איך בין אַ גרויסער, אַ הויכער,
איך בין אַ לייפּציגער סוחר.

— שלעפּער, בעטלער, געה איבער די הייזער!... אַ לייפּ־ציגער סוחר!....

און שלמה, איהר אויף צופּיקעניש, וויגט אום ריטמיש דעם שווערען, גרויסען קערפּער און זינגט זיך:

מעדכען ליעבט ער פיעלע,
ברונעטע, בלאָנדע און שטילע...

— שטיל זאָל דיר ווערען דאָס האַרץ. אַ טאַטע פון טעכ־טער!...

און שלמה — נאָך לוסטיגער, מיט'ן שטעקען ווי אַ קאַפּעל־מייסטער:

הערט גינג ער צו זשאַנעטע,
אונד מאָרגען צו ליזעטע,

צו מאַלכעז גינג ער פּרית,
אין אָבענד צו מאַרי.

מאשא האָט געכאַפּט דעם בעזים, שוים האָט איהר גע־שלאָגען ביי די דינע מויל־ווינקעל.

און אויף די טרעפּ כאַפּט ער נאָך אריין:

טערעזיכען וואַר צו היציג,
בלאָנדינכען וואַר צו וויציג...

און ער לאָזט זיך געהן איבער סעקאָנד עווניו.

דאָרט איז דאָ א ווינער קאַפע און ער זיצט אָפּ גאַנצע טעג. טרינקט א „שטיין" און נאָך איינעם, אַז עס איז דאָ מיט וואָס... קוקט דורך די דייטשע בלעטער, אָפטמאָל קריגט ער, אויף איין וועג אָדער אַן אַנדערן, א בילעט אין טעאַטער; יענער טאָג איז גאַר ביי איהם א יום־טוב. אַלע ווייסען דאָרט אין קאַפע, אַז דער אַלטער „שלאָמע ליעבט זעהר דאָס טעאַטער" און כמעט יעדע וואָך קריגט ער איינעם אָדער צוויי בילעטען. די טעכטער האָ־בען אויך ליעב טעאַטער, און, און אַז ער קען נאָך געהן מיט זיי, איז ער גליקליך ווי א מלך...

דער מאַמען קענען זיי ניט ארויסקריגען צו געהן אמאָל אין טעאַטער. איין מאָל האָבען זיי זי מיטגענומען צו א בענעפיט און זי האָט פערזאָגט א צעהנטען צו געהן נאָך אמאָל. וואָס איז? קנאַפּ איז איהר איהרע אייגענע צרות, דאַרף זי נאָך זעהן פרעמ־דע?... און טאַנצען און קוליען האָט זי פיינט פונ'ם סאַמע האַר־צען.

קענען אָבענד, ווען די טעכטער דאַרפען קומען פון דער אַר־בייט, לאָזט ער זיך געהן אהיים. און אַז א גוטער ברודער, א יונגער, האָט בעצאָהלט פאַר זיין „שטיין" אין קאַפע, קויפט ער אין גאַס פרוכט און אמאָל א פּאַר בלומען פאַר די טעכטער. און ער קומט אָן מיט א שמייכעל אויפ'ן ראָזען פולען פּנים אָהן קניימשען. ווערט מאשא דערפון נאָך דאַרער און טרוקענער און צום „סאַפּער" פאַרגינט זי איהם ניט דעם ביסען ברויט אין מויל.

און אזוי זיינען אוועק טעג און יאָהרען. מאשא האָט שוין אויסגעזעהן ווי א בוים אין א גרוי־ברוינגער קאָרע, וואָס גרינט ניט מעהר; ער, שלמה, איז נאָך אלץ געווען ראָז, די האָר — ווייסער און ווייכער און די פּלייצע — א ביסעל מעהר אויסגערונדעט און אויסגעבויגען; די טעכטער זיינען אריבער די דרייסיגער און אַן אומעט און טרויער האָט אומגעוועהט אין הויז. מאשא האָט געגריזשעט; „דער טאַטע א שיכור, קענען די טעכטער קיין שדוכים ניט טאָן". ער האָט געוואוסט אז עס איז איהר שולד: לאָזט די מיידלעך אין ערגעץ ניט געהן, קומט ארויף א בחור קוקט זי ווי א בייזע גרויע הוהן, גרייט די אויגען אויסצופּיקען.

צו דעם אלעם האָט נאָך שלמה שטארק געליטען, וואָס זיין טוכענער ראָק האָט שוין גאָר פערלאָרען די אמת'ע שווארצקייט. אויף דער פּלייצע איז שוין געווען א גלאַנץ און ארום די ארבעל שטארק אויסגעריבען. דער אלטער סאַמעט־וועסט האָט שוין גאָר ניט געהאָלפען דאָס פּוצען. נאָר דער אטלאַס קאָלנער און די לאַצען האָבען נאָך אויסגעזעהן גאָר ווי ניי. דאָס איז געווען זיין טרייסט... שפּאָגעל ניי, איהר אויף להכעים!...

און ווען די עלטערע טאָכטער שרה איז איין אָבענד ארויפגעקומען מיט א בחור און געזאָגט, אז ער איז איהר חתן און נאָך דער חתונה וועט זי נעהמען דעם טאַטען, די מאַמע אָבער וועט בלייבען מיט טייבלען, האָט שוין אפילו מאשא אויסגעקרימט די ליפּען, וואָס עס האָט געזאָלט הייסען א גליקליכער שמייכעל, דערלאַנגט די קיכלעך און א קאראפין מיט אייגענעם געשטעלטען טרויבען־וויין אויף פּסח.

דער ערשטער פרעהליכער טאָג אין זיין אייגענער שטוב... און דער אלטער שלמה האָט אויפגעלעבט, געטרונקען א גלעזעל נאָך א גלעזעל פונ'ם גוטען וויין. די אלטע האָט געמוזט שווייגען און צופוקעט ווערען. ער איז געוואָרען לוסטיג, געזונגען טעאַטער־ליעדער, נאָכגעמאַכט די אקטיאָרען.

„אי לאַיק דהי אָלד מען, הי איז אָפּול דזשאָלי!" האָט דער חתן געזאָגט צופריעדען.

טייבעל און שרה האָבען זיך איבערגעקוקט צופריעדען, מאַ־שאַ איז געזעסען, ווי דאָס פּנים וואָלט איהר וועה געטהאָן פון שמייכלען און דער אַלטער שלמה איז אוועק אַ האָפּקע זינגענ־דיג:

ער איז געוועזן אַ גרויסער, אַ הויכער,
ער איז געוועזן אַ לייפּציגער סוחר.

אויף דער עלטער.

די אלטע חנה ביילע האָט פאַרשטאַנען, אַז די קינדער וועט אויסקומען עפּעס קשה׳דיג איהר אַוועקגעהן פון הויז היינט, זונטאָג, ווען אַלע זיינען אין דער היים. ביי איהר, געהען צו איהר שוועסטער־קינד גיטלען, איז גאָר קיין נאָווינע נישט. דאָך האָט זי געפיהלט, אַז איהר היינטיג אַוועקגעהן איז ניט ווי אַלע מאָל... ממה־נפשך, טראַכט זי: וועט דאָס ווערען, וועלען זיי דאָך מוזען וויסען; טאָמער נישט, דאַרף מען זיך אויף דער עלטער נישט נאַריש מאַכען...

זי האָט זיך גענומען אָנטאָן מיט פאַרזיכט. זי האָט זיך אָבער געשעהמט. נאָך קיין איין גוטען טאָג נישט געהאַט, פאַרענטפערט זי זיך פאַר זיך אַליין. אין די יונגע יאָהרען געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות, און ווען זי איז נאָך קיין פולע פערציג יאָהר נישט אַלט געווען, איז ער שוין אַוועק און איבערגעלאָזט זי אַ וויסטע אלמנה. אַליין האָט זי באַדאַרפט די עלטערע קינדער אויסגעבען; די איינגערע אויסהאָדעוועץ. און היינט זיינען די קינדער אַזוי פאַרטאָן מיט זייערע קינדער, אַז עס בלייבט נישט אַ מינוט צייט אויף דער אַלטער מאַמען אַ קוק צו טאָן.

טראַכטענדיג אַזוי, האָט זי פאַרקאַמט איהרע ווייסע האָר, געמאַכט אַ שטיקעל פשרה צווישען דער מאָדע און איהר פנים און זיך שטאַרק געשלאָגען מיט דער דעה וועלכע קלייד אָנצוטאָן, דאָס שוואַרצע אָדער דאָס גרויע. דאָס גרויע איז ליכטיג, זומערדיג, ס׳איז דאָך עפּעס פריהלינג צייט!... דאָס שוואַרצע ווידער איז אַ נייערע, און פאַסט איהר אַזוי שעהן. פון דעסטוועגען האָט זי

אָנגעטאָן דאָס גרויע; עס מאַכט אינגער אויסזעהן, און זי האָט דאָך אָנגעזאָגט גיטלען אז זי זאָל איהם זאָגען, אז זי איז אומגעפעהר אַרום זעכציג יאָהר, און דאָס, אויב ער וועט פרעגען, ווען נישט, זאָל זי גאָר וועגען עלטער נישט דערמאָנען. אַנדערע זיינען מאָדנע מענ־שען, ווילען דוקא וויסען ווי אַלט יענער איז, טראַכט חנהביילע מיט פאַרדרוס.

זי איז דאָך פאַרט אַריבער זיעבציג. גאַנצע צעהן יאָהר אַרונ־טערגעהמען — אַ גרויל! מילא פאַר לייטען ווי פאַר לייטען, ווער לייקענט דאָס ניט די יאָהרען? אָבער פאַר גאָט! ער אין הימעל ווייס דאָך אודאי ווי אַלט זי איז... וואָס אָבער קען זי העלפען, ער האָט געהייסען זאָגען, אז ער איז נישט מעהר ווי אַריבער זעכציג. אין די יונגע יאָהרען נעהמט מען אַרונטער צוויי, דריי יאָהר, ווען הויך — פינף! אָבער צו דער עלטער זעהט זיך דאָס גאָר נישט אָן, און מען מוז אַראָפּנעהמען גאַנצע צעהן אָדער פופצעהן.

און אז זיעבציג, טראַכט זי ווייטער, איז דען זיעבציג אַזוי אַלט? פון זיעבציג ביז הונדערט און צוואַנציג איז נאָך פאַראַן אַ סך, אַ סך יאָהרען.

אָבער די ציינער... זי קוקט אין שפיגעל און עס פאַרדריסט איהר שטאַרק אויף די קינדער. זי האָט געזעהן עלטערע פרויען מיט אַריינגעשטעלטע ציינער ווי די פערל. און חנה ביילע טרייסט זיך, וואָס זיינען ציינער זיינען שוין אויך נישט געוואַלטיג. קיין ניס קנאַקען קען ער שוין אויך נישט מיט זיי, און דאַרף שוין אַלץ ווייקען און טונקען...

ביים מיטאָג האָט זיך די אַלטע געפיהלט מאָדנע, הגם יעדער איז געווען מיט זיך אַליין פאַרנומען און געטראַכט פון די פאַר־נעכטיגענס וואָס וואַרט אויף איהם אין דעם שעהנעם זונטאָג נאָך שבועות.

— מאמא, דו געהסט אויך אַוועק? נאָר דו שמייעסט אַרום! — זאָגט צו איהר די עלטסטע טאָכטער.

— נו, קינדערלאך, אז אלע צוגעהען זיך, וועל איך אריבער־פאָהרען צו גיטלען; זי איז עפּעס נישט מיט אלעמען.

און טאקע אויף דער טאָכטער פאַרדריסט זי. מילא די שנור, זי זאָל אָרען. דער זוהן זוכט עפּעס אמאָל דער אלטער מאַמען א פאַרגניגען צו פאַרשאַפען? די איניקלאך מיינען, אז א באבע דאַרף זיין אויף דער וועלט, כדי צו באַקען זיסינקע קיכעלאך און פרעגלען איינגעמאַכטס פאַר זייערע בחורים און מיידלאך מכבד צו זיין. אָבער זי, די טאָכטער, ווייס דאָך יאָ, אז זי האָט אָפּגע־פינסטערט א גאַנץ לעבען...

ביי גיטלען איז שוין דער אלטער געזעסען און געוואַרט. ער איז געזעסען ביי א גלאָז זודיגען טעע, געבלאָזען דעם טעע מיט א ווינט און געטרונקען מיט א כליאַבען. ער איז געווען א דיקליכער איד מיט א קיילעכדיג, אויסגעבויגענעם רוקען, כמעט ווי א הער־בעל; מיט א היבשער באָרד געמישט געל, גרוי און ווייס, און יעדער קאָליר האָט געצעהלט א פינף און צוואַנציגער...

חנה ביילע'ס אלטע אויגען האָבען אויפגעלויכטען, ווען זי האָט איהם דערזעהן.

— וואָס מאַכט איהר, ר' מאָטעל? — פרעגט זי אין א ווײַלע אַרום, ווי זי וואָלט איהם אַקאָרשט דערזעהן.

— אָט, וואָס מאַכט איהר? — ענטפערט ער.

— וואָס מאַכען אייערע קינדער? — פרעגט זי ווידער.

— א דאַנק פאַר'ן פרעגען, וואָס מאַכען אייערע?

און ר' מאָטעל וואַרט נישט אויף קיין ענטפער; ער האָט שטאַרק הנאה צו רעדען פון זיינע קינדער.

— מיין זוהן, דער דאָקטאָר, האָט נישט לאַנג געמאַכט א „ראַפּיראַציע" אויף א חולה־מסוכן, וואָס האָט שוין נעהאלטען ביים אויסגעהן, און ער איז תיכף געזונט געוואָרען; און מיין איידים דער אַפּטייקער, ביי איהם קריגט מען דאָך די בעסטע מעדיצינען, אפילו היימיש רפואות קריגט איהר ביי איהם. און די איבריגע קינדער מאַכען אלע א פיינעם לעבען.

— מיינע קינדער — זאָגט חנה ביילע אביסעל פאַרלעגען —

מיינע קינדער זיינען נישט קיין דאָקטוירים אָדער אַפּטייקערס, אָבער אַלע מאַכען, א דאַנק גאָט, א פיינעם לעבען. „געמיין, אָבער שעהן" — גיט זי צו מיט א ווערטעל.

— דאָס מאַכט נישט — פאַרענטפערט זיי מאָטעל — נישט אַלע קעפּ זיינען געבוירען אויף שטודירען.

— און וואו געפינט איהר זיך אצינד? — פרעגט איהם חנה ביילע.

— אָט, אמאָל ביי דער טאָכטער, א מאָל ביי יענער, אמאָל ביי מיין זוהן, דעם דאָקטאָר; אזוי ווי דער „אידישער קעניג ליער". איהר האָט קיין מאָל נישט געזעהן אין טעאַטער דעם „אידישען קעניג ליער"? איך זאָג אייך, אז יעדער איד, וואָס האָט אויסגעגעבען קינדער טאָר עס נישט פאַרפעהלען צו זעהן. דאָס האָט דאָך אָנגעשריבען ר'יעקב גאָרדאָן עלוי השלום, איינער אַליין! איך האָב איהם אַליין געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען ביי מיין זוהן דעם דאָקטאָר אין שטוב, אקוראַט ווי איך זעה אצינדער אייך.

— און פון דעסטוועגען זיץ איך אָפּ גאַנצע טעג ביי גיט־לע'ן — האָט ער צוגעגעבען — זי איז אייערע א קרובה און ער איז מיינער א קרוב, זיינען מיר דאָך מחותנים.

גיטעל האָט דערלאַנגט צום טיש פּרוכט, איינגעמאַכטס און טעע.

— איהר ווייסט? אז ס'איז זיך נישטאָ וואו אהינצוטאָן אויף דער עלטעל. די קינדער איז שווער צו האָווירען — אַלע שטודירטע קעפּ. קורץ, ס'איז נישט גוט... בעת מ'האָדעוועט קינ־דער טראַכט מען גאָר נישט, אז אזוי וועט זיין דער סוף... עלטערע מענשען דאַרפען זיך פאַרשטעהן איינער דעם אַנדערען. ס'איז שווער צו ריידען אויף אייגענע קינדער. ווי מיינט איהר?

— יאָ, יאָ, אודאי אזוי — גיט צו חנה ביילע מיט א זיפץ און פיהלט ווי דער גלייכער שיקזאַל זייערער בינדט צונויף זייערע אַלטע נשמות...

עטליכע מינוטען האָבעןביידע געשוויגען. גיטעל איז ארויס זעהן דאָס קינד אויף דער גאַס

— לאָמיר זיך גאָר דורכפאָהרען מיט דער קאַר, אזא שעהנער טאָג — מאכט מאָטעל א פאָרשלאָג — איך האָב ליעב די זון; ווארעמט אויס דעם רוקען, א מחיה! און טאקע צום „אינלעט" לאָמיר פאָהרען; דאָרט שפּיעלט מוזיקע.

— אז גיטעל וועט פאָהרען, וועל איך אויך פאָהרען — ענט־פערט חנהביילע פארשעהמט ווי א יונג מיידעל.

— און מיט מיר אליין האָט איהר מורא צו פאָהרען, אָהן א שומר?

— מורא? עט, חלילה! ס'איז פרעהליכער זאַלבעדריט.

— אַי, איהר זייט שוין גאָר אויסגעוועבט. אין די יונגע יאָהרען איז אייך אויך געווען פרעהליכער זאלבעדריט? — לאַכט מאָטעל.

— אָבער פארקעהרט — כאַפּט עֶר אונטער — זאָל טאקע גיטעל אויך פאָהרען: ס'פּאַסט נישט אליין... ווי מיינט איהר?

גיטעל האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט און אלע האָבען זיך געלאָזען פאָהרען צום „אינלעט".

ר' מאָטעל האָט געהאַלטען אין איין לויבען די זון, וואָס זי ווארעמט דורך אלע גליעדער. און פאַר דעם קיהלען ווינטעל האָט ער אויך געהאַט א גוט וואָרט. בכלל איז ר' מאָטעל א גוט־מוטיגער און רעדט קיין שלעכטס אויף דער וועלט; ער האָט דער־צעהלט חנה ביילע'ן די פּאָליטיקס פון זייער שוהל, וועגען דעם רב, דעם חזן, דעם שמש, און זי האָט אָנגעקוואָלען הערענדיג.

ביים „אינלעט" האָבען זיך געפונען א סך מענשען; מוזיק האָט געשפּיעלט; דער עולם איז געזעסען ביי לאַנגע הילצערנע טישען און זיך געקוויקט מיט סאָדאַ וואסער און ביער. דער טייך ארום איז געווען מוטנע, און ארומגעשוואומען האָט דאָרט אלץ אין דער וועלט, א חוץ פיש. פון יענער זייט וואסער האָבען זיך געצויגען פעלדער, לאָנקעס בערג, איינגעטונקען אין פרישען גרין.

זיי האָבען זיך אַלע געזעצט אויף א באַנק. דאָס קינד איז איינגעשלאָפען ביי גיטלען אויף די הענט. זי איז אומעטיג געוואָרען, קענטיג אז דער שעהנער זומער טאָג, דער קלאָהרער הימעל איבער'ן קאָפּ און די גרינע ערד ביי די פיס האָבען איהר דערמאָנט אָן בעסערע טעג און אָן פרעהליכערע קאָמפּאַניע איידער די צוויי אַלטעטשקע וואָס שרכן'ען זיך דאָ.

— א מענש טאָר נישט זיין אַליין — הויבט ר' מאָטעל אָן צו רעדען וועגען ריכטיגען עינין — יענע נאַכט איז מיר נישט גוט געוואָרען, נישט גוט, און נישט גוט, און ס'האָט מיר נאָר גע־שלאָגען א חלשות, און דאָ בין איך איינער אַליין. איך האָב געמיינט, אז מיין סוף קומט שוין... איך האָב קוים דערלעבט דעם מאָרגען און געלאָפען צו מיין זוהן דעם דאָקטאָר.

— „אַליין זאָל זיין א שטיין", נאָר איהר האָט באַלד באַ־דאַרפט אריינקעהרען א גלאָז „עבסען"־זאַלץ. מסתמא פאַרשאָדט אָן עסען — האָט זי געענטפערט וויזענדיג, אז זי וויים וואָס מ'באַדאַרף טאָן אין אזא פאַל.

— זאָלט איהר געזונט זיין, איך באַדאַרף עפּעס טרינקען די „באַבסקע" רפואות, אז איך האָב א זוהן א דאָקטאָר?

חנה ביילע האָט געשוויגען.

— נאָר וואָס העלפט דאָס, אז איך האָב שוין קיין רעכט ביסעל געקעכץ נישט געגעסען זינט מיין אַלטע איז מיר אָפּגע־שטאָרבען, און פון זייערע מאכלים פאַרדאַרב איך שטענדיג דעם מאָגען, און אַזוי לייד איך שוין פון מאָגען שעהנע עטליכע יאָהר.

גיטעל האָט אויף דעם אַלטען געוואָרפען א בליק און ער האָט גלייך זיך געכאַפּט אז ער רעדט נישט וואָס מ'באַדאַרף.

— פאַרוואָס זאָלט איהר נישט חופה האָבען? האָט נישט קיין פאַראיבעל וואָס איך פרעג אייך. איהר זעהט נאָך אויס, קיין עין־הרע, נישט אַלט, און גאַנץ קרעפטיג — האָט ער זיך געווענדט צו איהר.

— אָט, עס מאַכט זיך רק נישט די פּאַסיגע פּאַרטיע. מ'קען דאָך נישט נעהמען א אידען פון גאַס. און די קינדער, זאָלען

געזונט זיין, ווילען נישט דערלאָזען. אָט, דאָ נישט לאַנג האָט מען מיר גערעדט אַ שידוך; איך האָב נישט געוואָלט, ער איז שוין גאָר געוועזן חרוב! ער קען אפילו וואויל לערנען און איז אַמאָל געווען אַ גרויסער סוחר. ער איז אויסגעגאַנגען נאָכ'ן שידוך. די קינדער אָבער האָבען אַלע אין איין קול געשריען: „וואָס, מיר וועלען געהן האָרווען אויף אַ פרעמדען אידען, אַ שטיעף־טאַטע!?"

— דאָס אייגענע וואָס מיינע קינדער טענה'ן. איך זאָג זיי: קינדערלאַך, איך בין אַלט, איהר קענט מיינע ניטען נישט ליידען, וועל איך חתונה האָבען און וואוינען פאַר זיך. ענטפערען זיי: „מיר וועלען קיין פרעמדע אידענע נישט שפייזען". עלטערען גיבען אָפּ אַ גאַנץ לעבען פאַר קינדער, און קינדער האַלטען אויס אַן אַלטען טאַטען־מאַמען, ווייל ווי זאָגט מען, מ'קען איהם דאָך אויף דער גאַס נישט אַרויסטרייבען. ווי מיינט איהר?

— אוודאי אזוי! — זיפצט חנה ביילע.

— אָבער הערט נאָר, וואָס איך וועל אייך זאָגען. איהר פּרובירט דורך דער וואָך איבעררעדען מיט אייערע קינדער, איך וועל זיך דורכרעדען מיט'ן זוהן דעם דאָקטאָר, און מיר וועלען שטעלען אַ חופּה. גימעל האָט דאָך שוין מיט אייך וועגען דעם גערעדט. און אויב די קינדער אונזערע וועלען נישט מסכים זיין, וועט זיין נישט. — און דאָ איז מאָטעל פּלוצים געוואָרען שטאָלץ, אויסגעגלייכט אביסעל זיין רוקען און אַ זאָג געטאָן: — נישקשה, ר' מאָטעל קען נאָך אָנטאָן אַ קערבעל אויף די פּלייצעס און געהן „פּעדלען"! פאַר אונז ביידען קען איך נאָך פאַרדיענען; ווי מיינט איהר?

פאַרנאַכט איז צוגעפאַלען. הינטער די בוימער איז די זון פאַרגאַנגען און אָנגעצונדען רויט דעם מערב. אין מזרח־זייט האָט שוין געטונקעלט און אַ קיהל ווינטעל האָט גענומען וועהען.

— פאַר אייך איז אפשר צו קיהל? — פרעגט חנה ביילע באַזאָרגט — לאָמיר פאָהרען אהיים.

די לעצטע עטליכע יאָהר האָט זיך ביי איהר אָנגעקליבען

אזוי פיעל גוטסקייט, אזוי פיעל ליעבשאפט אין איהר נשמה, און זי האָט עס נישט נעהאט וועמען ארויסצואווייזען. די קינדער דארפען דאָס נישט; די אייניקלעך זיינען שוין אויך אויסגעוואקסען. און וואָס איז פאר זיי א באָבע וואָס קען קיין ענגליש נישט רעדען? און זי האָט דערפיהלט, ווי יענער רעסטעל ליעבע געהט איבער צו איהם, וואָס דארף איהר גוטסקייט, אזוי ווי די ערד די זון.

ער האָט זי צוגעפיהרט צו גיטעל׳ס הויז וואו די אלטע איז געבליבען נעכטיגען; זיי זיינען זיך פונאנדערגעגאנגען מיט א צוזאָג צו רעדען מיט די קינדער און איבער אכטאָג, אז מ׳וועט דערלעבען, זיך ווידער טרעפען דאָ ביי גיטלען און איינם דעם אנדערען אויסדערצעהלען ווי און וואָס זיי האָבען גערעדט מיט די קינדער.

גיטעל האָט זיי אָנגעקוקט און געטראכט מיט פארדרוס, אז די צוויי זקנים האָבען מעהר ליעבע אין זייערע הערצער, ווי זי מיט איהר מאן, כאָטש זיי זיינען ערשט עטליכע יאָהר פארהייראט...

דאָס הויז מיט'ן גרינעם גאַניק.

דאָס הויז מיט'ן גרינעם גאַניק איז געשטאַנען אין א שטילער גאַס אין פּעטערסאָן. נעבען גאַניק איז געווען א נידעריגער ברייט־געוואַקסענער בוים און, הארט ביים בוים, א פּאָנאַר. זומער־צייט, ווען דער בוים האָט זיך צובליהט, האָט ער דעם פּאָנאַר צווישען זיינע געדיכטע צווייגען פארבאָרגען.

אינ'ם הויז האָט געוואוינט די פאַמיליע שיין.

אין זומערדיגע פאַרנאַכטען פלעגט אייב אייבעלסאָן צוקומען און זיך זעצען אויפ'ן גאַניק און ווארטען... אין א פּאָר מינוטען ארום איז קלאַרא ארויסגעקומען, אָפּטמאָל מיט דעם נאָך נישט אראָפּגעשלונגענעם ביסען אין מויל, און זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן באַנק נעבען אייבי'ן. דער שמועס איז תמיד געווען וועגען דער ארבייט. קלאַרא האָט געאַרבייט ביי אויבער־העמדער און אייב איז געווען א זייד־וועבער. אין א רוהיגען, אָבער א וויכטיגען טאָן, האָט מען זיך אויסדערצעהלט וואָס ס'איז פּאָרגעקומען אין ביידענס שעפּער דורכ'ן טאָג. האָט אויסגעפּעהלט רייד, האָט מען איבער־גע'חזר'ט דאָס אייגענע נאָך אמאָל, אָדער מ'האָט זיך וואָס דער־מאָנט פון נעכטען.

קלאַרא איז געווען א שטיל באַשיידען מיידעל פון אכצעהן יאָהר, איהר שעהנקייט איז אויך געווען א באַשיידענע: א ווייסער קלאָהרער פּנים, מיט ברוינע גוטע, שעהמעוודיגע אויגען און ווייכע, טונקעלע האָר שטענדיג גלאַט צוגעקאַמט. און אייב — א הויכער קרעפטיגער בחור פון צוואַנציג יאָהר.

צו זיצען לאַנג אויפ'ן גאַניק איז זיי קיין מאָל נישט אויסגע־

קומען. באַלד איז אַרויס די אינגערע שוועסטער מאשא, דאָס אינגסטע מיידעלע סיידי און דאָס מוזיניקעלע לייבעלע. און די מאַמע, מלכה שיין, אָנגעטאָן אין ברייטען פאַרטוך, האָט זיך אויך גע־שטעלט אויפ'ן גאַניק. מיט די הענט אין די באָקעס און אַ שמייכעלע, צוגאָסען איבער'ן פולען פנים, האָט זי געקוקט אויף איהרע קינדער און געטראַכט: שוין באַלד איין טאָכטער אויסגעגעבען, און אין הויז האָט זי מיט אַ נחת געזאָגט צום מאַן: „אַז מ'וואוינט אין אַ הויז, מיט אַ שעהנעם גאַניק, בלייבען נישט די טעכטער קיין פאַרזעסענע מוידען... וואָס זאָגסטו, מענדעלע?"

אייבי'ס אינגערער ברודער, דזשייק, פלעגט אויך קומען יעדען אָבענד זיצען אויפ'ן גאַניק; און נאָך מיידלאַך און בחורים, חברים און חברה'טעס. עס איז געווען געגוג פאַר אַ מאַמען, אַז די טאָכ־טער זאָל זאָגען, זי געהט צו מלכה שיין אויפ'ן גאַניק, און די מוטער זאָל זיך נישט באַאומרוהיגען... און אַזוי איז תמיד געווען היימליך און פרעהליך, ווינטער אין שטוב, און זומער אויפ'ן גאַניק. אַלע — יונגע, ריינע הערצער, האָט דאָס בייזע לעבען איבער זיי קיין שליטה נישט געהאַט.

אייב און קלאַראַ זיינען געוואָרען חתן־כלה. מ'האָט געמאַכט אַ תנאים לויט'ן היימישען שטייגער, וואָרים טאַטע מאַמע זיינען אויף דעם באַשטאַנען. וועגען דער חתונה האָט מען נישט גערעדט, ביידע זיינען נאָך געווען צו יונג. און חתן־כלה האָבען אָנגעהויבען שפּאָרען געלט בשותפות.

אייב איז געוואָרען ווי אַ זוהן אין הויז, און צוליעב איהם זיין ברודער דזשייק אויך.

אייב איז נאָך געווען צו יונג און נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער דאַרף, אַלס חתן, זיך נוהג זיין מיט דער כלה. איהם האָט זיך געדוכט, אַז אַ כלה איז כמעט ווי אַ ווייב, מ'מעג איהר אין אַלץ אַ דעה זאָגען, אָנווייזען וואָס זי זאָל יאָ, און וואָס זי זאָל נישט טאָן. און, הגם ער האָט נישט געוואוסט ווי מיט דער כלה זיך צו באַגעהן, איז איהם די ראָלע פון זיין אַ חתן שטאַרק געפעלען. אָהן אַ פאַרוואָס האָט ער געקענט זאָגען: „קלאַראַ, איך וויל נישט, אַז

דו זאָלסט מיט דער מיידעל פאַרקעהרען". און קלאַרא האָט מיט דער מיידעל נישט פאַרקעהרט. וואָרים, ווער וויים נאָך אזוי ווי אייב ?..

דזשייק'ן האָט זיך געדאַכט, אז קיין שעהנערע און פיינערע מיידעל ווי זיין ברודער'ס כלה, איז אין גאַנץ שטעדטעל נישטאָ. און נאָר אָפּט, פלעגט עס איהם פאַרדריסען, למאי ער איז נישט דער עלטערער...

האָט אייבי'ן זיך געגומען אויסוויזען, אז דזשייק קוקט צו־פיעל אויף זיין כלה.

און איין פרייטאָג צו נאַכט, ווען קלאַרא איז אריין אין א ווייסער, געבלויזטער בלוזע אָנגעטאָן צום שבת־טיש, האָט דזשייק נאָר נישט טראַכטענדיג א זאָג געטאָן :

— קלאַרא, ביי דיר, איז אזא ווייסער האַלז !

אייב איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרען און ס'איז ארויסגעקומען א קריעג צווישען די ברידער. נאָר אייב האָט זיך אָפּגעהאַלטען צוליעב נישט צו פאַרשטערען דעם שבת.

דער טאַטע האָט געגעבען אייבי'ן גערעכט : „דזשייק האָט נישט וואָס צו קוקען !" נאָר די מאַמע האָט געזאָגט אז ס'מאַכט נישט, א ברודער מעג קוקען.

א געשלעג איז ארויסגעקומען, ווען קלאַרא האָט זיך אויפגע־נעהט א קימאָנאָ פון א דורכזיכטיגער וואַרע. אין א זונטאָגדיגען מאָרגען, ווען קלאַרא האָט געוואוסט, אז אייב דאַרף קומען, האָט זי זיך אָנגעטאָן אין דער נייער קימאָנאָ און זיך ארומגעדרעהט איבער'ן שטוב טוענדיג עפּעס אַן ארבייט.

ביידע ברידער זיינען אָנגעקומען און דזשייק האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און פאַרוואונדערט אויסגעשריען :

— קלאַרא, דיינע נאַקעטע אָרעמס זעהען זיך דורך, דורך דער קימאָנאָ !

— און ווער הייסט דיר קוקען ! ? — האָט אייב א געשריי געטאָן מיט כעס.

— איך טאָר נישט קוקען ? וואָס וועל איך איהר אָפּקוקען ? — האָט זיך דזשייק פאַרענטפערט.

— פאַרוואָס קוקסטו נישט אויף מאשאַ'ן, זי טראָגט אויך אַ קימאָנאָ ?...

— מאשאַ איז נאָך אַ קליין מיידעל — האָט דזשייק געזאָגט, אַנקוקענדיג מאשאַ'ן.

מאשאַ האָט זיך צושריען און צוואויינט, לּמאי דזשייק האָט זי באַליידיגט. וואָס האָט ער זי צו באַליידיגען ? מאָרגען טוט זי זיך אָן אַ לאַנגע קלייד און געהט ארבייטען, וועט שוין קיינער איהר נישט אויפוואַרפען, אַז זי איז נאָך אַ קליין מיידעל !...

אייב האָט אַרונטערגעלאָזען דזשייק'ן אַ פּראַסק איבער'ן פּנים. און ס'איז געוואָרען אַ קריעג און אַ געשלעג.

איז קלאַרא אַרויפגעלאָפען אין איהר צימער און אויף גיך אויסגעטאָן די קימאָנאָ. אייב איז איהר נאָכגעלאָפען, געכאַפּט אַ שער, און דעם בגד צושאָרען אויף שטיקער.

שפּעטער, ווען אייב האָט זי איבערגעבעטען, האָט ער געזאָגט :

— קלאַרעלע, איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט טראָגען געבלויזטע בלוזען מיט קורצע אַרבעל, ס'איז נישט שעהן, האָסט אַ צו ווייסען האַלז.

— אדרבא, אַז מ'האָט אַ שוואַרצען האַלז איז נישט שעהן צו געהן געבלויזט — האָט קלאַרא איינגעווענדעט.

— אַ צו ווייסען איז אויך נישט שעהן ; אַלע קוקען.

נו, האָט קלאַרע מעהר נישט אָנגעטאָן קיין געבלויזטע בלוזען מיט קורצע אַרבעל.

פינף יאָהר זיינען אייב און קלאַרא געוועזן חתן כלה און אויפ'ן זעקסטען האָבען זיי חתונה געהאַט. אייב האָט מיט דעם אָפּגע־שפּאָרטען געלד געעפענט מיט אַ שותף, אַ זייד מיהל. געשעפט איז אַוועק גוט און זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט אַ שעהנע וואוי־נונג, ווייט פון'ם הויז מיט'ן גרינעם גאַניק... דאָ, איז מען נאָר גע־קומען אַ יום טוב עסען דער מאַמע'ס מאכלים.

אונטערדעסן האָט שוין דזשייק אויך חתונה געהאַט, און דווקא נישט מיט קיין שעהנער מיידעל. ער האָט גענומען געלד און אויך געפּענט א זייד־מיהל. און ער איז אויך אוועק פונ׳ם הויז מיט׳ן גרינעם גאַניק. און אַזוי, ווער עס האָט חתונה גע־האַט איז אַרונטער פון בריקעל... פאַרפלוינגען אין אייגענעם נעסט אַריין.

נאָך זייערע חתונות, האָט מלכה געדונגען א גוי און ער האָט איבערגעפאַרבט דעם גאַניק מיט די לאַדענס, נאָך אַמאָל אויף גרין. דאָס הויז האָט אַרויסגעשיינט פון דער גאַס...

מאשא איז א כלה געוואָרען און צו סיידי׳ן האָבען זיך שוין אויך בחורים גע׳שרכנ׳ט, און אויפ׳ן גרינעם גאַניק איז נאָך אַלץ פרעהליך געווען אין די זומערדיגע אויף דערנאַכטען. א אינגערער דור — האָט מען נייערע ליעדער געזונגען אויפ׳ן גאַניק. אָבער דאָס אַלטע ליעדעל האָט זיך אָבער און ווידער איבערגע׳חזר׳ט: „אינגעלעך מיט מיידעלעך האָבען זיך גענומען". מ׳האָט חתונה געהאַט, אוועקגעפלויגען פונ׳ם גרינעם גאַניק, דעם טרייען, אַלטען בוים, וואָס האָט זיי פאַרשטעלט פון נייגעריגע, און דעם שטילען, לייכטענדען פאָנאַר, וואָס האָט זיין שיין מיט גנאָד געלאָזט פאַלען אויף זיי. מען האָט ערגעץ־אַנדערשוואו אייגענע קינדער גע־האָדעוועט.

אז מלכה און מענדעל שיין האָבען אויסגעגעבען אַלע טעכטער, האָבען זיי זיך אַרויסגעקליבען אין א קלענערער דירה. און מלכה האָט מיט א ברייטען געלעכטער געזאָגט: „מ׳דאַרף לאָזען לייטען אויך זייערע טעכטער אויסגעבען. א מזל׳דיג הויז, אַט דאָס הויז מיט׳ן גרינעם גאַניק".

און אַן אַנדער פאַמיליע מיט אַנדערע טעכטער האָבען דאָס הויז פאַרנומען.

. . . .

אייב און דזשייק, אַריינקומענדיג אין די מיטעלע יאָהרען, זיינען געוואָרען רייכע זייד פאַבריקאַנטען מיט אָפּגעגעסענע קאַר־

קען. די ברידער האָבען צווישען זיך גוט געלעבט און אויסגעהאָל־פען איינעם דעם אנדערען וואו און וואָס מען האָט געדאַרפט.

דזשייק קומט אריין אין אייב׳ס פריוואט אָפיס, זעצט זיך ברייטליך אנידער אויפ׳ן דעסק, דערלאַנגט אייבי׳ן אַ ציגאַר, פאַר־רויכערט אליין אויך איינעם, און זאָגט מיט אַ געלעכטער:

— נאַדיר אַ ציגאַר פאַר דעם פאַטש אין פּנים, וואָס דו האָסט מיר געגעבען פאַר קוקען אויף דיין כלה. ביזט נאָך היינט אויך אַזאַ „פול״?

און ביידע ברידער צולאַכען זיך, דערמאָנענדיג זיך אָן יענע צייטען און אָן הויז מיט׳ן גרינעם גאַניק. היינט רופען זיי דאָס הויז די „אָלד שענטי״. אייב וואַרפט כלומר׳שט פאַר דזשייק׳ען פאַר דער „שיקסע״... ס׳איז נישט שעהן, קינדער וואַקסען אויף. מען רעדט זיך פאַנאַנדער וועגען שעהנע מיידלאַך און ווייבלאַך מיט אַ פינטעל אין אויג. מ׳גיט זיך אַ „טיפ״ וואו עס איז ריזי־קאַליש... דזשייק דערצעהלט אַז ער האָט צרות פון דער ווייב. זי איז אייפערזיכטיג. אייב זאָגט, אַז קלאַראַ איז גאָר אַ היילינגע. אייפערזיכטיג צו זיין פאַלט איהר גאָר נישט איין.

און קלאַראַ? די שטילע באַשיידענע קלאַראַ האָט שוין גע־האָדעוועט דאָס פירעטע קינד. זי איז געווען געזונד און נאָך שעהן און יונג. אייב איז איהר וואָס אַ יאָהר ליעבער און טייערער גע־וואָרען. און, ווען געוועזענע חברה׳טעס פונ׳ם גרינעם גאַניק זיינען נעקומען איהר אָנדערצעהלען זאַכען אויף אייבי׳ן: מען האָט איהם געזעהן פאָהרען מיט דער אינאַן אָטאָמאָביל און מיט יענער שעהנ־הייט איז ער געזעסען אין רעסטאָראַן; צי קלאַראַ האָט יאָ גע־גלויבט, אָדער נישט — געענטפערט האָט זי זיי, אַז זי וועט אייבי׳ן קיין קרום וואָרט נישט זאָגען. „וואָס אייב זאָל נישט טאָן, און וואו ער זאָל נישט געהן, אין דער היים וועט ער אַלע מאָל געפינען אַ ריין הויז, אַ גוטען מיטאָג און אַ ווייכע בעט. באַלד איז צו־קלונגען געוואָרען איבער׳ן שטעדטעל וואָס קלאַראַ האָט געזאָגט. אנדערע האָבען געלאַכט און אנדערע האָבען צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַז אַזוי דאַרף זיין.

אָבער, אז קלאַרא האָט אָנגעהויבען שוואַנגערען מיט'ן פינפ־טען קינד, איז זי שוין אליין אויך געווען אומצופריעדען. פריינ־דינעם האָבען עצות גענעבען. די... יענע... ס'איז אַלעמען ארונטער גלאַט... האָט זיך קלאַרא אויך געלאָזען איינריידען... נאָר קלאַרא'ן איז דאָס נישט גלאַט ארונטער... געקראָגען א בלוט פאַרניפטונג און פון טוידט זיך נישט געקענט אויסקויפען מיט אַלע רייכטימער... צעהן טעג געלעגען אין מאַטערניש און — זי איז געשטאָרבען...

דאָס אומגליק איז פאַר אייבי'ן געווען אַזוי גרויס, אַזוי פּלוצ־לונג און אַזוי שרעקליך, אַז דזשייק האָט איהם געמוזט היטען ער זאָל זיך דאָס לעבען נישט נעהמען.

די וואָדעוויל טענצערקע, מיט וועלכער אייב איז געווען באַ־קאַנט, איז פּלוצלונג געוואָרען א היילינע, זיך אָנגעהויבען קליידען זעהר באַשיידען, גערעדט פון טרייהייט און פאַמיליען גליק. גע־קומען זעהן די יתומים'לאַך און זיי געגלעט איבער די קעפּעלאַך. אייב איז געווען גרייט מיט איהר חתונה צו האָבען, נאָר דזשייק האָט זיך אריינגעמישט און נישט דערלאָזען.

די בוכהאַלטערין אין אייב'ס שאָפּ האָט אַזוי פיעל סימפּאַטיע און מיטלייד ארויסגעוויזען דעם שעהנעם, רייכען „ווידאָער", אז ווען אייב האָט זי געבעטען געהן מיט איהם אין טעאַטער, האָט זי איינגעוויליגט, נאָר אויס מיטגעפיהל. און וועגען איהר האָט שוין אפילו דזשייק נישט געקענט ריידען מיט א פינטעל אין אויג...

קורץ, מען האָט אייב'ן ארויסגעוויזען סימפּאַטיע און מיט־געפיהל אויף שריט און טריט.

און אין א יאָהר ארום נאָך קלאַרא'ס טוידט האָט אייב צום צווייטען מאָל חתונה געהאַט. די אינגערע קינדער האָבען באַ־דאַרפט א מאַמען... גענומען פאַר א ווייב האָט ער קאַראָלינען; דעם ראַבאַי'ס טאָכטער.

צו יענער צייט האָט אייב שוין אָנגעהויבען שפּירען א מיעד־קייט אין גאַנצען קערפּער. שוין געווען צייט אַביסעל זיך אָפּ־צורוהען... זייט קלאַרא איז געשטאָרבען איז שוין אייב אויך

נישט דער זעלבינגער: גרויע האָר בונטענ־ווייז, און דער טראָט איז שוין אויך נישט אויף ארומצולויפען...

אָבער קאראלינע האָט קוים זיך דערלעבט ארויסצורייסען פון דער רב'נישער שטוב און פון דער קאפריזנער, קרענקליכער מאַמען. ווי אַן אָפּגעבונדענע חיה איז זי אריין אין אייב'ס הויז... זי האָט אָנגעהויבען מאַכען הולאַנקעס און „פּארטיעס״. חצופות'־דיג רייך זיך געקליידט, תמיד מיט נאַקעטע אָרעמס און נאַקען, און אייב, א מיעדער האָט נאָכגעטאַנצט...

אַז קאראלינע האָט א קינד געבאָרען, האָט אייב פרייער אָפּ־געאָטעמט. אפשר וועט ער אַצינד ניט דארפען אזוי פיעל אומ־שמאַיען מיט איהר. און אַזוי איז דאָס געווען. זי איז געוואָרען א מאַמע און א שטוב־זיצערקע.

אָבער אייב איז שוין נישט דער זעלבינגער; געוואָרען אַן אומעטיגער, א פארטראַכטער... און דזשייק האָט איהם געקוקט אין די אויגען...

— דזשייק, געדענקסט דאָס הויז מיט'ן גרינעם גאַניק? — פלעגט אייב איהם אָפּט א פרעג טאָן.

— אָה, די אַלטע „שענטי״ — האָט איהם דזשייק שטענדיג געענטפערט, אָבער שוין אָהן א געלעכטער און אָפּט מיט אַן אָפּגעקעהרטען קאָפּ... — מען דארף אמאָל צופאָהרען מיט'ן אָטאָ־מאָביל און א קוק געבען...

— איך פאָהר זעהר אָפּט פאַרביי, דזשייק. און עפּעס א מאָדנע קעלט וועהט מיר שטענדיג אנטקעגען. אַן אומעט און בענקשאַפט נעהמט מיך ארום... פרעמדע מענשען זיינען אין הויז און אויפ'ן גאַניק. איך קען זיי נישט און זיי קענען מיך נישט. די פאַרב איז אָפּגעריבען, די לאָדענס הענגען נאָך צו־בראָכען. דאָס הויז איז שוין גוט אַלט, ברודער דזשייק!...

און איין פארנאַכט, שפּעט אין זומער, האָט אייב מיט דזשייק'ען זיך אָפּגערעדט פאַרביי צו פאָהרען פאַרביי דעם הויז מיט'ן גרינעם גאַניק. אין מאַשין זיינען געזעסען אייב, קאראלינע, די עלטערע קינדער און דזשייק מיט זיין ווייב. אייב האָט גע־

בעטען דעם שאָופער טרייבען די מאַשין גאַנץ לאַנגזאַם. דאָס הויז האָט פּלוצים אויף דאָס ניי אויפגעלעבט: דער גאַניק און די לאָדענס זיינען געוועזן פריש געפאַרבט אויף גרין; אויפ׳ן גאַניק זיינען געזעסען בחורים און מיידלאַך און געזונגען ליעדער...

אייב׳ס עלטסטע טאָכטער, א צוואַנציג יאָהריגע מיידעל, האָט אויסגעשריען:

— זיידע און באָבע „יוזד טו ליוו היער".

אייב האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. דזשייק האָט באַפוילען דעם שאָופער ווייטער צו פאָהרען. קיינער האָט איהם נישט פאַרשטאַנען, אפילו נישט די טאָכטער. נאָר דזשייק האָט זיין ברודער פאַרשטאַנען, וואָרים זיין איינען לעבען איז אויך געוועזן וויסט און פּוסט...

אַ היימישע פאַמיליע.

אברהם גינזבורג האָט, נאָך אין קאָרידאָר געהענדיג, געהערט ווי זיין פרוי זאָגט צו די קינדער:

— שאַ, זאָל זיין שטיל, דער טאַטע געהט.

ער איז גלייך אריין אין אַ כעס דאָס דערהערענדיג און, אריינ־קומענדיג אין עס־צימער, האָט ער אין אַ בייזען טאָן געזאָגט:

— ווען איך האָב פאַרלאַנגט, עס זאָל זיין שטיל אין הויז, ווען איך קום? איך דאַרף נישט קיין שטילקייט! איך וויל, אַז ווען איך קום אַהיים זאָלען מיינע קינדער מיר באַפאַלען מיט קושען, און שרייען: דער טאַטע איז דאָ! דער טאַטע איז דאָ! און נישט בלייבען זיצען דערשראָקענע. וואָס בין איך אַ גזלן, אַז מיינע קינדער זאָלען פאַר מיר מורא האָבען?!

— זיי האָבען זיך געקריעגט — ענטפערט איהם זיין פרוי, שרה, גאַנץ געלאַסען, בלייבענדיג זיצען אויפ'ן שטוהל די הענט פאַרלייגט אויפ'ן געקעסטעלטען קיך־שירץ. און אין איהרע גרויע, אומעטיגע אויגען האָט זיך באַוויזען ווי אונטער אַ כמארע אַ ני־דערגעשלאָגענער בליק. איהר מאָגערער, בלייכער פנים האָט זיך באַצויגען מיט אַ רויטקייט — זי איז געוועזען פאַרשעהמט.

— און אַז זיי האָבען זיך געקריעגט איז וואָס? קינדער! אומשטיינס געזאָגט קינדער... צוויי שטיקלאַך קינדער, איז די טאָכטער אין גאַנצען אין דער מאַמען געראָטען!... אַ מויד פון אכצעהן זאָל אויסזעהן ווי אַ מיידעל פון פערצעהן! מיר איז נאָר אַ חדוש וואָס זי טוט זיך אויך נישט אָן אַזאַ הן'עוודיגען שירץ ווי

דער מאַמעס — זאָגט ער וואַרפענדיג אַ בליק אויף זיין טאָכטער, אַ דאַר בלאַס מיידעל מיט דינע איידעלע געזיכטסציגע.

שרה האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגעטאָן דעם פאַרטוך. דאָס מיידעל איז רויט געוואָרען. מוטער און טאָכטער האָבען ביידע געשוויגען. זייער שווייגען איז אָבער שווער געפאַלען אויף אברהם'ען, און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— האָבען זיי זיך געקריעגט! אַן אומגליק אין שטאָדט. איך מיט מיינע ברידער און שוועסטער פלעגען זיך ממית'ן ווען מיר זיינען געווען קינדער; און היינט וואָלטען מיר איינס פאַר דעם אַנדערען די העלזער לאָזען שניידען.

—— געה עסען, אברהם! — זאָגט שרה מיט איהר געוועהנליכען שטילען קול.

דער טיש איז געווען געגרייט, און דאָס שטוב־מיידעל האָט סערווירט דעם סאַפּער.

אָבער עסען האָט ער נישט געקענט. עפּעס האָט איהם גע־דריקט אויפ'ן הארצען. ווערטער זיינען איהם אין האַלז גע־שטאַנען — נישט אַרויסצורעדען און נישט אַרונטערצושלינגען.

טראָץ זיין בייזערען זיך איז אברהם גינזבורג נישט קיין כעסן און נישט קיין שרייער, נאָר ווייל ער איז אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ שעהנע גרויליך־שוואַרצער באָרד און אַ גרויסען קאָפּ מיט שוואַרץ־גרויע האָר, דערשרעקט מען זיך, ווען ער בייזערט זיך אַביסעל. זיין פרוי שרה קען איהם גוט; זיינע אַר־בייטער אין פאַבריק אויך, נאָר פונדעסטוועגען, ווען ער גיט עפּעס אַ זאָג, באַוועגט זיך ביי קיינעם נישט די צונג אין מויל איהם אַנטקעגען צו ענטפערען.

— אדרבא, לאָמיך אויך וויסען איבער וואָס איהר האָט זיך געקריעגט? און אַז עס וועט קומען צו קלעפּ, וועל איך אייך העלפען — האָט אברהם געלאַכט, זיך ווענדענדיג צו די קינדער.

— אָה, אַ באַטרעף זייער קריעג! מאָטלען געפעלט בעסער אַמעריקאַ, דאָס הייסט ניו יאָרק, און רייזלען געפעלט דוקא ווילנאָ — האָט זיך די מוטער איינגעשטעלט פאַר זיי.

— נו יאָ, רייזעל ווייס אזוי פיעל פון ניו יאָרק, ווי פיעל מאַטעל געדענקט פון ווילנאַ.

— א מיידעל זאָל נאָר זיצען אין שטוב מיט דער מאַמען. געה מיט מיידלאַך, געה מיט בחורים! איך געטרוי דיר; אז מען האָט א מאַמען אזא צנועה קען מען זיך אויף דיר פארלאָזען.

דאָס מיידעל איז שטארק רויט געוואָרען און נישט געהאט וואוהין די הענט אהינצוטאָן.

— אברהם! — האָט שרה אויסגעשריען מיט א פאָרוואורף אין די אויגען.

דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען.

— איך וועל אליין, איך וועל אליין ענטפערען!

— פייטעלמאַן האָט מיך איינגעלאַדען שפּיעלען א פינאָ־קעל — האָט ער געזאָגט אריינקומענדיג צוריק, — ווילסט אויך געהן? זי, די מרס. פייטעלמאַן, פרעגט זיך יעדעס מאָל נאָך פאר־וואָס דו קומסט נישט מיט; אָט דאָס איז א ווייבעל! א ברען. שפּיעלט מיט אין קאָרטען; איז געזונט און פעט. האָסט גע־זעהן ס'ארא קארק!...

— אברהם, שווייג! — בעט זיך שרה — געה רייזעל, שפּיעל אביסעל אויף דער פּיאַנאָ, און דו, מאַטעלע, געה אין גאַס א ווײַלע.

מאַטעל, א פלינקער אינגעל, מיט אויגען ווי ביים טאַטען, איז אין איין רגע שוין געוועזן פון יענער זייט טיר, און רייזעל האָט זיך נישט ווילענדיג אויפגעהויבען צו געהן שפּיעלען.

— קום מיט — בעט זי ווידער אברהם, ווען די קינדער זיי־נען ארויס, — כ'לעבען זי איז א וואויל ווייבעל, ביזט דאָך שוין דאָרט איינמאָל געווען.

— איינמאָל איז גענוג — האָט שרה געענטפערט קורץ, קוקענדיג אויף דער וואַנט.

— ביזט אייפערזיכטיג אויף איהר — רייצט זיך אברהם.

— איך בין נישט אייפערזיכטיג — זאָגט שרה קורץ און פארשעהמט.

ביים קראוואט בייטען האָט ער זיך ווידער געווענדט צו איהר:

— א שעהנער קראוואט דער? ער פאסט זיך גוט צו מיין נייעם אנצוג?

— אביסעל צו שרייענדיג, עס פאסט ניכער פאר א מאן פון פינף־און־צוואנציג ביז דרייסיג, ווי פאר א אידען פון פופציג.

אז מ'דערמאָנט אברהם'ען אָן זיינע פופציג יאָהר, ווערט ער טאקי אמת אין כעס.

— איך בין ערשט זיעבען־און־פיערציג און נישט קיין פופציג יאָהר! ביזט טאקי נעבאך אייפערזיכטיג; און ס'איז דאָ אויף וועמען: אזא פאָר ממזר'ישע אויגען! און זי איז טאקי צו מיר...

שרה האָט שנעל פארלאָזען דאָס יצמער.

. . . .

האלב צוויי פארטאָג, איז אברהם אהיים געקומען מאט און נידערשלאָגען. שרה'ן האָט ער געפונען אויפ'ן דיוואן ליגענדיג אין גאנצען אָנגעטאָן.

— פארוואָס האָסטו זיך נישט געלייגט שלאָפען? — האָט ער זי געפרעגט, אויף גיך אויסטועענדיג דעם בונטען־קראוואט.

— בין נישט שלעפעריג געוועזן.

אברהם האָט אָבער פון איהר פנים אראפגעלייענט, אז זי וויל מיט איהם ריידען, און ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר אויפ'ן דיוואן.

— ביזט אין כעס, שרה'לע? — זאָגט ער פול מיט חרטה — מיינסט אז ביי מיר איז אזא גרויס פארגניגען צו נעהן שפּיעלען אין קאָרטען מיט שייקע פייטעלמאן. עס איז מיר נענוג אז איך האָב איהם פאר א שותף אין געשעפט...

— געהט מען נישט אהין! אז מיר געפעלט נישט, נעה איך נישט.

— אָט דאָס איז עס דאָך, אז איך און דו זיינען צוויי אנדערע

װעלטען; צװײ אַנדערע װעלטען, שרה׳לע... דו האָסט אױגען װי דער הימעל; דײנע הענט זײנען װײסע, דינע מיט שמאָלע פינגער. דו ביזט אַן אײדעלס. מײנע הענט זײנען גרױסע מיט האָר באַװאַקסען, מיט פולע אָדערען; בײ מיר קאָכט דאָס בלוט װי אין אַ קעסעל; איך עס אַ סך, איך שלאָף שטאַרק, איך קען פאַרטראָגען אַ ליאַרם, אַ טומעל; איך האָב עס ליעב. איך קען קײן שטילקײט און קײן רוהיגקײט נישט אַריבערטראָגען. איך בין אַ גרױסער, געזונטער איד מיט אַ גרױס האַרץ. דאָס האַרץ אָבער טוט מיר שטענדיג װעה; און דאָס גרױסע האַרץ װעט אין מיר אַ מאָל פּלאַצען פון װעהטאָג. איך קען דעם גאַנצען היגען לעבען נישט אַריבערטראָגען. איך קען שײקעלע פײטעלמאַן נישט אָנקוקען!...

— איך האָב באַדאַרפט האָבען מײן פאַבריק אין װילנאָ, אָהן שותפים. װאױנען אין אַ גרױסע הױז; אין עס־צימער זאָל שטעהן אַ גרױסער טיש, תמיד מיט אַ פלאַש װײן און צובײסען פאַר יעדען, װאָס זאָל אַרײנקומען; האָבען אַ װײב אַ געזונטע, אַ פרעהליכע טאַקי מיט ממזר׳ישע אױגען, אַביסעל פאַרשײט, אָבער אָן עהר־ליך אידיש װײבעל, נישט װי מרס. פײטעלמאַן װאָס חן׳דעלט זיך פאַר יעדען, נאָר נישט צו איהר מאַן. אַ בעל הבית׳טע מיט אַ װײסען, ברײטען שירץ, מיט אַ בונט שליסלען. אין אַ צײט פון עסען זאָל מען פון קיך אַרײנברײנגען די געשמאַקע מאכלים. פון קעלער דעם גוטען װײן; פון שראַנק די בלאַנקע זילבער, און װי־פיעל הונגעריגע עס װעלען זיך געפינען אין װילנאָ זאָלען קומען צו אברהם גינזבורג עסען און טרינקען! און אַז איך זאָל געהן איבער׳ן שטאָדט זאָל מען אױף מיר אָנװײזען: אָט געהט אברהם גינזבורג! און דאָ דאַרף איך אַ גאַנצען טאָג זיך אַרומרײסען מיט שײקע פײטעלמאַן, אַז ער זאָל נישט אַרונטעררײסען נאָך צװײ סענט פון אַ פּאָר אַרבעל, נאָך אַ סענט פון אַ נאָט, און אַרױסיאָגען פון פרעסער די לעצטע ביסעל כוחות. װײניג רײך איז ער; װײ־ניג רינגען האָט זי, מרס. פײטעלמאַן אױף איהרע רױטע, גראָבע הענט. פאַרשטעהסטו מיך שױן, שרה׳לע, װיפיעל איך לײד?

שרה האָט געוואָלט וואָס זאָגען. ער האָט איהר אָבער נישט געלאָזען, ווייטער ריידענדיג באַגייסטערט:

— אך, דאָס היימיש לעבען! אין דער היים אין אַ ווינטער נאַכט, בעת די לבנה שיינט, שפּאַנט מען דאָס איין די שעהנע פּאָר פערד אין שליטען און מען קאַטאיעט אוועק איבער׳ן האַרט געפראָרענעם שנעע! די פערד לויפען אַזש אַ פּאַרע שלאָגט פון זיי. גלעקלאַך קלינגען פון נאָהענט און ווייט, דער פראָסט ברענט, געלעכטער הילכט אין אַ ריינע, ווייטע נאַכט און דאָס ווייבעל טוליעט זיך נעהענטער און נעהענטער...

— וואָס איז שייך צו פּייטעלמאַן׳ען קען איך דיר גאָר נישט העלפען, אָבער מיר... איך, אברהם, קען דיך באַפרייען... איך גיב דיר אַ גט... — האָט שרה אַרויסגעפּלאַצט אין אַ שטילען געוויין.

— זאָל גאָט אָפּהיטען! איך וועל דיך גט׳ן?! נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעלעבט צוואַנציג יאָהר צוזאַמען? ווייסט וואָס דאָס מיינט צוואַנציג יאָהר צוזאַמען — ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט — וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטען?

— פאַר וואָס נישט, אברהם? וועסט נעהמען אַ יונגע, אַ שעהנע, וועסט האָבען קינדער מיט איהר...

— דו ביזט פאַר מיר אי שעהן, אי יונג, און איך האָב גענוג קינדער! נאַריש ווייבעל דו, כשר׳ע נשמה׳לע. ווייסטו וואָס דו ביזט פאַר מיר אין מיין לעבען געוועזן? ווען נישט דו מיט דיינע כשר׳ע אויגען וואָלט איך מיך געלאָזט צוריידען צו אַ מיאוס׳ען באַנקראָט... פאַרכאַפּען דעם לוין ביי די אַרבייטער. איך וואָלט געוואָרען אַ שכור, אַן אויסוואורף... אָבער דו און רייזעלע, איהר מיט אייערע עהרליכע אויגען האָבען מיך שטענדיג פון אַל דאָס בייז פאַרהיט. שטענדיג האָט דאָס הייסע בלוט מיך געשלעפּט אַרונטער, אַרונטער... און אייערע אויגען האָבען פאַר מיר געלויכטען און דעם הימעל געוויזען... קום שרה׳לע, לייג דיך שלאָפען. שלאָף געזונטערהייט, און שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייטען פון דיין קאָפּ. איך זאָל דיך גט׳ן?!

עלענדע קינדער.

אין א זוניגען הערבסט־טאָג.

די לאַנדשאַפט ארום דעם ליטווישען שטעדטעל וואַרזאַן איז געוועזען שטיל און ווי אַפּגענומען אין דעם הייסען, גאָלדיגען זון־ליכט. די בוימער האָבען זיך געררויטעלט און דער הינטערגרונד האָט זיך געמאָלען אין בלוי, פיאָלעט און אראנזשען־גאָלד.

אין „אַגינסקיס וואַלד", ארומגעצאַמט מיט גרוי־הילצערנע פּלאַנקען, נעבען א פּאָר אַלטע, איינגעהויקערטע עפּעל־בוימער, האָט שיינדעל געקליעבען עפּעל. געוואָרפען שטיינער אויף די בוימער, אָט געטראָפען, דאָ געפעהלט, און פון צייט־צו־צייט צו־געלענט נאָך אַן עפּעל און נאָך איינעם צו דער קופּקע אָנגעקליבענע. נאָך יעדען עפּעל, האָט זי דאָס קופּקע אָפּגעמאָסטען מיט די אויגען: קאָפּעקענע עפּעל, צוויי פאַר א קאָפּעקע און דריי, פיער פאַר א גראָשען צום קאָכען.

באַלד נאָך שבת וויל זי זיך זעצען אוי'ן מאַרק מיט די עפּעל. צום ערשטען מאָל, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהר פאַר פרייד און שרעק. זי האָט אַריינגעלעגט די עפּעל אין א זעקעל, פאַרשאַרט מיט די גרעסטע, רויטע עפּעל פון אויבען, און געפּרואווט זיך פיהלען ווי אויפ'ן מאַרק. אין געדאַנק, מאַכט זי נאָך פריידלען דער יונגער אלמנה. ביי איהר זעהען תמיד די עפּעל אויס פריש און געשמאַק, און זי לייזט טאַקי. ווי זי זיצט זיך אזוי ביי איהרע עפּעל, שמייכעלט מיט יונגע חן־גריבלאַך אין די באַקען און זאָגט אָן: „עפּעל, נאָר וויין מיט צוקער! ס'צוגעהט אין מויל, אזא יאָהר אויף אַלע אידען".

אָבער נעהם און זעץ זיך אויפ'ן מארק! גאָר א קליינינקייט זיך אָפצורײדען. זי, די פרעמדע און די קהל'שע... זיך אָנהויבען מיט א מארק מיט ווייבער. איבערהויפּט מינע די „מאָטלערקע" מיט איהרע דריי טעכטער ווי די שדים, זיי געהערט דער מארק און זיי פיהרען די גרענדע. אָבער זי וועט אויף קיין זאַך נישט קוקען; זי וויל אויך ווערען א הענדלערקע...

מיט וואָס פאַר א קנאה זי נעהט דאָס ארום יעדען מאָנטאָג אין מארק און קוקט ווי די ווייבער דינגען זיך מיט די פויערים. קויפען אויף היהנער, אייער, פּוטער און אויבס. וואָס פאַר א מבינ'טע מינע איז דאָס אויף א הוהן, גיט נאָר א טאַפּ דאָס בייכעל, אונטער די פליגעל און ביים גאָרגעל, און זי ווייס שוין, צו די הוהן איז א „לייגעדיגע", אָדער צום קוילען.

זי פאַרטראַכט זיך. דערזעהט דעם מארק־פּלאַץ אין א מאַרק־טאָג, ארום חנוכה צייט. פון אַלע זייטען קומען אָן פויערים אין די שליטענס איבער די ווייכע, פארשנעעטע גאַסען. גלעקלאַך קלינגען מיט א פרעהליכען געפּילדער, דער מארק ווערט פול מיט דעם קוויטשען פון גענז, ענטלאַך און אינדיקעס, און די ווייבער שטעהען איבער די שוועלען, אויף די בריקלאַך, מיט דעם זיסען טעם אין מויל...

און אויף מאָרגען נאָכ'ן מארק קלייבען זיי זיך אַלע צוזאַמען ארום לייבציג דעם פוהרמאַנ'ס הויז. דער גרויסער וואָגען שטעהט געשפּאַנט מיט צוויי פערד, אָנגעפּאַקט מיט קערב אייער, קאַסטענס געפּענטעטע, קוויטשעדיגע היהנער און גענז גרייט אָפּצופאָהרען קיין פּרייסען. מינע מיט די טעכטער לויפען ארום פאַרשמייעט, פאַרהאַוועט; פריידעל די אלמנה שטעהט אויף אַן אָרט ציכטיג און שמייכלענדיג און וואַרפט שעלמישע אויגען אויף איציקלען, דעם פוהרמאַנ'ס זוהן. ער ווינקט צו איהר, זיך צו זעצען נעבען איהם ביי די פערד. רייזעל, מינע'ס מיטעלסטע טאָכטער, דער־זעהט דאָס און פאַרכאַפּט דאָס אָרט. די אַלטע נחמה בייזערט זיך און בורטשעט וואָס איציק חכמה'עט זיך מיט די חצופות. איבער זיי קאָן מען נאָך אַמאָל פאַרשפּעטיגען מאָרגען דעם מארק

אין פרייסען. און עס דויערט ביז דער אלטער לייבציג גיט א קאמאנדעווע צום זוהן: פאָהר!

און פערד, עופות און ווייבער; הירזשענדיג, קוויטשענדיג און באַלבענדיג לאָזען זיך קיין פרייסען אויפ'ן מארק.

און שיינדעל איז יעדען רינסטאָג געבליבען אַן אומעטיגע, א פארבענקטע אינ'ם פוסטען מארק־פלאץ. איהר האָט זיך אויס־געוויזען, אַז קיין שעהנערס און בעסערס ווי האנדלען אויפ'ן מארק איז גאָר אין דער וועלט נישטאָ. און איהר גרויסער וואונש און שטילער חלום איז געווען, ווערען א מארק־אידענע און האנדלען.

און זי האָט זיך נאָך פלייסיגער גענומען ווארפען שטיינער אויף די עפּעל בוימער. אונטערשפּרינגענדיג האָט זי דערפיהלט דאָס לייוועגט־זעקעלע ביי זיך אין בוזים. א פארלאנג האָט זיך אין איהר דערוועקט; אויסצושיטען דאָס קליינגעלט אויפ'ן גראָז און דאָס נאָך אמאָל איבערצעהלען, קיינער איז דאָך דאָ נישטאָ... און זי קוקט אויף די ווייסע, זילבערנע מטבעות מיט א ליעבשאפט, ווי א מאמע אויף איהרע קינדער. די ווייסע, זילבערנע גריווענעס, גילדענס, האלבע רובעלס! שוין באלד פינף יאָהר ווי זי קלייבט זיי קאָפּיקע צו קאָפּיקע... צוזאמען צוויי און א האלב רובעל! א שרעק באפאלט זי, דאָס געלט קאָן נאָך דורך עפּעס א סיבה פארפאלען ווערען!... און אויף גיך האָט זי עס צוריקאריינגעלעגט אינ'ם זעקעלע און, צודריקענדיג צום הארצען, באהאלטען. איי־גענטליך, איז איהר איינגעפאלען, וואלט זי גאָר אזא גוזמא געלט באדארפט איינלעגען ביים רב, א ריזיקע דאָס האלטען ביי זיך... זי טרויט דאָס אָבער קיינעם נישט און האלט דאָס ביי זיך, טאָג ווי נאכט.

א פרנסה האָט זיך איהר אויסגעארבייט פון זיך אליין. ווען זי איז נאָך געווען א קליין מיידעל פון א ניין, צעהן יאָהר, פלעגט זי זומער אומלויפען איבער די פעלדער און אויף די בערג קלייבען זעמענעס, מאלינעס, וויינפּערלאך און ברענגען די ווייבער צום פארקויף. יעדער אידענע האָט איהר וואָס אנדערש דערפאר גע־געבען; ווער א בגד, ווער א פּאָר אלטע שיך. זי געדענקט נאָך

איצט די ערשטע פינף קאָפּיקעס וואָס זי האָט פאַרדיענט. איינ־מאָל האָט זי אָנגעקליבען אַ קערבעלע שעהנע, רויטע מאַלינעס און געבראַכט צו שרה לאה די גביר׳טע. יענע האָט איהר אויפ׳ן אָרט דערפאַר געגעבען אַ פינף־קאָפּעקען שטיק מזומן און אַן אַלט קליידעל דערצו. פון זינט יענער פּאַסירונג האָט זי נאָר געוואָלט מזומן פאַר איהרע יאַגדעס, האָט עס געמאַגט זיין בלויז איין קאָפּיקע. און ביסלעכווייז האָט זיך ביי איהר אויסגעאַרבייט אַ וואָג און אַ מאָס. אַ טעלער, אַ שיסעל זיינען געווען איהר מאָס, און די שווערקייט האָט זי געוואויגען אויף די הענט. זומער־צייט האָט זי זיך שוין אַליין דערנעהרט און נישט באַדאַרפט אָנקומען צום שטעדטעל... ווינטער האָט זי געקליבען טראַנטעס און ביינער און נאָך געמוזט אָנקומען צו נדבות.

אָבער מעהר וועט זי שוין קיין נדבות נישט נעהמען!... זי וועט האַנדלען! האַנדלען אויפ׳ן מאַרק, מיט אַלע ווייבער צוגלייך... זי וועט זיך נייען אַ ניי קליידעל, קויפען נייע שיך! צייט זי לעבט האָט זיך נאָך נישט אָנגעטאָן קיין נייעם בגד. און זי האָט דערפיהלט אַזאַ פרייד און גליק ביים געדאַנק פון נייע בגדים... צוויי גרויסע גליקען זיינען פאַראַן אויף דער וועלט: האַנדלען אויפ׳ן מאַרק און טראָגען אַ נייעם בגד פאַר זיך אַליין געמאַכט... און אָט די צוויי גליקען מוז זי דערגרייכען...

און מיט אומגעדולד האָט זי אָנגעהויבען צעהלען די טעג אויף די פינגער: פרייטאָג, שבת, זונטאָג און — מאָנטאָג אויפ׳ן מאַרק...

פּלוצים האָט זי דערהערט הינטער זיך אַ פאַרשטיקטען גע־לעכטער. פלינק און בויגליך ווי אַ קאַץ האָט זי זיך אויסגעדרעהט און דערזעהן פאַר זיך שלום׳קען דעם וואַסער־טרעגער. מיט אַ ברייטער האַנט פאַר׳ן מויל, האָט ער זיך געוואָלט איינהאַלטען פון לאַכען. האָט זי אָבער נאָר אַ קוק געטאָן אויף איהם, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אַזוי שטאַרק און הילכיג, אַז דער גאַנצער וואַלד איז געוואָרען פול מיט אַ כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי, און ווייט און

ברייט איבער'ן פּעלד האָט געהילכט דער עכאָ: כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי.

שיינדעל איז געוואָרען אין כעס און מיט אַ שטרענגען בליק געפרעגט:

— וואָס'סטו זיך אזוי צולאַכט? דו מטורף!

— פון דיר — האָט שלום געצוקט מיט די ברייטע פּלייצעס און געקוקט נאַריש און פאַרשעהמט מיט צוויי בלויע קינדער־אויגען, ווי די בלימלאַך פון אַ זאַנגען פעלד ארוים.

— פון מיר? ! וואָס איז דאָ פון מיר צולאַכען? — האָט זי אָנגעשרויפּט איהרע שוואַרצע אויגען. דאָס טונקעלע פּנים האָט זיך געררויטעלט פון כעס און פון די פולע, אָפענע ליפּען האָבען ארויסגעבלאַנקט צוויי רייהען ווייסע, שאַרפע ציין, ווי ביי אַ ציגיינערקע.

— ס'איז דאָ — האָט שלום געפינטעלט מיט די אויגען, זיך שעהמענדיג און טייטלענדיג מיט אַ פינגער אויף איהר קערפּער, און ווידער האָט זיך פאַנאַנדערגעקייקעלט איבער'ן פעלד שלום'ס קייבענדיג לאַכען, און ווידער האָט געעכאָ'ט אין דער גרינער ווייטקייט אַ כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי און כו־כו־כו. איהם האָט זיך אָבער שטאַרק געוואָלט, אַז זי זאָל פאַרשטעהן, אז ער מיינט דאָס אדרבה זעהר גוט מיט זיין לאַכען, און זי דאַרף נישט זיין ברוגז אויף איהם. האָט ער איהר געפּרואווט ערקלערען פאַרוואָס ער לאַכט:

איך זעה דיך אַלע טאָג, און אַלע טאָג ביזטו געווען אַ קליין מיידעל. און היינט האָב איך מיט אמאָל דערזעהן אז דו ביזט געוואָרען אַ גרויסע מויד מיט גראָבע הענט און פיס! און... מעהר וועל איך דיר נישט זאָגען. קענסט אַליין זעהן.

שיינדעל האָט גענומען ציהען דאָס צו ענגע קליידעל אַהין און אַהער און זיך שטאַרק געשעהמט.

זי האָט איהם אויך צוגעוואָרפען אַ בליק פון קאָפּ ביז די פיס און געשוויגען. איהר מח האָט זיך פאַרטראַכט און אַ פּלאַן איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען...

ער האָט זי געלאַסטשעט מיט די גוטע בלויע אויגען, שעה־מעווריג.

— ווילסט נאָך עפּעל, שיינדעלע?

— אָט יענע צוויי גרויסע עפּעל.

שלום איז אַרויפגעקלעטערט אויפ׳ן בוים ווי אַ בער, זיך גע־פּלייסט מיט גבורה צו טרייסלען די דיקע צווייגען אָנגעפּיקעט מיט עפּעל. באַלד איז ער אַרונטער און איהר געהאָלפען די עפּעל אויפקלייבען.

זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אונטער׳ן עפּעל־בוים.

זי האָט איהם דערלאַנגט אַן עפּעל. די „שלאַנג" האָט זי אָנ־געלערענט אויסקלייבען דעם שעהנסטען... אַ שעלמיש פייערעל האָט אויפגעשיינט אין איהרע אויגען, אַ שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף די פולע ליפּען. אַ מאָדנער שמייכעל, עפּעס אַזוי אינסטינק־טיוו קלוג... ווי זי וואָלט דעם עפּעל פאַרהאַנדעלט...

ער האָט דערפיהלט איהר האַנט, דעם ווייכען ריהר, דעם גלעט פון אַ מיידעל׳ס האַנט. ער האָט אַ ציטער געטאָן.

ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז אין פולער לענג און מיט הנאה געלאָזען די שטראַהלען פון דער זוהן איהם וואַרעמען. ער האָט געפיהלט, אַז נישט נאָר וואַרעמען איהם די שטראַהלען, נאָר זיי גלעטען איהם און זאָגען איהם: שלום׳על, ביזט אַזאַ וואוילער, אַזאַ טייערער, מיר האָבען דיך ליעב, ליעב...

— האָסט שוין אַלעמען אָנגעטראָגען נענוג וואַסער אויף שבת? — האָט איהם שיינדעל אַ פרעג געטאָן.

— יאָ. און איצט דאַרף איך געהן רופען אין שוהל אַריין. קום אהיים וועל איך דיר אונטערטראָגען דעם זעקעל עפּעל.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, צונויפגעלעגט ביידע הענט פלאַך קעגען איין זייט באַק און זיך פונאַנדערגעשריען:

„בעלי־בתים אין שוהל אַריין". אין פעלד האָט זיך אויסגע־צויגען און אָפּגעהילכט דער עכאָ: ב ע ל י ־ ב ת י ם א י ן ש ו ה ל א ר י י ן. שלום האָט זיך שטאַרק צולאַכט פונ׳ם מטורף־דיגען עכאָ.

זיי זיינען ארוים פון „אָגינסקים וואלד“. שלום האָט גע־טראָגען דעם זאַק עפּעל ווי עס וואָלט געווען א פּערער־קישעלע און שיינדעל האָט איהם נאָכגעקוקט מיט שפּאָט: אזא גבור! אזא יונג זאָל זיין א וואסערטרעגער און א שוהל רופער...

זי איז אריין צו דער בעדערקע אין שטיבעל, באַהאַלטען די עפּעל און גענומען זיך איהר העלפען פאררוקען דעם טשאָלענט, גרייטען צום טיש און שייערען די לייכטער. פרייטאָג צו נאַכט און שבת, עסט זי מיט זיי ביים טיש, דערפאַר העלפט זי אויס אין באָד דאָנערשטאָג, בעת מ'הייצט פאַר ווייבער.

זלאַטע די בעדערקע איז די איינציגע פונ'ם גאַנצען שטעדטעל, וועמען שיינדעל האָט אביסעל ליעב. זלאַטע האָט תמיד פארנומען ביי איהר דעם פּלאַץ פון א האַלבער מאַמען... ביי איהר אויפ'ן שוים פלעגט זי זיך אויסוויינען, אז ס'האָט ווער פונ'ם שטעדטעל אויף איהר אָנגעשריען, אָדער זי א קלאַפּ געגעבען. די בעדערקע איז תמיד צו איהר גוט געווען, צייט זי געדענקט... און זי גע־דענקט, ווי מ'האָט זי אַמאָל אהער געבראַכט פון ווייט, ווייט... איבער וועגען און פעלדער, און זיי זיינען אָנגעקומען אהער אין באָד, וואָס איז אויך א הקדש אין די טעג וואָס מ'הייצט נישט. אויף די פּאָלם זיינען אַלע געשלאָפען און דאָרט האָבען זיי גע־געסען. ביי טאָג זיינען אַלע געגאַנגען איבער די הייזער בעטען נדבות, און א שלעכטע אידענע, וואָס האָט כסדר אויף איהר גע־שריען פלעגט זי מיט נעהמען און זאָגען, אז זי איז א יתומה, אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמען. און זי געדענקט אויך:

איין פריהמאָרגען, זי כאַפּט זיך אויף, קיינער איז אין באָד נישטאָ, און זי איז איינע אַליין אויף א פּאָל. זי האָט זיך שטאַרק צושריען; זלאַטע איז אריין, גענומען זי צו זיך אין שטיבעל און זי איינגעשטילט מיט א שטיקעל ברויט און א ביסעל מילך. שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען מענשען זי אָנקוקען. מ'האָט זי גענומען פרעגען: ווער איהר טאַטע איז, ווער איהר מאַמע און ווי זי הייסט. נאָר זי האָט אפילו נישט געוואוסט צו מ'דאַרף האָבען א מאַמען, א טאַטען, אָדער א נאָמען...

און אַזוי צייט דעמאָלט וואַלגערט זי זיך אין באָד אונטער זלאַטע'ס השגחה. קליינערהייט איז זי געווען אַ קהל'שע דיענסט. און די ווייבער פון שטעדטעל האָבען זיך געקריעגט איבער איהר ארבייט, וואָס איז באַשטאַנען פון וויעגען קליינע קינדער און געהן אין שליחות. ווען זי איז עלטער געוואָרען האָט זי זיך פון די ווייבער דערוואוסט, אַז אַרומשלעפּענדיגע אָרימע לייט, האָבען זי צוגעוואָרפען דער שטעדטעל... מ'האָט איהר נעגעבען אַלערליי אָנ־צוהערענישען וועגען טאַטע־מאַמען... מחמת זי איז נישט געווען קיין שעהן קינד, האָבען זיי זי גערופען אַ צונאָמען „שיין", „שאַינ־דעל" ביז עס איז געוואָרען שיינדעל.

און זלאַטע האָט זיך מיט'ן גאַנצען שטעדטעל ווייבער באַ־דאַרפט קריעגען, זיך איינשטעלענדיג פאַר איהר. און וואָס פאַר צרות האָט זי דאָס אויסצושטעהן פון איהר מייער־איציקלען, צייט שיינדעל איז אויסגעוואַקסען אַ גרויס מיידעל!... זי לאָזט איהרע אייגענע טעכטער שלאָפען אויפ'ן פּאָל מיט שיינדלען, כדי ער, דער טאַטע זייערער, זאָל זי נישט טשעפּען... וויפיעל מאָל ביי־נאַכט, ווען דער תכשיט איהרער איז דאָס נעלם געוואָרען פון בעט און זי איז געלאָפען איהם זוכען. געבעטען איהם מיט גוטען, געסטראַשעט איהם מיט בייזען, אַז זי וועט מסר'ן קהל, און נישט אָפּגעטראָטען, ביז ער איז ווידער נישט געלעגען אויף זיין געלעגער. נישט איין מאָל האָט זי דערפאַר געכאַפּט אַ שטורך אין זייט און אַ זעץ אין האַרץ.

. . . .

דורכ'ן שטעדטעל האָט זיך פלוצים דורכגעשניטען שלום'ס געזונטער קול:

„בעלי־בתים אין שוהל אריין! בעלי־בתים אין שוהל אריין!"

— שלום'קע האָט זיך דאָס היינט צוגעהיילט אין שוהל צו רופען — האָט זיך זלאַטע באַקלאָגט און גענומען זיך יאָגען מיט דער ארבייט.

שיינדעל האָט אויך גענומען זיך איילען. געשטעלט די לייכ־טער אויפ'ן טיש, געלעגט די חלות, פאַרדעקט מיט'ן חלה־דעקעל

און אלץ געמאכט גרייט פאר זלאטע'ן צו בענשען ליכט. זלאטע האָט דאָס געזעהן און געטראכט: זי וועט גיכער פאַרשפּאָרען אַ ארבייט ווי אַן איינען קינד.

מייער־איציק איז אריין, דערזעהן שיינדלען חן'ענווידג פאַר־סאַרעוועט, האָט ער זי מכבד געווען מיט אַ קניפּ אין אָרעם פון וואָס זי האָט דערזעהן פונקען פאַר די אויגען, און אויסגעשריען פאַר יסורים.

זלאטע האָט זיך אויך צושריען:

— אפּיקורס, פּושע ישראל! זאָלסט זי צורוה לאָזען! הערסט, דו טריף'ענער ביין!

— אהא, ווילסט אויך איינעם, דו אלטע כלב'טע? — האָט מייער־איציק מיט איהר זיך געררייצט.

— נישט וועלען זאָל זיך דיר לעבען, זיסער גאָט!

און מייער איציק איז אוועק אין שוהל.

. . . .

שלום דער וואסער־טרעגער האָט די גאנצע נאכט מיט אַן אויג נישט צוגעטאָן. דאָס האָט איהם געטראָפען כמעט דאָס ערשטע מאָל. פאַר די אויגען האָבען איהם אומגעטאנצט: גרינע פעלדער, זוניגע לאָנקעס, עפּעל בוימער, און שיינדעל מיט אַ רויט־געבלומטער בלוזקע, די ארבעל פארקאטשערט הויך איבער די עלענ־בויגענס און אַ פולען בוזים. ס'האָט אין איהם געקאָכט דאָס בלוט ווי אַ קעסעל פעך, דער מוח האָט איהם געברענט און שיער נישט געשפּאָלטען. די אויגען האָבען זיך איהם געקלעפּט פון שלאָף, נאָר איינשלאָפען האָט ער נישט געקאָנט.

איז ער געלעגען מיט אַ הייסען קאָפּ און געטראכט: ער וועט זי גאָר נעהמען פאַר אַ כלה. אַ געזונטע מויד... און אפשר אַ שעהנע אויך... זי אַ יתומה, ער אַ יתום... ביי דעם געדאנק, האָט ער אויפגעציטערט. אַ יתומה?... ווער ווייס... אַן אוועקגע־וואָרפענע, אַן איבערגעלאָזענע אין שטעדטעל פון אָרימע לייט. אָבער אזא... גוטע... טייערע שיינדעל... מיט אזוינע קיילעכדיגע אָרעמס... אפשר איז זי טאקי נאָר אַ יתומה... דאָס בלוט האָט אין

איהם געברענט און ס׳האָט איהם צו איהר געצויגען. נאָר דער מוח האָט איהם געענגבערט: טאָמער א מ—מזרת... פאַרוואָס קומט דאָס איהם חתונה צו האָבען מיט א... ניין, ער וועט אריבער־שלעפען די קאָלדרע איבער׳ן קאָפּ און איינשלאָפען. זיכער האָבען איהם די שדים געשלעפּט אין „אָגינסקים וואלד״. קיין מאָל האָט ער זיך אויף איהר נישט אומגעקוקט. תמיד א קליין נישט־דער־וואקסען מיידעל געווען, און מיט אמאָל א שפּראָץ געטאָן ווי א בוים... ער האָט איינגעגראָבען דאָס פּנים אין קישען און געוואָלט איינשלאָפען, אָבער פאר די אויגען איז זי אלץ געבליבען די גרויסע, פלוצלינג אויסגעוואקסענע מויד מיט דעם פארשייטען פּנים און לאכעדיגע שארפע ציין, ווי א ציגיינערקע. ער לויפט, יאָגט זיך נאָך איהר, און זי שפּרינגט און שפּרינגט אוועק פון איהם ווי א ציג.... ווערט ער אין כעס און יאָגט זיך נאָך איהר מיט׳ן גאנצען כוח. שפּרינגט זי פלינקער און פלינקער איבער פעלדער, טייכלאך, פעלזען, קלאָטקעס. אָט, אָט האָט ער זי שוין געכאפּט, און אלץ זי דרעהט זיך ארויס פון זיינע הענט. אָבער צום סוף — געכאפּט! זי צאפּעלט זיך אין זיינע שטארקע לאפּעס. און ניין, ער לאָזט זי נישט... זי וועט זיך שוין פון זיינע הענט נישט ארויסרייסען... בלייבט זי ליגען רוהיג, שמייכעלט צו איהם און דערלאנגט איהם אַן עפּעל.

. . . .

שבת אין דער פריה האָבען איהם די שוועסטערלאך און ברידערלאך אויפגעוועקט, ווי יעדען שבת. זיי האָבען געוואָלט, ער זאָל פאר זיי קרעהען ווי א האָהן, מיוקען ווי א קאץ, רעווען ווי אַן אָקס און ברומען ווי א לייב. ער איז אָבער געווען בייז, נישט אויסגעשלאָפען און מיט א הייסען קאָפּ.

נאָכ׳ן שבת־עסען האָט שלום קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. קיין מאָל האָט איהם קיין אָרט נישט אויסגעפעהלט. וואו ער איז געווען, דאָרט איז איהם געווען גוט... פון געוועהנ־הייט, האָט ער זיך געלאָזען געהן מיט דער פרייסישער גאס צום ברונען; אריינגעקוקט צום גרונט אויף דאָס גלאטע, שבת׳דיגע

וואסער, אַ שאַקעל געטאָן די קאַראַמיסלע מיט'ן הייגנעגנדיגען עמער און ווייטער געשפּאַנט. נישט קלערענדיג וואו אהין ווייטער צו געהן, ער איז צוגעגאַנגען צום ברונען פון דער ריטעווער גאַס. אַרומ־געפּאַדעט דעם ברונען פון וועלכער ער שעפּט און שעפּט אַ גאַנצע וואָך וואַסער. אַרויפגעשלעפּט מיט איין האַנט אביסעל וואַסער, אַ טרונק געטאָן און דאָס איבעריגע אויסגעגאָסען אין גאָרטען אויף אַ בוים. אַרומגעוויגט הין און צוריק די קאַראַמיסלע און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די זון האָט געברענט, די גאַסען זיינען געווען פּוסט, מענשען זיינען נאָך געזעסען ביי די שבת־טישען און איהם האָט געגאַגט אַן אומעט, אַ בענקען נאָך עפּעס. ער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז און פון וואַנען איהם איז דאָס געקומען אַזאַ אומרוה.

וואוהין זאָל ער איצט געהן? אפשר ביי דער מומע זלאַטע'ן אין באָד? שוין אַזוי לאַנג דאָרט נישט געווען. דער טאַטע און די שטיף־מאַמע זיינען צוקריעגט מיט דער מומע זלאַטע'ן. אָבער ער, ער האָט גאָר נישט צו איהר... זי איז דאָך אַזאַ גוטע. ווען ער קומט, פרעגט זי איהם צו ער איז נישט הונגעריג, דערצעהלט איהם פון זיין מאַמען. יאָ, ער וועט געהן צו דער מומע זלאַטע'ן, זי איז דאָך אַזאַ גוטע...

— זעה נאָר, ווער ס'קומט צו גאַסט! — האָט אויסגעשריען מייער־איציק, דערזעהענדיג שלום'ען דורכ'ן פענסטער.

— יעמד אַ בחור, אַ שררה, אַ וואַסער־טרעגער ר' שלום בן צבי דוב! — האָט ער אויסגערופען מיט אַן עליה ניגון, בעת שלום האָט זיך באַוויזען איבער'ן שוועל.

די מומע זלאַטע האָט זיך דערפרעהט, געזאָגט, אַז „בלוט איז נישט קיין וואַסער", און איהם מכבד געווען מיט שבת'דיגע טהעע פון דער קאַכלע.

שלום איז געווען צוטומעלט דערזעהענדיג שיינדלען. געקוקט אויף איהר און מיט דער רעכטער האַנט זיך געקראַצט דעם לינקען אויער.

— איך האָב מורא, אַז דער באָכורעץ האָט געוואָרפען אַן

אויג׳ל אויף דיין „שאינדעל״ און דערפאר געקומען. זעה נאר, ווי רויט ער ווערט, ממש ווי א בוריק! וואס שעהמסטו זיך, דו טפש! — האט ער שלום׳ען געשטורכעט אין זייט און אריינגע־סוד׳עט א לשן קודש ווערטעל, פון וועלכען שלום איז נאך רויטער און צוטומעלטער געווארען.

— אידישע קינדער, דער איד איז כל בו! — האט זיך זלאטע אנגענומען פאר שלום׳ען, און מייער־איציקלען צוגעווארפען א גוט־מוטיגען, שבת־בייטאגיגען בליק — נו, וואס איז? שלום איז א בחור און שיינדעל איז א מיידעל.

— איך זאג דען, אז עס איז וואס? אדרבה, אז ס׳וועט זיין א „כאסלארע״ וועט מען זיך אנטרינקען. פארוואס טאקי נישט? דער בוכערעץ איז שוין א קימא לן פון א פינף און צוואנ־ציגער, נאך מיט א הכרעה.

שלום, הגם ער האט זיך געשעהמט, האט עס איהם פון דעסט־וועגען הנאה געטאן, מ׳רעדט, מסתמא איז דאס א גלייכע זאך.

. . . .

מאנטאג, שיינדעל האט זיך געזעצט אויפ׳ן מארק מיט צוויי זעקעלאך עפעל, גרויסע און קליינע. די ווייבער האבען זי אנגע־קוקט. די וואס האבען אליין פארקויפט אויבסס, האבען איהר צוגע־ווארפען בליקען מיט קללות. און געבורטשעט: זעהט נאר ווער ס׳איז געקומען אונז ארויס רייסען דאס ביסען ברויט פון מויל. אבער די וואס האבען פארקויפט אנדערע זאכען, האבען זי גע־לערענט ווי צו פארקויפען. יעדע קאפיקע וואס זי האט געלייזט, האט זי געהאלטען אין האנט. מיט ציטערדיגע הענט, אבער מיט גאוה, האט זי ארויסגעגעבען רעסט. און ווען זי האט נישט גע־לייזט איז זי געווען מיט דער האנט אין קעשענע, וואו די פאר פרוטות זיינען געלעגען, און זיך געקוויקט מיט דעם קלאנג... זי האט געזעהן, ווי שלום טראגט אום וואסער, לעדיגט אויסביידע עמער ערגעץ אין א הויז און לאזט זיך ווייטער צום ברונען. און זי האט מיט שפאט געטראכט פון איהם: האט בעסער נישט געקאנט האנדלען מיט חזיר־האר, מיט פעלכלעך און זיין א מענש...

. . . .

איין מאָל, אין אַ קאַלטער העברסטיגער נאַכט, שלום און שיינ־דעל האָבען ארומגעשפּאַצירט אין אַן אָפּגעלעגען געסעל. זיי האָבען קיין ראַנדאַווי נישט געמאַכט, זיך נישט אָפּגערעדט. נאָר ווייל ס'איז געווען אַ פינסטערע נאַכט זיינען זיי געגאַנגען איינער דעם אַנדערען באַגעגענען אַזוי אויף טראַף. און זיי האָבען זיך באַ־געגענט. שיינדעל איז געווען אָנגעטאָן אין זלאַטעס אַ וואַרעמע פּאַטשיילקע, מ'זאָל זי נישט דערקענען. אַז זיי האָבען איבערגע־לאָזט דאָס לעצטע אידיש הייזעל, האָט שלום אָנגעצונדען די לאַנ־טערנע, כדי זיי זאָלען זעהן וואו צו געהן. וואָס צו רעדען איז נישט געווען, האָבען ביידע געשוויגען.

שלום האָט געטראַכט פון איהר. ער האָט איהר געוואָלט זאָגען ווי מאָרגע ער פיהלט, פון זינט ער האָט זי געטראָפען אין „אָגינסקים וואַלד" קלייבענדיג עפּעל. עפּעס צופּט איהם נאָר ביים האַרץ, ער ווייס אָבער נישט ווי צו זאָגען, פאַשווייגט ער דאָס אין גאַנצען. שיינדעל האָט שוין עפּעס געפּלאַנט אין איהר העננ־לערישען מוח'ל און איהם נישט געוואָלט אויסזאָגען. און אַזוי, ווי איהר וואָלט דאָס גאָר אין גאַנצען נישט אָנגעגאַנגען, האָט זי איהם אַ פרעג געטאָן:

— שלום, דיר איז נאָך נישט נמאס געוואָרען צו טראָגען וואַסער?

— נמאס געוואָרען! פאַרוואָס? ווער דען זאָל טראָגען וואַסער, און וואָס זאָל איך טאָן?

— האַנדלען.

— אַז אַלע וועלען האַנדלען, טאָ ווער וועט טראָגען וואַסער?

— וואָס אַרט עס דיך?

— וועמען דען זאָל אַרען? איך בין דאָך דער וואַסער־טרע־גער!

פּלוצים האָט זיך באַוויזען אַ לאַנטערנע האַרט נעבען זיי. זיי זיינען אויפ'ן שטעל אַנטשוויגען געוואָרען און זיך דערפיהלט, ווי מ'וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ גנבה. גאָלדע, די אויבס־הענד־

לערקע, וואָס האָט געוואוינט אין דעם לעצטען שטיבעל, איז פאַר־ביי געגאַנגען. כדי צו זיין זיכער האָט זי זיי אָנגערופען ביי די נעמען, און זיך געלאָזען ווייטער. שלום און שיינדעל האָבען גע־הערט ווי זי האָט געזאָגט צו אַ שכנה:

— קרוינעלאַך, זעהט נאָר ווער ס'שלעפט זיך אַרום מיט בחורים ביינאַכט! אַז גאָט וויל, שיסען טאַקי בעזימער!

זיי האָבען זיך אויף גיך פאַרנומען אין אַן אַנדער גאַס, און געוואוסט, אַז מאָרגען וועט דאָס גאַלדע צופויקען און צוקלינגען אַ־בער'ן גאַנצען שטעדטעל. שלום האָט געוואָלט שיינדלען פאַר־היטען פון באַריידעריי און געטראַכט ביי זיך: אָט, אַז זיי וועלען זיין חתן־כלה איז שוין נישטאָ וואָס צו ריידען. נאָר ווי זאָגט מען דאָס אַזוינס אַרויס?... טראַכטען קאָן מען, אָבער אַרויס־ריידען? די ווערטער עפּעס קלעפּען זיך נישט און ווילען נישט אַרונטער פון דער צונג. עפּעס ווי ער וואָלט זיי געטריבען: געהט ליעבע ווערטער, זאָגט דאָס און דאָס שיינדעלען, נאָר זיי, די ווער־טער, פאָלגען נישט. און אַז זיי האָבען שוין געהאָרכט, זיינען זיי אַראָפּ פון דער צונג אַזוי אומגעלומפּערט:

— ווייסט שיינדעלע, אָט וועגען וואָס מ'וועט מאָרגען אין שטעדטעל ריידען פון אונז, בין איך שטאַרק צופריעדען. אַז זיי וועלען זאָגען, וועט דאָס זיין אַן אמת...

שיינדעלע האָט זיך צולאַכט. דער געזונטער, נישט איבער־געשפּיצטער שלום, איז איהר געפעלען. זי ווייס אַז ער וועט זיין אַזוי גוט צו איהר, וואָס קיינער איז נאָך ביז איצט נישט געוועזן. און דאַן האָט זי טאַקי געזעהן אין איהם אַ הילף צו איהרע פּלענער וועגען האַנדלען.

זי האָט אויך קיין ווערטער נישט געהאַט צו זאָגען וואָס זי וויל. שיינדעל אָבער האָט קיין ווערטער נישט באַדאַרפט. זי האָט זיך נאָהענט צוגערוקט צו איהם, זיך געטוליעט אָן איהם, און צוגעלעגט איהר באַק צו זיין מויל.

— מ'טאָר נישט, שיינדעלע, פאַר תנאים — האָט ער זי אָפּגעשטופּט.

— דו שוטה איינער, מ'טאָר — און זי האָט איהם אַ קוש געטאָן.

אַז ער האָט דערפיהלט שיינדעל'ס קוש אויף זיין באַק, איז ער געוואָרען אַ ווילדער פאַר גרוים שרעק און אונבאוואוסטער פרייד. ער האָט געלאַכט, געוויינט, זיך אַזש געוואָלט צושרייען. סתם שרייען פון די לונגען ארוים. און דאָך האָט ער זי אָפּגע־שטופּט:

— נישט, שיינדעלע, ניטע, מ'טאָר נישט פאַר די תנאים; גאָט וויל דאָס נישט ליידען.

שפּעטער האָט ער זי ארויפגעפיהרט אויפ'ן וועג צו דער באָד און אליין אוועק אהיים.

אויף מאָרגען איז געווען אַ כמארנער, קיהלער טאָג. שיינ־דעלע האָט זיך געלאָזען געהן איבער'ן מארק־פּלאַץ פון עפּעס פּארטראכט. אָט פון האנדלען און אָט פון שלום'ס נעכטיגע רייד. פון וויימען האָט זי דערזעהן, אנטקעגען איהר אָנקו־מענדיג שלום'ס שטיף־מאמען. זי האָט דערפיהלט, אַז יענע קומט צו איהר און אויך דערפיהלט צוליעב וואָס... אין הארץ האָט זיך איהר אָפּגעריסען פאַר שרעק און געוואָלט אנטלויפען. זי איז אָבער געבליבען שטעהן ווארטען; אַז יענע איז צו נעהנטער, האָט זי ערשט דערזעהן, ווי צורייצט און צווישעט זי איז געווען.

נאָך אַ פּאָר איילען אוועק פון איהר, האָט שוין יענע גע־שריען:

— הער זיך איין, דו חצופה איינע, זאָלסט נישט מיינען אַז דיר וועט דאָס גלאַט ארונטער, אויב דו וועסט נישט מיט גוטען אָפּלאָזען שלום'ען פון זיך — האָט זי געוויינט און איז געווען ווייס פאַר כעס.

— שלום וועט נאָך לאנג נישט חתונה האָבען מיט אַ... ער האָט אַן עהרליכען אידען פאַר אַ טאַטען — האָט זי נאָך צו־געגעבען.

— טאָ פּרואווט נישט דערלאָזען — האָט שיינדעל ארויסגע־

פלאצט אויך מיט א פארשטיקטען כעס און געוואָלט געהן איהר וועג.

— דו שלעפּערקע! האָסט נאָך די העזה צו ענטפערען. ווילסט צונעהמען דעם ביסען ברויט פון מיינע כשר׳ע פייגעלאך!... ער מוז פאר זיי האָרעווען! זייער טאטע איז אלט און קראנק!

שיינדעל האָט אָנגעקוקט מיט שרעק די צורייצטע אידענע מיט דער דארער ברוסט און ווייסען פארהונגערטען פנים. זי האָט דערפיהלט איהר אייגענעם יונגען, געזונטען קערפּער און גע־וואָלט בעסער אוועקגעהן איהר גאָר נישט ענטפערענדיג.

— שווייגסט, דו עזות׳ניצע! שלעפּסט זיך ארום גאנצענע נעכט מיט איהם. מע ווייס... אזא ממזרת!... — האָט זי א גע־שריי געטאָן, ווי די גאל וואָלט אין איהר געפּלאצט, און אריין שיינדלען אין די האָר מיט דעם שפּרונג פון א חיה.

ביים וואָרט „ממזרת״ האָט זיך שיינדעל אין גאנצען פאר־לוירען. זי האָט דערזעהן א ראָד פון בלוט און פייער פאר די אויגען און פּלוצים דערפיהלט א שליימיגען, ביינערדיגען האלז אין איהרע הענט... זי האָט איהם געדריקט און געפיהלט אן עקעל און קעלט דערפון, ווי זי וואָלט א קופּע זשאבעס אין איהרע הענט געדריקט. זי האָט דערפיהלט א שטארקען וועהטאָג און ברענען אין קאָפּ, און ווייט, גאנץ ווייט, האָט זיך איהר געדוכט, שרייט מען מיט משונה׳דיגע קולות: ממזרת! ממזרת!...

א רעדעל ווייבער האָבען זיך גיך ארומגעקליבען און אלע האָבען געשריען. שלום, איז ווי פון דער ערד, פּלוצים אויסגע־וואקסען, זיי פונאנדערגעריסען, געכאפּט שיינדלען אויף די הענט און איז מיט איהר נעלם געוואָרען.

שיינדעל איז גיך צו זיך געקומען ליגענדיג אויפ׳ן גראָז. שלום איז געזעסען נעבען איהר, געקוקט אויף די בונטען אויס־געריסענע האָר, און ווי א קינד געכליפּעט.

שיינדעל איז נאָך געווען געל, און מיט בלייכע, צוקענדיגע ליפּען. זי האָט געזאָגט שלום׳ען:

— איך וועל דאָ מעהר נישט בלייבען.

— וואוהין וועסטו געהן, שיינדעלע, וואוהין?

— אין אן אנדער שטאָדט.

— און וואָס זאָל איך טאָן?

— דו, קום מיט מיר...

— וואָס רעדסטו שיינדעל? די קינדער!... דאָס שטעדטעל, די ברונימער... און דער אלטער טאַטע?...

— וועסט פארדיענען וועסטו איהם שיקען געלט. מיר'ן ביידע האנדלען.

פון דערוויטענס האָט שיינדעלע דערזעהן ווי צוויי אידען געהען צו זיי. זי האָט גלייך פארשטאַנען, אז דאָס געהט מען נאָך שלום'ען. זי האָט זיך איהם געשטעלט פאר די אויגען... א באַשלום שטארק ווי מויער, האָט זיך אין איהר אויפ'ן אָרט דערוועקט, שלום'ען פון זיך נישט אָפּצולאָזען. זי באַדאַרף איהם איצט האָבען... זי האָט איהם ארומגענומען און איהם געטוליעט צו זיך, האָט דערפּיהלט זיין אינערליכען צאַפּעל פון פרייד און מיט נאָך שטארקערער ליעבשאַפט איהם געדריקט צו זיך. זי האָט דאָס אַלץ געטאָן טייוואליש קלוג, אָבער נישט אָהן א גרויס שרעק... מ'געהט איהם צונעהמען! וואו וועט זי אליין געהן?... און זי האָט שטיל און ווייבליך געפּליסטערט מיט איהר מויל נאָהענט צו זיין אויער:

— קום, שלום, קום אוועק פון דאַנען. קום אין א נייער שטאָדט! — איהר קול איז פּלוצים געוואָרען ווייך, ווי א מאַמעס, בעת זי דערצעהלט איהר קינד א מעשה'לע — אין א נייער שטאָדט!... ביזטו קיין מאָל נישט געפאָהרען אויף א וואָגען באַגינען צו טאָגען, בעת די זון הויבט אָן אויפצוגעהן? זעהסט פון ווייטען דרעהען זיך ווינט־מיהלען! פון די קוימענס הויבען זיך אָן צו ציהען וואָלקענס רויך. דו קומסט אַלץ נעהנטער און נעהנטער און א נייע שטאָדט ליגט ריר צו די פיס. דאָרט, אין דער נייער שטאָדט, וועלען מיר ביידע חתונה האָבען, און איך וועל דיך שטארק האָלד האָבען.

און ווייטער האָט זי דערפיהלט זיין אינערליכען צאפּעל פון פרייד און א געוויין אין האלז.

— אין א נייער שטאָדט, שלום'על! אין א נייער שטאָדט!... — האָט איהם אריינגעקושט אין אויער און אָפּגע־טראָטען אביסעל אָן א זייט, צו צולאָזען נח דעם קרעמער און דעם שמש צו איהם.

—מיר זיינען דיר געקומען זאָגען, שלום'קע, אז דיר איז די מומע מוחל, און געהייסען דיר קומען עסען וועטשערא — האָט נח דער קרעמער געזאָגט קוקענדיג פון דער זייט אויף שיינדלען.

— יאָ, טאַקי עסען וועטשערא, זאָלען מיר אלע אזוי לעבען — האָט אונטערגעכאַפּט דער שמש.

— איך וויל נישט עסען — האָט שלום געזאָגט א ברוגז'ער.

— וואָס הייסט, דו ווילסט נישט עסען? — האָט זיך נח גע'חכמ'עט — האָסט דאָך נאָך קיין וועטשערא נישט געגעסען. און אז נישט געגעסען, איז א גוטער סימן אז דו ביזט הונגעריג. בפרט נאָך, אז אין דער היים קאָכט זיך א געפילטע קישקע, א מילץ, א גרייזיק און א קעלבערנער גערגעלע, אָי ווילט זיך דאָס נישט עסען!...

—געה אהיים, זיי נישט קיין שוטה! אלץ וועט זיין ווי געוועזן. אין די ברונימער איז נאָך פאראן גענוג וואסער. אויף פסח קריגסטו נייע עמערס און א נייע קאראמיסלע — האָט נח דער קרעמער, וועלכער האָט בטבע הנאה געהאַט צו הערען זיך רעדען, ברייטלאך גע'דרשנ'ט.

— אודאי וועסט קריגען נייע עמערס אויף פסח, אודאי, געה אהיים — האָט דער דאַרער שמש מיט חניפה צום רייכען קרעמער צוגעבאַמט.

שיינדעלע איז געשטאַנען, געלויערט ווי א קאַץ און קיין אויג פון שלום'ען נישט אראָפּגענומען.

— איך וויל מעהר נישט טראָגען קיין וואסער — האָט שלום געענטפערט, ווי ער וואָלט דאָס פון שיינדעל'ס פּנים אראָפּ־געלייענט.

— ווילסט מעהר נישט טראָגען קיין וואַסער ? ! א געלעכטער, אויף מיינע נאמנות — האָט זיך נח צולאַכט און דער שמש האָט געהאָלפען — א מענש טראָגט אָפּ וואַסער פאַר א שטעדטעל איבער צעהן יאָהר, און פּלוצים, מיר נישט, דיר נישט, וויל ער מעהר קיין וואַסער נישט טראָגען.

— שוין גענוג וואַסער געטראָגען, לאָזען אנדערע טראָגען וואַסער.

— א משל ! און אז איך דאַווען שוין אַריבער פערציג יאָהר, דאַרף איך זאָגען : שוין גענוג געדאַווענט, לאָז אַן אנדערער דאַווענען ? טאַקי א משל. אז א פערד, להבדיל, זאָל קענען רעדען, וואָלט ער באַדאַרפט זאָגען, איך וויל מעהר נישט שלעפּען דעם וואָגען, שוין גענוג געשלעפּט. אָבער דו, שוטה איינער, זעהסט נישט גאָט׳ס השגחה און דעם שכל אין דעם ? דאָס פערד וואָס האָט געשלעפּט דעם וואָגען שלעפּט ווייטער...

— ער איז דאָך ביי אייך נישט קיין געבוירענער און נישט קיין געשוואוירענער וואַסער־טרעגער — האָט זיך שיינדעלע אַריינגעמישט.

— זעהסטו, טאַכטערקע, מיט דיר האָבען מיר גאָר נישט וואָס צו רעדען — האָט זיך נח אומגעקעהרט צו איהר — מיר קענען נישט דיין מאַמען און ווייסען נישט ווער דיין טאַטע איז געווען... דו קענסט זיך געהן !

— טאַקי אין דער אמת׳ן וואָס ווייסען מיר — האָט דער שמש אונטערגעכאַפּט.

אין שלום׳ען האָט זיך אָנגעצונדען א פייער, למאי זיי האָבען דאָס געזאָגט. שיינדלען ווידער, האָט אצינד גאָר נישט געאַרט וואָס זיי זאָגען. זי האָט געוואוסט אז זי דאַרף געהן און וויל, אז שלום זאָל געהן מיט איהר... ער איז פאַר איהר איצט געווען מעהר ווי א געליעבטער איינגעל, ווענענס לאַסקעס און ליעבשאַפטען זי האָט געזוכט. ער איז פאַר איהר געווען ווי א בריק וואָס פיהרט פון א שטאָדט וואָס אַלע טרייבען זי, שילטען און יאָגען זי נאָך מיט שטיינער — אין א שטאָדט פול מיט לעבען און פרייד און

וואו אלץ ווארט אויף איהר !... און דעם בריק וויל נח דער קרעמער מיט'ן דארען שמש פון איהר צונעהמען... זי איז געוועזן בלייך, דערצארענט, איהרע אויגען האבען געברענט ווי לאנטערנעס, און מיט די אויגען האט זי שלום'ען גע'כישופ'ט און גערופען געהן מיט איהר.

— אז דו ווילסט נישט, דארף מען נישט. אהן וואסער וועט דאס שטעדטעל נישט זיין. איך האב פיינט זיך ביי אימיצען צו בעטען. — האט נח זיך אנגעבלאזען, אוועק און מיטגעשלעפט מיט זיך דעם שמש'ל, איהם אריינ'סוד'ענדיג אין אויער:

— מ'וועט שיקען די שטיף־מאמע מיט די קינדער.

שיינדעל'ם שארפער אויער האט דאס נישט פארפעהלט צו הערען און אפגעמאכט ביי זיך איהם וואס ניכער פון דאנען צו־צונעהמען. ווארים אז די קינדער וועלען קומען וועט ער געהן מיט זיי...

— שלום, מיר וועלען אריבער דעם גרענעץ. איך וועל אין פרייסען האנדלען. זעהסט איך האב געלד, — האט זי איהם אנגע־וויעזען אויף דאס לייווענט זעקעלע אין בוזעם.

— קום, שיינדעלע, קרוינעלע, קום אין שטעדטעל, אלץ וועט פארגעסען ווערען, קיינער וועט ניט טארען אויף דיר א קרומען פיפס טאן. מיר וועלען דא גופא חתונה האבען...

— ניין, דאס נישט — האט שיינדעלע געזאגט אנטשלאסען

שיינדעל האט געווארפען בליקען איבער'ן גאנצען פעלד אלץ פארשטעלענדיג שלום'ען די אויגען. באלד האט זי דערזעהן פון דער ווייטענס זיך שלעפענדיג א נאכלעסיגע אידענע מיט א סך קליינע פופקעלעך... זי האט געוואוסט ווער זיי זיינען. זי האט אויף שלום'ען א קוק געטאן, איהם ארומגענומען מיט איהר יונגען געזונטען קערפער. זי האט געפיהלט ווי ער בייט זיך איבער.

ער האט איהר געגלעט דעם ווארימען האלז מיט זיינע קיהלע פינגער און זי האט איהם אנטבלויזט דעם ווארימען בו־זעם. זי האט געשוויגען. יעדער גליעד אבער אין איהר האט גע־

רעדט: זעה, פיהלסט ווי ווארעם מיין קערפער איז... קום, קום מיט מיר... שלום'על.

— שיינדעלע, מאמעלע, קרוינעלע — האט ער זיך געפּרואווט ווערן, קום צוריק אינ'ם שטעדטעל...

נאר שיינעדעלע האט ווי א מכשפה געוואָרפען די לעצטע קאָרט... טרומף טויז! ס'מוז געווינען:

— קום שלום'על, ס'ווערט דאך שפעט און מיר מוזען זיך באַ־זאָרגען מיט נאַכט־לעגער. אין א דארף וועלען די פּרייסען אונז לאָזען איבערנעכטיגען אין א שייער מיט היי.

הגם קיין לעבעדיגער מענש איז דערביי נישט געווען, האט דאָס שיינדעל ארויסגעשעפּטשעט אזוי שטיל ווי א סוד...

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען. זי האט צוגעהאַלטען זיין קאָפּ צווישען איהרע ביידע הענט, ער זאָל אויף צוריק א קוק ניט טאָן... און זיי זיינען ביידע אוועק אראָפּ בארג אויפ'ן וועג צום גרענעץ אין פּרייסען.

טאָדע ראָדעס טעכטערל.

מיין באָבע דערצעהלט:

בעת זי איז נאָך א מיידעל געווען, האָט אין דעם איי־גענעם ליטווישען שטעדטעל ביי דער גרענעץ פון פּרייסען, גע־וואוינט טאָדע ראָדעס דער גביר מיט זיין פּלונית'טע, שיינע דאָ־בע און איין־און־איינציג טעכטערל, ראָדע־גאָלדע־אַלטינקע, א ליכטיגען גן עדן זאָלען זיי אלע האָבען דאָרט אויף יענער וועלט. ראָדעלע האָט זי געהייסען נאָך איהר באָבען, עליה השלום; גאָל־דעלע האָט מען איהר צוגעלעגט א נאָמען בשעת'ן גרויסען שרעק, ווען וואינקע, דער „היהנער־כאַפּער", האָט זיך אריינגעריסען צו פייוועלן דעם שיינקער, און יענער האָט געהאַלטען אין אָנגיסען א גלעזעל בראָנפען פאר דעם ערל סטאַנקים'ן. צוערשט וואָינקע, דער אוראַנדניק טוזש נאָך איהם, און געמאַכט אן „אַקט" אויף אַרויסווייזען פייוועלן אויף פיערציג וואָירסט פונ'ם שטעדטעל. אַן אונטערגעשיקטע זאַך געווען. בקיצור עס איז געוואָרען א ליופערייא, א מהומה, ס'האָט אויף אַלעמען דענסמאָלט די הויט געציטערט. איז אין גרוים שרעק, האָט מען זיך ניט ארומגעזעהן ווי גאָלדעלע האָט אין א ווינקעלע אוועקגע'חלש'ט, געווען א שוואַכס ווי א שוועלבעלע און אָהנקרעטיג איז, אז מען האָט זי דערמינ־טערט, האָט מען איהר דאָס צוגעלעגט דעם נאָמען נאָך דער רבי'צין גאָלדע, וואָס איז אין דעם אייגענעם יאָהר געשטאָרבען פון א שלאַפקייט. און אַלטענקע, האָט מען איהר צוגעליינט א דריטען נאָמען, פון סגולה וועגען, בעת, עס איז, ניט פאר קיינט געדאַכט, אומגעגאַנגען א שלעכטער טיף. גערופען האָבען

זי אַלע פון יעמאָלט אָן, גאָלדע טאָדע ראָדעס. צי ווייל נאָך דער רביצ׳ן, עליה השלום, וואס איז געווען א צדקניות, ווי ס׳פּאסט פאַר א רבי׳צן, צי ווייל זי האָט געהאט א גאָלדען הערצעלע. א גאָלדען הערצעל, ס׳האָט אָבער נישט געקלאפּט ווי ס׳געהער צו זיין... ניט דאָס הערצעל און ניט דער דופק. דאָס איז געווען טאקי בסוד סודות, נאָר אין יענעם שטעדטעל, האָט מען געוואוסט, אפילו ווי ביי יענעם קלאפּט דער דופק, הן פונ׳ם גביר און הן פונ׳ם אָרימאַן.

געהאָרעוועט האָט זיך גאָלדעלע אויף „מילך און האָניג״, אויף פריש געשאָכטענע טייבעלעך און אפּעלסינעס. אָבער דער־האַלטען זי ביים חיות האָט אהרן לייב, דער גבאי זכרונו לברכה, מיט זיינע עין־הרע׳ס אָפּשפּרעכען. און געגעגעבען איהר אַן עין־הרע, האָט איעדער ווער ס׳האָט נאָר אויף איהר א קוק געטאָן. מחמת זי איז געווען אזא פּאַרשוין, געהאט אזא ליכטיג פּנים׳ל וואָס מ׳האָט זיך אין איהר ניט געקענט איינקוקען, ווי מ׳קאָן זיך אין דער זון ניט איינקוקען. און איהר דאַרפט וויסען, אז אבי ווע־מען אָפּצושפּרעכען אַן עין־הרע האָט מען זיך גאָר ניט איינגעשטעלט צו געהן צו אהרן לייב דעם גבאי. פאַר יענע איז געווען, להבדיל, נעכע די „הויבען״, וואָס פלעגט אָפּשפּרעכען בייזע אויגען.

און די ברכות וואָס דאָס גאַנצענע שטעדטעל האָט איהר תמיד געוואונשען. און אין א שלאָפלקייט האָט זיך בפּועל ממש דער גאַנצער בית עולם פאַר איהר געמיהט.

ער, טאָדע ראָדעס, אליין, האָט אפשר פון אידישקייט א האָ־רעלע זיך אוועקגעקרימט אָן דער זייט. געשאָרען די באָרד אָבי־סעל פּאַרשייט, געגאַנגען אָנגעטאָן אין סויבעלנע פּוטערס און מיט ווייסע פלעט־העמדער, ווי א פּריץ להבדיל: פלעגט פּאָהרען האנדלען אין אויבערוועטיז האָט ער זיך פערקוקט אויף די דאָר־טיגע גבירים.

אָבער שיינע דאָבע, הערט איהר, אז מ׳זאָל געווען אויספּאָהַ־רען די גאַנצע וועלט מיט אַלע איהרע שטעדט און בתי מדרשים, וואָלט מען ניט געפונען נאָך איינע צו איהר. אזעלכע שיינע

דאָבעם זיינען ניט פאראַן אַ פולע. אזא בעל־צדקה׳טע, אזא פרומע, גוטע נשמה, כ׳זאָל כאָטש ווערט זיין איהר נאָמען צו דערמאָנען. געגאַנגען אָנגעטאָן איז זי ניט ווי די גביר׳טע פון שטעדטעל, נאָר ווי די שוסטערקע און בעדערקע להבדיל: אַ טי־כעל אויפ׳ן שייטעל אַ האַלב זיידענס, אפשר שבת און יום־טוב, יאַ אַ זיידענס. דאס גאַנצע שטעדטעל אָרימע לייט האָבען יע־דען דאָנערשטאג געקראָגען פון איהר וואָך־געלט אויף שבת מאַ־כען. פרייטאג פלעגט זי טיילען ליכט און ווען ס׳האָט אויס־געפעהלט אַ ריין העמד אויף אין שוהל צו געהן. זיך געזאָרגט פאַר אָרעמע כלות, פאר אלמנות און יתומים, קראַנקע פלעגט זי שיקען טעפּלעך היהנער־יוך געזונטע — פאַרזאָרגט מיט ברויט. און ווער קען דען אויסרעכענען אלצדינג וואס שיינע דאָבע די גביר׳טע האָט פאר אַלעמען געטאָן!

און ווער ס׳האָט נאָר געהאט צרות אויפ׳ן הארצען — און ווער האָט דאָס ניט צרות אויפ׳ן הארצען? — איז געקומען צו שיינע דאָבען אויסדערצעהלען. אפילו ווען אַ אידענע האָט זיך צוקריגט מיט איהר אַלטען, ווי דער שטייגער איז ביי אידען, איז זי אויך געלאָ־פען צו שיינע דאָבען׳. מ׳איז געגאַנגען צו איהר מעהר ווי צום דין רבי ועלוועלען. זי איז געווען די דין׳טע.

און גאָלדעלען האָט זי דאָך פון דער פּאָלע נישט אָבגעלאָזט. האָט גאָלדעלע זיך אַלץ אָנגעהערט און אָנגעזעהן און דאָס עסען איז איהר אין קרעפּטען ניט געגאַנגען. אַלץ האָט זיך איהר גע־לייגט אויפ׳ן הערצעל, ווי געזאָגט אַ גאָלדען הערצעל און אַן אָהנ־קרעטיגעס געווען, פלעגט זי גלייך חלש׳ן.

איינמאָל האָט זי גע׳חלש׳ט אויף אַ גביר׳ישער התונה. אין שטוב זיינען געווען אַלע רייכע קינדער, אָנגעטהאָן אין „עסיג און אין האָניג״ און געגעסען לעקעך וויפיעל זייערע הערצלעך האָבען געגלוסט. און די אָרימע זיינען געשטאַנען ביי דער טהיר און ביי די פענסטער, און מיט אויגלעך, ווי מ׳וואָלט געשטויסען שווארצען פעפער פאר זיי, צוגעקוקט. האָט גאָלדעלע זיי אוועקגעגעבען איהר חלק אַון די איבעריגע קינדער האָבען ניט געוואלט אוועקגעבען

זייערע חלקים. האָט גאָלדעלע'ן פערקלעמט דאָס שוואך הערצעל און זי איז געפאַלען אין חלשות. ס'האָט זיך אָפּגעטאָן, די גאַנ־צע חתונה איז פאַרשטערט געוואָרען.

אויף מאָרגען, פערשטעהט זיך, האָט שיינע דאָבע אָנגעבאַ־קען לעקעכער וויפיעל זי האָט געקאָנט. און שבת פאַרבעטען אַלע אָרעמע קינדערלעך צו זיך, און גאָלדעלע האָט אַלעמען גע־טיילט גרויסע חלקים לעקעך. זי האָט געקענט יעדען קינד ביים נאָמען, און אַז די קינדער האָבען זיך געפרעהט, האָט זיך גאָל־דעלע אויך געפרעהט.

נאָך אַמאָל האָט גאָלדעלע גע'חלש'ט, האָט מען שוין גע־דאַרפט דעם בית חיים איינרייסען ביז מ'האָט זי דערמינטערט. ס'איז געוועזען אַ הייסער זומער־טאָג. און מיידעלעך זיינען זיך צונויפגעקומען שפּילען נעבען טאָרע ראָדעס הויז. זיי האָבען זיך מיט די הענטלעך איינגעפלאָכטען אין אַ קאַראַהאָד און אַרומ־געדרעהט. האָט זיך אָנגערופען שיינע דאָבע: „ווייסטו וואָס מיין קינד, גייעה און שפּיעל זיך אויך מיט זיי". איז גאָלדעלע געגאַנגען, און זיי האָבען איהר אַריינגענומען אין מיטען, און פון גרוים שמחה און פרייד, וואָס גאָלדע טאָרע ראָדעס שפּיעלט זיך מיט זיי אין קאַראַהאָד, האָבען זיי פון העלער־הויט אָנגעהויבען זינגען אַ נגינה'לע, זייערס אַן אייגענס.

גאָלדע איז געשטאַנען אין מיטען, זיי אַרום, באָרוויס און האַלב נאַקעט און געזונגען:

נימאָ קיין ברויט, נימאָ קיין ברויט,
עסען מיר ווייסע חלה,
און ווער ס'דרעהט זיך אין קאַראַהאָד
די וועט ווערען אַ כלה.

נימאָ קיין שיך, נימאָ קיין שיך,
געהען מיר אָרום באָרוועס,

און ווער ס׳דרעהט זיך אין קאַראַהאָד
וועט האָבען פולע טאָרבעס.

ניטאָ קיין פלייש, ניטאָ קיין פלייש,
קאָכט די מאַמע אַ יאַיבעל,
און ווער ס׳דרעהט זיך אין קאַראַהאָד
וועט האָבען אַ פולען בייכעל.

האָט איהר ווייטער פארקלעמט ביים הערצעל און פערדרעהט דאָס קעפעל און זי איז אנידערגעפאלען. נאָכדעם איז זי געווען צום שטארבען. נאָר מיט תהילים זאָגען, דעם גבאי׳ס עין־הרע׳ס אָבשפרעכען, אויבס פון בית עלמן איהר געקאָכט און די גרויסע דאָקטוירים פון פרייסען, האָט מען זי, ווי עס איז, דערראטעוועט. און דער גרעסטער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז זי דארף לופט, לופט צום איינאָטעמען.

נישט ווייט פון זייער הויז איז געשטאנען אַ בארג און מ׳האָט איהם טאקע גערופען טאָדע ראָדעס בארג. אונטען — אַ טאָל און פאַזע בארג האָט געפלייצט אַ טייך. און פון יענער זייט טייך וואלד און וואלד, אָנגעפראָפּט מיט בוימער, הויכע ביז אין הי־מעל אריין. פלעגט קומען פון דאָרטען צו ווייהען ריחות, נאָר צום שמעקען.

האָט שיינע דאָבע, אין אלע שעהנע טעג אויסגעשפרייט אַ ליילאך אונטערגעשפארט אַ קישען אָן אַ בוים און גאָלדעלע פלעגט דאָרטען זיצען. און אליין, זייענדיג אין שטוב, האָט זי געקענט האַלטען אָן אויג אויף איהר דורכ׳ן פענסטער. נו האָט זיך דאָס אָנגעהויבען די גאַנצע מעשה. איהר הערט, מיינע גרויהע געשאָ־רענע האָר אונטער׳ן טיכעל שטעלען זיך מיר אויף ווי נאָדלען, ווען איך דערמאָן מיך נאָר.

די מעשה דערפון איז אזוי געווען: גאָלדעלע האָט אָנגע־הויבען זעהן פאר זיך מלאכים פליהען. אַ מלאך וואס איז אַ רואה ואינו נראה האָט זיך פאר איהר יאָ אַנטפלעקט. און וואס

זי האָט נאָר געוואָלט, האָט זי ביי איהם גע׳פועל׳ט, ווייל זי איז געווען אזא גאָט׳ס פאַרכטיג קינד. נו, מיינט איהר, אז גאָלדעלע האָט אויסגעבעטען פאר זיך א געזונט הערצעלע? עסען פאר אלע אָרימע קינדערלעך האָט זי געבעטען. עסען און קליידעלעך מיט שיכעלעך. און גאָלדעלע האָט אזוי אליין דערצעהלט, און וואס גאָלדעלע האָט דערצעהלט האָט מען איהר געמעגט גלויבען. און זי האָט אליין דערצעהלט מיט איהר אייגען כשר׳ן מיילעכעל אזוי:

„אלע טאָג ווען איך זיץ אזוי אונטער׳ן בוים, הויבען אָן צוקומען צו מיר: חנה׳קע די בעדערקע׳ס, שרה׳לע הינדע׳ס, איציקעל דער יתום, דער אויבס פערקויפערקעס אלע פינף קינדערלעך, דעם קצב׳ס קינדער, גיטקע און יאנקעלע דעם פוהרמאנ׳ס און אלע, אלע אָרעמע קינדערלעך פון שטעדטעל און ווי זיי שטעהען אזוי אָרים און הונגעריג קומט ארונטער דער גוטער מלאך, שפּרייט אויס א טיש. עס לאָזט זיך ארונטער א שטיק ווייסער וואָלקען. איין האלבער פארשטעלט די אינגלעך, דער אנדער האלבער די מיידעלעך. און אז דער וואָלקען געהט פארביי זייענען אלע אָנגעטהאָן אין יום־טוב׳דיגע קליידער: די מיידעלעך אין ווייסען פּיקיי, די אינגעלעך אין קאזימיר. מ׳צוזעצט זיך ארום א גרויסען טיש און אין שיסעלעך פון זילבער און לעפעלעך פון לויטער גאָלד, ברענגט א וויים וואָלקענדעל, געבראָטענע טייבעלעך, פארפעל צימעס מיט צומאָלטען קאנייל און צוקער, הינער־יויך מיט אָנגעפילטע העלזלעך, צימעס מיט קניידלעך און קיטקעס מיט פלעכטלעך פון אויבען. א בת־קול גיט א זאָג: „קינדער, מאכט א ברכה!" און די קינדער מאכען המוציא און זייער ברכה לעכערט דעם הימעל. און דער בת קול ענטפערט אמן, צוגיסט זיך אזא וואוילער געזאנג איבער׳ן פעלד און גערטנער. און מיר עסען אויף און טרינקען אוים אלץ וואס קומט פון הימעל אויפ׳ן טיש. נאָכדעם גיט ווידער א זאָג דער בת־קול: „קינדערלעך בענשט!" און ס׳צוטראָגט זיך א „ברוך הוא ברוך שמו" פון אלע קינדער און בעת מעשה איז דער הימעל קלאָר און די זון שיינט".

איהר פאַרשטעהט! און גאָלדע האָט דאָס אַלץ געזעהן מיט פאַרמאַכטע אויגען. און יעדען טאָג דאָס אייגענע. אין שטוב האָט זי איינגאַנצען אויפגעהערט עסען. זי וועט עסען מיט אַלע קינדערלעך בייט טיש, האָט זי גאָר געענטפערט. פלעגט שיינע דאָבע שטעהן פון ווייטען, און גאָר ניט זעהן. קיינער האָט גאָר ניט געזעהן און גאָר־נישט געהערט, נאָר גאָלדעלע. זי פלעגט זיצען און ריידען, ריידען מיט'ן בת־קול. דערנאָכדעם פלעגען די אויגעלעך פינקלען, ברענען, אָט זיינען זיי געווען שוואַרץ און אָט בלוי, און גרויסע, אז די גאַנצע וועלט האָט זי מיט זיי געקענט זעהן!... נאָר דאָס גופ'ל האָט ביי איהר גענומען אַלץ מעהר און מעהר דאַרען. ניט געגעסען. מ'האָט געזעהן ווי גאָלדעלע, וואָס מ'האָט איהר געגאָסען גאָלד אין האַלז, געהט אוים פון הונגער. און ניין, מיט אַלע קינדערלעך ביים טיש וועט זי עסען... ניין און ניין, און מ'האָט גאָר נישט געקענט טאָן.

מילא, וואס איז דאָ דאָ א פולע צו ברייען? איין טאָג סוף תמוז. די זון האָט שוין גענומען געהן אין איהר מעריב אריין, א געדיכטער וואָלקען האָט זיך איבער'ן וואלד גענומען קלייבען. און גאָלדעלע זיצט נאָך אַזוי אָנגעשפּאַרט אָן קישען, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן בוים. דער וואלקען ציהט זיך און ציהט זיך אזוי ווי פון וואלד ארויס. די זון איז ניטאָ. א קעלט האָט גענומען ברעכען אין די ביינער. איהר פאַרשטעהט דאָך, וואָס פאַר א מין קעלט!... שיינע דאָבע ציטערט ווי א בלאָט און טרויט זיך ניט צוצוגעהן. מ'וויל זי ניט איבערשרעקען. דערווייל האָט עס, דאָס גאַנצע שטעדטעל, ווי איין מענש, דערפיהלט און מ'האָט זיך גענומען קלייבען פון אַלע זיבען גאַסען אין איין שנור צום בארג. מ'זעהט ווי שיינע דאָבע זעצט זיך אוועק נעבען גאָלדע'לען און הויבט זיך ניט אויף...

מ'איז צוגעלאָפען, קינד און קייט. מ'האָט זיי אריינגעבראַכט אין שטוב. שיינע דאָבע'ן האָט מען דערמינטערט און גאָלדעלע איז געווען טוידט ווי אַלע טוידטע אויפ'ן בית עולם. שיינע דאָבע האָט געלעבט ביז דער לויה. קוים וואס די נשמה האָט זיך

איהר אין גוף געהאלטען. און אויפ'ן קבר'ל גאָלדעלע'ס איז זי געפאַלען מיט א געפּלאצט הארץ... איהר פערשטעהט וואס ס'האָט זיך דעמאָלט אין אונזער שטעדטעל אָפּגעטאָן? דערצו איז נאָך טאָדע ראָדעס אליין געווען אין אויבערוווערטץ. מ'האָט געקלאפּט א דעפּעשע אהין, ער איז געקומען. געזעסען שבעה, געוויינט, געיאָמערט, און נאָך שלושים, ווייטער אוועק. קען דען עפּעס גוטס ארויסקומען, אז מ'פאָהרט כסדר אין אויבערוווערטץ?

און היינט:

אז איך בין שוין אַן אַלטע אידענע, שוין א וואָסערע דרייסיג יאָהר אין אמעריקא, און א גרויל, ווי מיר וואָלט זיך וועלען היינט זיין אין יענעם שטעדטעל! די לעבעדיגע קענען מיך ניט און ווייסען מיך ניט. וואָלט איך צו, צו טאָדע ראָדעס הויז, געזעהן ווער ס'וואָהנט דאָרטען היינט... איך וואָלט צו צום צוים פון בית עולם וואו ס'ליגען: שיינע דאָבע מיט גאָלדעלע'ן, די רבי'צין גאָלדע, דער דין ר'ב וועלוועלע, אהרן לייב דער גבאי און נעבע די הויבען. דאָס גאַנצע שטעדטעל פון יעמאָלט איז היינט אויפ'ן בית עולם. נאָכדעם וואלט איך אויסגעגאנגען אלע גאסען און יעדען איד און אידענע וואָלט איך געפרעגט: ווייסט איהר ווער ס'איז געווען שיינע דאָבע? ווייסט איהר ווער ס'איז געווען גאָלדעלע? און ווייסט איהר ווער עס איז געווען טאָדע ראָדעס דער גביר?

די וואס שווייגען

אַ ראַמסקער שניידער.

אוי־האָ, די אַמאָליגע יאָהרען! דאָס זיינען געווען גוטע צייטען!... אָט מיט אַ דרייסיג יאָהר צוריק, אין קיעוו...

אַזוי פּלעגט דען אַלטער ברוך־לייזער גאַנץ אָפט אַריינזיפּצען אין דער גרויער באָרד אַריין, זיין געדריידעלטען זיפּץ. און ווי אויף נאָטען, האָט תמיד די אַלטע חיה־גאָלדע באַגלייט מיט איהרען אַ זיפּץ, און איהרער האָט גאָר וואָס אַנדערש געטייטשט: רחקות, קאָכען אויף חתונות אַ גאַנץ יאָהר קנעטען פּרעמדע דייזשעס ברויט, אויף פּסח זיך אָנדינגען צו זיין אַ קנעטערין ביי מצות און האָרעווען אַ פּולע שטוב מיט הונגעריגע מיילער און זשעדנע אויגען...

דאָס האָט שוין ברוך־לייזער לאַנג פאַרגעסען. איהם געדענקט זיך נאָר דאָס זייניגע:

אָט, אז ער האָט איבערגעניצט די ריבסענע פּעלערינע פאַר דער אַלטער פּריצ'טע פּאָטאָצקי, אויסגעסטריגעוועט מיט אַ ווייסען פּאָדים אַ גרויסען פויגעל, פון קאַרק ביז'ן רוקען, און נאָכדעם דאָס אויסגענעהט מיט שוואַרצע, בלישטשענדיגע קרעלאַכלעך, זיינען די שכנה'שע ווייבער אריין ווי אויפ'ן וואונדער דאָס אָנצוקוקען. און יעדע האָט נעגאַפט מיט סלינע קוקענדיג אויפ'ן בלישטשענדיגען פויגעל. און קיין בעסערס האָט זיך גאָר קיין יונג ווייבעל אָדער מיידעל זיך ניט געקאָנט ווינשען, ווי ברוך לייזער זאָל זי אויפנעהען אַזאַ פּעלערינע ווי דער גראַפינעס, כאָטש פון קאַמלאָט אָדער קאַזימיר.

— וואָס זאָגט איהר נישט צו אייער ברוך־לייזער'ן? אַזאַ

פויגעל! ממש א לעבעדיגער פויגעל! — האָט א שכנה זיך אָב־געזאָגט מיט קנאה צו חיה־גאָלדען.

נאָר חיה־גאָלדע האָט געענטפערט מיט פאַרדרוס:

— וואָס האָט ער דערפון? וואָס טראָגט עס איהם אויס. פינף פינגער מיט א כאַפּ! אפילו וואסער אויף קאַשע נישט...

ברוך־לייזער׳ן האָט קיין מאָל חיה־גאָלדע׳ס וואָרטשען נישט געאַרט. איז נאָר אַזאַ שטיקעל ארבייט איינגעפאַלען, פלעגט ער מיט גרויס התמדה זיך נעהמען צו שאַרפען און שלייפען דאָס קליין מעסעריל, נאָכדעם פאַנאַנדערטרענען די נעט און אויסשאָבען די בלאָטע פון די נעט. נאָכדעם איז געקומען א סדרה פון גלעטען און פרעסען דעם גוטען זייד. און נאָך דעם אַלעם, האָט ער פריי פון האַנט אָנגעצייכענט זיין אייגענעם שניט און זיך גענומען צו שערען. דאָס האָט איהם שטענדיג גענומען טעג און טעג. אָבער גאָר נישט; וואָס האָט איהם א שטייגער געאַרט, ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, אַז זיין מוח איז געווען פאַרנומען מיט דעם, ווי אַזוי עס וועט אויסזעהן פאַרטיגערהייד.

און יעדען פריה־מאָרגען, ווי נאָר ברוך־לייזער האָט אָפּגעדאַווענט און אָפּגע׳פּטר׳ט די אכילה, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבייט, און מיט דער ארבייט צום געזאַנג. פריהער פלעגט ער אויספּרואווען זיין קול מיט א: בים, באַם, בים באַם, און נאָכ־דעם פלעגט ער אויפ׳ן הויכען קול זיך גערגלען:

„אוי דאָס מיידעלע, זי האָט געקענט פיין שטעפּען,
האָט זיך געטאַן מיט׳ן קאַפּיטאַן אוועקשלעפּען.
וועה צו דער מוטער, וועה צו דעם קינד,
און וועה צו דאָס גאַנצע הויז־געזינד!"

זינגענדיג פלעגט ער מיט שרעק ווארפען אויגען אויף זיין ניין־יעהריגער עסקע׳ן, וואָס איז געזעסען אויף א הויכען בענקעל און זיך געלערענט סטריגעווען. שפּעטער צו, אַז ער פלעגט זיך פאַרטיפען אין דער ארבייט, האָט ער אָנגעהויבען פאַרפיהרען א שמועס מיט דעם ליעדעל וואָס ער האָט געזונגען, און מיט דעם אייגענעם ניגון טענה׳ן אויפ׳ן קול.

— מאַכט זי, די אשה:

„איידער צו לעבען מיט אַ פּושע ישראל —
די יונגע יאָהרען צו פאַרשניידען."

— בעט ער זיך ביי איהר, און סטראַשעט זי:

„אַ, דיינע רייד,
ס'ברענגט מיר צו לייד,
דיינע רייד וועט דיר פאַררדריסען,
אז איך וועל פון דיר דיין גאָלד און זילבער צונעהמען.
אַ, דאָס וועסטו דאָך געניסען."

— איז זי אָבער געווען אַ אשה צנועה, ענטפערט זי:

„מיין גאָלד און מיין זילבער וועל איך דיר אליין אוועקגעבען,
ביי מיין הויז וועל איך דאָך בלייבען.
איידער צו לעבען מיט אַ פּושע ישראל —
די יונגע יאָהרען צו פערשניידען."

— אודאי אזוי, אודאי אזוי, גערעכט! אזוי דאַרף ענט־פערען אַ פרומע אשה — פלעגט זיך ברוך־לייזער צוגיסען מיט דעם אייגענעם ניגון און תיכף אָנהויבען דעם צווייטען פערז.

חיה־גאָלדע, אויב זי איז נאָר נישט געווען פאַרנומען אויף אַ חתונה אָדער אַ ברית, און די קינדער זיינען געווען זאַטע, האָט זיך אויך אָנידערגעזעצט ביים שניידערשען טיש עפּעס אויסהעל־פען, דערלאַנגען צום האַנט, איינפעדעמען די נאָדעל, און דערפאַר האָט זי איהם שטענדיג געבעטען: „אַנו, ברוך־לייזער, זינג פון דער אשה וואָס האָט נישט געוואָלט זיין מיט דעם „פּאָשע־ישראָעל".

דאָס ליעדעל האָט פאַר איהר געהאַט זיבען חנ'ען. זי האָט פון גאַנצען הארצען אויך געגעבען גערעכט דער אידענע, וואָס האָט נישט געוואָלט זיין מיט דעם פושע־ישראל. אליין זיך אויסלערנען אַ אידיש לידעל האָט זי נישט געקאָנט. זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ רוסיש דערפעל צווישען גוים, איז זי אויסגעוואַקסען אַ האַלבע פויערטע. דערפון האָט ברוך־לייזער געליטען זיין גאַנץ לעבען. ער איז געווען זעהר פרום און נישט קיין פּראָסטאַק. און האָט ער נאָר געהערט, ווי זי בענשט אָדער מאַכט אַ ברכה, האָט עס איהם געשניטען איבער'ן הארץ און געקלונגען ווי עפּעס אַ גוי'ישער

שפרוך. נאָר חיה־גאָלדע איז ביי איהם שוין געווען דאָס צווייטע ווייב, און זיינס אַ קראַנק קינד פון דער ערשטער, האָט זי געהאָ־דעוועט ווי אַן איינענס. האָט ער איהר דערפאַר אַ סך מוחל געווען. און געטראַכט: גאָט וועט איהר פאַרגעבען. איהר שכר אין הימעל איז שוין אָנגערייט, פאַר'ן האָדעווען ווי אַ מאַמע דאָס קראַנקע, שטילע קינד.

דאָ אין אַמעריקאַ איז ברוך־לייזער אין גאַנצען אַרונטער פון זיין גדולה, און חיה־גאָלדע איז אויפגעריכט געוואָרען. יעדען טאָג האָט זיך געקאָכט אויפ'ן אויווען אַ גרויסען טאָפּ מיט פלייש, לאָקשען האָט זי אָנגעבראָקט אויף דער וואָך, צוקער איז געווען בחנם און וואַסער האָט זיך געגאָסען פון קראַן...

איין האַרץ־ועהטאָג האָט חיה־גאָלדע געהאַט, למאי ברוך־לייזער עסט דאָ נישט קיין פלייש, אפילו פרייטאָג־צו־נאַכטס נישט. אין דערהיים איז מען אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסען פלייש, פלעגט זי איהם צואוואַרפען איהר ביסען אויך און זאָגען, אַז זי האָט שוין איהרס געגעסען.

אמת טאַקי, איהר שולד, אַז זיי האָבען אויסגעגעבען עסקע'ן פאַר אַ קצב'ס אַ זוהן, האָט זי איינגעלעגט וועלטען מ'זאָל פאַר זיי אויך עפּענען אַ „בוטשער־שאַפּ". קען עפּעס אַ דאַמסקער שניידער, וואָס האָט גענעהט אין דערהיים פאַר פּריצ'טעס און גראַפינעס, שטעהן אין אַ „בוטשער־שאַפּ"? זיינע הענט זיינען געווען געוועהנט צו גלעטען און גלעטען זייד און סאַמעט, דאָס האָט חיה־גאָלדע שוין פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געזעהן ווי דער „בוטשער־שאַפּ" געהט אונטער צוזאַמען מיט איהר ברוך־לייזער'ן...

און ער, ברוך־לייזער, איז ממש געווען אויס מענש דאָס האַלב יאָהר אין „בוטשער־שאַפּ", זיך אויסגעהאָדעוועט און געעלטערט מיט אַ גרויסער, שאַרפער שער, און פאַר דעם גרויסען „בוטשער"־מעסער האָט ער געציטערט. האָט ער געדאַרפט מיט אַ האַק אַ האַק טאָן אָן אַ ריפּ, פלאַנקען אָדער מאַרך ביין, האָט זיך איהם גע־דוכט, אַז ער האַקט די בהמה און זי צאַפּעלט זיך אין זיינע הענט... אָפּשניידען אַ שטיקעל מילץ, לונג אָדער לעבער, האָט ער

געפּיהלט, ווי ער שניידט די קוה... און אַט שרייט זי אויס מו־או !... מו־או !... זיינען איהם די פינגער איינגעשמירט געוואָרען אין דעם קלעפּיגען בלוט, האָט ער פאַר זיינע איינענע הענט מורא געקראָגען... און איבערהויפּט האָט איהם געשראָקען דאָס שוואַרצע, פאַרגלי־ווערטע בלוט ארום האלז... צו אַ געקוילעטער הוהן האָט ער זיך אפילו נישט צוגעריהרט. האָט דאָך שוין חיה־גאָלדע געזעהן, אַז ער טויג זיך נישט פאַר אַ „בוטשער שאָפּ" און גלייך מיט גרויס היזק פאַרקויפט.

און איהר איז נאָך איבערגעבליבען די שברות־הלב וואָס ברוך־לייזער עסט נישט אַ ביסען פלייש פון יענער צייט אָן.

צעהן יאָהר זיינען אוועק זייט ברוך־לייזער און חיה־גאָלדע זיינען אין אַמעריקאַ. זיי האָבען שוין אַלע קינדער אויסגעגעבען אוןביידע אַלטע זיינען מיט זיי. טאַטע־מאַמע קומען נאָך צוניץ. די מאַמע קאָכט, באַקט און פרעגעלט. דער טאַטע זעהט צו די בגדים, וואו אַ קנעפּעל, וואו אַ העקעל איז אָפּגעריסען. איין מאָל שער־און־נאָדעל אין דער האַנט, ווערט ברוך־לייזער ווידער דער אַמאָלינער דאַמסקער שניידער. זינגט ווידער, אָבער שוין מיט אַ קרעה אין האלז, די אַלטע לידלאַך, און חיה־גאָלדע דערמאָנט איהם :

— אנו, ברוך־לייזער, זינג מיט דער אשה וואָס האָט נישט געוואָלט זיין מיט׳ן „פּאָשע־ישראָעל".

ברוך־לייזער ווערט שטיפער און גיט זיך אַ פאַרמעסט :

„איידער צו לעבען מיט אַ פושע ישראל —
די יונגע יאָהרען צו פערשניידען."

נאָר דאָס קול קומט אַרויס ווי פון אַ ניט־דערשאָכטענעם האָהן און ברוך־לייזער פאַרהוסט זיך מיט אַ קייכען.

וויל איהם חיה־גאָלדע ווייזען, אַז איהר קול איז נאָך היינט גוט, הויבט זי אָן איהרע לידלאַך. זי ווייס, אַז ער האָט תמיד פיינט געהאַט איהרע גוי׳שע לידלאַך, נאָר אַט ווערט זי פאַרשייט

און וויל זיך אויף דער עלטער רייצען מיט איהם... און זי הויבט אָן:

„כאַרים הארבוז פּאַהאראַדו,
פּיטאַעצאַ סוואַהאַ ראַדו,
אי משי זשיוואַ, משי סדאַראַוואַ
פּסי ראַדיצי הארבוזאַוואַי."

ווערט דערפון ברוך־לייזער געררייצט און בייזערט זיך:

— נו, האָט עס עפּעס אַ טעם? אַ קירבים געהט אום אין גאָרטען און פרעגט זיך וואָס אַלע מאַכען, די אוגערקעס, די רעטעך און די בוריקעס! קען אַ קירבים אומגעהן? דו אַלטע... און אביסעל פּאַרדריסט איהם טאַקי וואָס איהר קול איז נאָך גאָר יונג...

זינגט זי זיך ווייטער:

„אי וואַזמו־זשע יאַ, או קאַרמאַנע פּיאַטאַטשאַק,
אי פּאַידו־זשע יאַ איז דאַסאַרע או קאַבאַטשאַק,
אי וויפּיו־זשע יאַ הארקאַ וואַדעטשקאַ קרוטשאַק."

פון דעם דאָזיגען לידעל, ווערט שוין ברוך־לייזער אָן אָנגע־צונדענער און דאָס הארץ פּייניגט איהם. ווי אַ פּויערטע!... אַן עלטערע אידענע פון זיבעציג יאָהר קיין עין הרע, זאָל זינגען ווי זי געהט מיט אַ ניקעל אין קעשענע אין אַ „שענק" און פאַרטרינקען מיט ביטערען בראַנפען די צרות.

— אַלטע! — שרייט ער אויס — אַלטע, ביזט דאָך חסר דעה!

חיה־גאָלדע איז פאַרשעהמט אַנטשווינגען געוואָרען.

און ברוך־לייזער'ן פּלאָגט ווידער אַן אַלטער געדאַנק... טאָמער איז גאָר חיה־גאָלדע אַ גוי'ע... איהר געהן, רעדען, אַלץ איז ווי פון אַ פּויערטע... גאָט אין הימעל! טאָמער האָט ער טאַקי די אַלע יאָהרען אָפּגעלעבט און קינדער געהאַט מיט אַ גוי'ע!... איבער־הויפּט, בעת זי זינגט אַ גוי'איש לידעל דאַכט זיך איהם, אַז זי מוז זיין אַ פאַרביטענע... דערמאָנט זיך אָבער ברוך־לייזער אָן דעם שווער עליו השלום, אַ פּראָסטאַק געוועזן, זאָל ער איהם מוחל

זיין, אָבער אַן עהרליכער איד... נעהט איהם דער כעס אוועק און ער בעט זי איבער:

— אַט ווייסטו וואָס, חיה־נאָלדע, לאָמירביידע זינגען מיט דער אשה און דעם פּושע־ישראל.

„איידער צו לעבען מיט א פושע ישראל —
די יונגע יאהרען צו פערשניידען.”

די יונגע מומע.

שוין דערפאר אליין האָט דוד'קע האָלד געהאט און גרויס דרך־ארץ ארויסגעוויזען דער מוהמע אסתר'ן, וואס זי האָט איהם ניט גערופען דוד'קע אָדער דוד'ל נאָר דוד. ער איז שוין אַ גרויס אינגעל, נאָך איין יאָהר אינגאנצען צו בר־מצוה, דארף מען איהם ניט פערציהען און רופען דוד'ל, ווי די! מאמע נאָכ'ן אָנשילטען, אָדער דוד'קע, ווי מען רופט איהם אין געוועהנליכע צייטען. דער נאָמען דוד איז פאר איהם געוועזען אַ בילעט ארייננצוגעהן אין דער חברה „גרויסע אינגלעך."

די מוהמע אסתר איז אלט געוועזען 19 יאהר. ער האָט זי אויך קיינמאָל ניט גערופען אסתר'קע, ווי אלע, נאָר מוהמע אסתר. אָבער אז ער פלעגט אמאָל קאָנען בייקומען דאָס שעהמען זיך און זי אַ רוף טהאָן אסתר, ווי זיינס אַ גלייכען, האָט ער זיך געפיהלט וואוילעריש, מעשה דערוואקסענער יונג. נאָר איידער ער האָט אַ זאָג געטהאָן אסתר, אָהן דעם צוגאָב מוהמע, האָט איהם שטענ־דיג דאָס הארץ געקלאפט און נאָכדעם ווי ער האָט עס ארויסגע־זאָגט פלעגט ער דערפיהלען, ווי די אויערען האָבען זיך איהם אָנגעצונדען. האָט ער זיך דערפון געהיט.

ער וואָלט, דאכט זיך איהם, קיין מאָל ניט געקוקט אויף קיין „מוידען", ווען ער וואָלט ניט געוואָלט זעהן אויב אין גאנצען שטעדטעל איז דאָ כאָטש נאָך איין מיידעל אזוי שעהן ווי זיין מוהמע אסתר... אזוי גלייך אָפגעוואקסען און מיט אזא דינער טאַליע. דאָס פנים אזוי איידעל און בלאס־חנ'עוודיג. און ניין, ניטאָ! ער האָט אַלע מיידלעך פון שטעדטעל אפשר צו הונדערט מאָל באַ־

קוקט: אָדער איינע איז העכער און דינער, אדער די אַנדערע נידריגער און גרעבער. און די איבעריגע — ענטוועדער הויך און דאַר ווי די סלופּעס, אָדער קורץ און גראָב ווי די סטופּעס.

זיין מוהמע אסתר איז איינע... אַט אַזאַ ווי פון תנ"ך. דהיינו, אסתר המלכה, די מוטער רחל און רות.

אַמאָל האָט ער געהערט ווי די שכנים האָבן באַרעדט זיין מאַמע'ן און געזאָגט: אַז אסתר'קע איז נאָר אַזוי אויסגעמאָגערט דערפאַר, וואָס זי איז אַ יתומה און דאַרף זיין ביי דער שוועס־טער, האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ מאָדנער כעס קעגען דער מאַמען. און וויפיעל זי האָט ניט צושריען אויף איהם, האָט איהם גאָר ניט געאַרט. האָט זי אָבער אויף אסתר'ן אָנגעשריען אָדער מיט אַ קללה ארויסגעפּלאַצט, פּלעגט איהם דאָס הערצעל צונויפדריקען און די ליפּען האָבן זיך אויסגעקרימט אין אַ גע־וויין. און כדי די מוהמע אסתר זאָל עס ניט זעהן, איז ער תמיד גלייך אין אַן אַנדער חדר אריין.

און ס'איז אַזוי גוט, אַז די מוהמע אסתר איז אין הויז... ס'איז קיין מאָל ניט אומעטיג. און דער טאַטע באַנעהמט זיך נאָר אַנדערש... און ס'איז תמיד ווי אַ יום טוב אין הויז.

נאָר פון איין זאַך האָט ער געליטען. די אינגלעך אין שטעד־טעל האָבן אסתר'ן גערופען מיט אַ צונאָמען. „די פּרייסקע", דערפאַר וואָס זי איז געוועזן אין מעמעל און געהאַט אַ „דייטשען" גאַנג. ער וואָלט יעדען פון זיי געקענט צוברעכען די ביינער און זיי גוט אָנלערנען וואָלטען זיי שוין געוואוסט ווי צו רופען זיין מוהמע אסתר'ן „די פּרייסקע", האָט ער אָבער זיך געשעהמט. סאַי־ווי־סאַי האָט מען איהם שוין אויפגעוואָרפען, אַז ער האָט העלטער די מוהמע אסתר'ן פון דער מאַמען... האָט ער זיך גע־מאַכט אַז איהם אַרט דאָס ווי דריי מאָל גאָרנישט. רופט איהר „די פּרייסקע" כאָטש הונדערט מאָל אַ טאָג... אָבער אַ כעס האָט אין איהם געברענט.

אין שטעדטעל האָבן איהם די ווייבער געהאַלטען פאַר אַ וואוילען אינגעל און אַ סך מאַמעס האָבן זיך געוואונשען, הלואי

וואָלטען זייערע קינדער געווען אזוי גוט ווי דוד׳קע רב הער־צעל׳ס. ער האָט דערפון געוואוסט, און נאָר ע ר האָט געוואוסט, אז ער איז דערפאר אזוי וואויל צוליעב דער מוהמע אסתר... ער וואָלט אפשר געווען נאָר דער ערגסטער, אלע דעבער דורכגעבראָ־כען, אויף אלע לייטערם די שטאַפּעלס צובראכען און געגאנגען פערשמירט ווי א קוימען־קעהרער. אָבער איצט, איז א חוץ די נעגעל־וואסער אין דער פריה, וואשט ער זיך יעדען טאָג דאָס פנים און די הענט מיט זייף, און די האָר קאמט ער צו מיט א שרונט אין דער זייט, ווי אין פרייסען.

כמעט יעדען אבענד, ווען די מוהמע אסתר איז געגאנגען צו איהר חבר׳טע, שרה׳ביילקען, האָט זי איהם מיטגענומען. ווייל זי האָט מורא געהאט צו געהן אליין דורך די פינסטערע, בלאָטיגע געסלעך, און אפילו זומער, ווען ס׳איז ליכטיג געווען, מחמת אין מיטען שטעדטעל איז געשטאַנען אן אלטער מאָהלניק. און מ׳האָט געזאָגט, אז שדים טוען דאָרט אָפּ גוואלדיגע שטיק ביינאַכט. און דוד׳ל בעת ער איז געגאנגען מיט זיין מוהמע אסתר׳ן איז געווען קאַפּאבעל זיך געהן ראַנגלען מיט שדים און רוחות, ווען זיי וואָלטען זי פארטשעפּען... געהן פלעגען זיי תמיד ארומגע־נומען, דאָס הייסט, זי האָט געהאַלטען איהר אָרעם איבער דער גאַנצער לענג פון זיין פּלייצע אויף ארונטער, און די האנד איז געלעגען אויף זיין לינקען אָדער רעכטען שולטער און אזוי פלעגען זיי געהן. ער פלעגט אפילו שטארק וועלען ארומנעהמען איהר טאַליע, האָט ער זיך געשעהמט און דאָס ניט געטאָן, נאָר אזוי איז אויך גוט געווען. מאָדנע איז עפּעס געווען... ער פלעגט פיה־לען ווי אלץ וואָלט געלעבט. אָט דער ברוק, די סלופּעס און די בוימער — יעדע זאך האָב פּלוצלינג א נשמה באקומען, און ניט אבי וואָס פאַר א נשמה... נאָר א שעהנע, א זינגענדיגע...

און פּלוצלים האָט אזוינס געטראָפען, וואָס האָט אלץ אי־בערגעפיהרט. אזוי ווי מ׳וואָלט א שעהנעם בית־המקדש, אויפ־געבויט פון קלאָרען שנעע, מיט ווארעמער בלאָטע בעגאָסען. פון א דערבייאיג שטעדטעל איז געקומען א בחור מיט א געלען שטארק־

געקרייזעלטען קאָפּ און ליפּען ווי פון א פּער'גל'טען לעבער אויס־געשניטען. נאָר מ'האָט געזאָגט אויף איהם, אז ער האָט ממון קורח און טאַטע־מאַמע האָבען זיך גוואַלטיג געפרעהט: אויף אזא שידוך פאַר אסתר'קען האָבען זיי זיך גאָר ניט גערעכנט: אַן אָרעם מיידעל און קיין פּאַרשוין אויך ניט...

אז די מוהמע אסתר וועט אויסנעהמען אַט ביי דעם ראַזיגען גנעלען וואַלד־סוחר איז גאָר ביי איהם קיין ספק ניט געווען. אָבער ער זאָל איהר אויך געפעלען האָט ער זיך גאָר ניט געקאָנט פאַר־שטעלען.

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געקלונגען מיט'ן גוטען שידוך וואָס אסתר'קע האָט געטאָן — גאָט האָט זיך אריינגעמישט, ווייל זי איז א יתומה און טאַטע מאַמע אויף יענער וועלט האָבען זיך פאַר איהר געמיהט.

נאָר דוד'ל האָט געהאַט גרויס הארצוועהטאָג. ער האָט איהם גלייך פיינט געקראָגען ווי א שפּין. וואָלט כאָטש געקומען איינער עפּעס א... אזא ווי דוד המלך, אָדער א בר־כוכבא, א שעהנער און א לערנער... אָבער דער געלער!...

און אז עס איז געוואָרען א שידוך, נאָך די תנאים, האָט די מוהמע אסתר א סך פערלוירען אין זיינע אויגען. זי וועט חתונה האָבען, ווערען ווי אַלע ווייבער, אַט ווי די שכנ'טע צירע־לאה, מיט א גרויסען בויך און אויסגעבויגענע פּלייצע, און רק זי שעלט מיט'ן מויל אָהן ציייהן... זיין מוהמע אסתר וועט ווערען אזא ווי די שכנ'טע צירע־לאה! ער האָט געקאָנט זיך צוואָויינען פאַר רחמנות....

ער האָט אָבער גאָר ניט געקאָנט טאָן. וואָלט ער געווען א גרויסער, כאָטש אין איין הויך מיט איהר, וואָלט ער זיך שוין אריינגעמישט... און יעדע נאַכט, איידער ער איז איינגעשלאָפען, האָט ער תמיד געטראַכט, ווי קען דאָס די מוהמע אסתר ליידען, אז דער געלער חתן זיצט אָדער שטעהט נעבען איהר? דער געלער קען דאָך אפילו ניט אויף א לייטער ארויפקלעטערן, אָדער מאַכען אַן איינענעם פייל־און־בויגען און א וואָרף טאָן א שטיינדעל באַלד

ביז די שטערען, און אויף א בוים ארויף פלינק אזוי ווי א וועווערקע וואָלט ער קענען?... ער איז א געלער, בלייענער פויגעל!... ער וועט דאָס א זאָג טהאָן דער מוהמע אסתר׳ן און מען איהם דערפאר דער טאטע אויף שטיקלעך צורייסען...

די חתונה האָט מען ביי די תנאים אָפּגעלעגט אויף זעקס חדשים. נאָר דער „געלער" האָט ניט געוואָלט וואַרטען און ס׳איז געווארען אויף דריי חדשים, גלייך נאָך סוכות.

זיי האָבען גענומען פאר זיך א דירה.

דוד האָט צו איהר אין הויז ניט געוואָלט געהן. און וויפיעל די מאמע האָט איהם ניט צו בעטען, מיט גוטען און מיט בייזען, ער זאָל געהן אוועקטראָגען אביסעל געפּרעגעלטע קארשען, אָדער א פריש געבאקטען ברויט, אמאָל א שיסעל זויערען שטשאוו, און ער איז ניט געגאנגען. דאָס ערנסטע איז געווען ווען די מאמע פלעגט זיך איינ׳נגע׳ן ער זאָל געהן אהין נעכטיגען, ווייל דער פעטער האָט געמוזט אוועקפאָהרען איבער נאכט. דאָ פלעגט זיך שוין דער טאַטע אויך אריינמישען. אָבער ס׳האָט קיין זאך ניט געהאָלפען!

אז ער האָט זי דערזעהן „מיט׳ן בויך", האָט ער זי שטארק פיינט געקראגען. געהאָט אזא פיינע טאַליע!... דער געלער... און אפילו דאָס וואָס דאָס פּנים איז ביי איהר געווען אזוי איידעל און אזוי דין, פונקט ווי ביי א קראנקער וואס דארף שטארבען, האָט איהם אויך ניט געארט פאר איהר... ער האָט זי פיינט געהאַט, ניט געקאָנט זי אָנקוקען מיט׳ן גרויסען בויך... ער האָט געציטערט זיך צו שטעלען נאָהענט צו איהר, טאָמער וועט ער אומגערען זיך אָנריהרען אָן איהר בויך...

ס׳איז געקומען נאָהענט צו זיין בר־מצוה. ער האָט גוט געקענט זיין דרשה. נאָר דער געדאנק, וואָס זי וועט זיצען מיט׳ן גרויסען בויך אין לויזען יאַק און ער, דער פעטער — ווי א געלער באראן, האָט איהם גאָר צומישט געמאַכט. ער האָט זיך געשעהמט פאר די חברים.

און נאָך דער דרשה, ווען די מוהמע אסתר איז צוגעגאנגען און איהם ארומגענומען, און ער האָט זיך דערפיהלט צוגעדריקט

צום בויך, איז איהם אריבער א שרעק און א מאָרנער עקעל, פון וועלכען ער האָט זיך עטליכע טעג נאָכאַנאַנד ניט געקענט באַפרייען.

אין א חודש ארום נאָך דער בר־מצוה האָט די מוהמע אסתר געהאַט א מיידעל. ער האָט געוויכט פון יענעם הויז. נאָר אין דריי וואָכען ארום, האָט איהם די מאמע געשיקט מיט א האַלבע הוהן און ער איז געגאַנגען: ער האָט זי שוין פון בר־מצוה אָן ניט געזעהן.

זי איז ווידער געווען דין און גלייך און אזוי איידעל, קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין איהר געהאַלטען. אין א וויגעלע איז עפּעס געלעגען גוט איינגעדעקט, נאָר א קליין פּיצעל הענטעל האָט זיך ארויסגעזעהן. ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, איז לאַנגזאם, אויף די שפּיץ פינגער, צוגעגאַנגען און דערזעהן דאָס קליין פנים'על. ס'האָט פון שלאָף א שמייכעל געטהאָן. באַלד איז איהם דאָס גאַנצע „בייז הארץ" אוועק. ער האָט דער מוהמע אסתר אַלץ מוחל געווען. ער האָט א קוש געטהאָן דאָס קליין קינ־דערש הענטעלע, ציטערענדיג דאָס צו שטאַרק מיט די ליפּען צו באַריהרען. די מוהמע אסתר האָט זיך דערפרעהט און דוד'ל האָט זיך צוכליפּעט פאַר חרטה.

— האָסט א שוועסטער־קינד, דוד, וועסט דאָס ליעב האָבען?

דוד'ל האָט געוויינט, לֹמאי ער האָט געהאַט אזא שנאה צו דער מוהמע אסתר די גאַנצע צייט.

דער שמעטערלינג.

ביידע זיינען זיי געשטאַנען אָנגעלעהנט אָן דער פּאַרענטש פונ׳ם „באַרדוואַק״ און געקוקט אויפ׳ן שטראַנד און ים. דער ים איז געווען אַ רוהיגער, פאַרגליווערט און מוטנע גרין. עס איז געווען צופּלוס־צייט. די ברעג־כוואַליעס האָבען זיך צושוימט און צו־שפּריצט, זיך געגליטשט באַרג אַרויף דעם פייכטען זאַמד און פאַר־זוכט אַראָפּצושווייגקען די ים־שיסעלעך און מעער־קעפּלעך וואָס דער ים־פּלוס האָט איבערגעלאָזט.

אָן אָקטאָבער זון האָט געוואַרימט און אָקטאָבער ווינטלעך האָבען אומגעווייהט.

ער איז געווען הויך און דין, מיט אַ ברייטער אויסגעבויגענער פּלייצע, מיט אַ רויטלעך געקרויזטען קאָפּ און תמיד געקוקט מיט אַ פאַרשעהמטען בליק. זי — אַ שמאָל, אַ העל־בלאָנדע מיט קליינע הענט און פיס. עפּיס, צווישען אַן איבערגעוואַקסענעם קינד און אַ נים־דערוואַקסענער פרוי...

חיה׳לע, זעהסט דאָרט ווייט, די שפּיץ־מאַסטען פון שיפען? אָה, ווי מיך ציהט אַהין! — האָט ער געזאָגט אַ פערבענקטער.

— אָה, צמח, זעה נאָר דאָ אָ, דאָס ווייסינקע ים־שיסעלע נע־בען סלופּ! איך וואָלט עס אַזוי געוואָלט האָבען! — האָט די בלאָנדע חיה׳לע איהם געצופּט ביים אַרבעל מיט אַ קינדיש פּינ־גערעל צילעוועגדיג אויף אַ קופּקע ים־שיסעלעך — איך וואָלט אין דעם געהאַלטען מיין זייף.

און פּלוצלונג האָט צמח דערזעהן ווי אַ שמעטערלינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מאַטער אויף דעם פייכטען זאַמד און מעהר

זיך ניט געקענט אויפהויבען. ער האָט געאַרבייט, פערמאַכט און פאַנאַנדערגעשפרייט די רויט־ברוינע פליגעלעך מיט אָנשטרענגונג, אָבער זיך ניט געקענט ריהרען פונ׳ם אָרט. קענטיג די פליגעלעך זיינען איהם געוואָרען פייכט. און אָט, אָט קייקעלט זיך נאָך איהם א צוויושעטער פארפעלדיגער כוואל...

— אָה !... — האָט חיה׳לע א געשריי געטהאָן.

און איידער זי האָט נאָך געענדיגט איהר אויסגעשריי, איז צמח געהאַנגען, ווי א ראַנג־אוטאַנג, איבער דער פּאַרענטש און א שפּרונג געטאָן אויפ׳ן זאמד, א כאַפּ געטאָן דעם שמעטערלינג און מיט פארנעצטע שיך זיך געלאָזט צום טרעפּעל אַרויף דעם „באָרדוואָק.״

חיה׳לע האָט א גליקליכע געטראַכט: דער שמעטערלינג איז מיינער... דער שמעטערלינג איז מיינער...

זי איז איהם אַנטקעגען געלאָפען און אָנגענומען פאָרזיכטיג דעם שמעטערלינג ביי די צונויפגעלעגטע פליגעלעך צווישען איהרע פינגער. מיט האַסטיגע טריט איז זי געגאַנגען אהיים טראָגענדיג דעם געפאַנגענעם שמעטערלינג אין דער האַנט. צומאָל האָבען זיך זיינע לאַנגע, זיידענע פיסלעך אָנגעקלאַמערט אָן איהרע פינגער און פאַרזוכט די פליגעלעך אַרויסצורייסען און אַוועקפליהען... חיה׳לע איז אָבער געווען זעהר פאָרזיכטיג. כאָטש זי האָט דערפיהלט א שרעק יעדעס מאָל וואס די פיסלעך, ווי האָר, האָבען אַרומגענומען איהרע פינגער.

נאָר חיה׳לע, כאָטש זי איז א שרעקענדיגע, ווייסט ניט פון קיין מורא בעת צמח געהט נעבען איהר ביים זייט, אָדער אהינטער..

און צמח איז געגאַנגען הינטער איהר מיט זיין פוילען פאַרטראַכטען גאַנג. איהם איז עפּעס איינגעפאַלען א מאָדנער געדאַנק: ער וואָלט געקענט חיה׳לען צונויפנעהמען ביידע הענט אהינטער און זי אזוי טראָגען, ווי זי, חיה׳לע טראָגט דעם שמעטערלינג... ווי מאָדנע דאָס וואלט אויסגעזעהן... מענשען וואָלטען זיך אוודאי אָבגעשטעלט קוקען... און דאָ גאָר ניט, אזוי געוועהנליך... און צמח טראַכט זיך אריין, אז דער שמעטערלינג מוז זיך

אודאי שעהמען. מחמת דאָס קערפּעריל איז דאָך ביי איהם א מיאוס׳ער, ווי ביי א וואָרעם... נאָר זיין גאנצע שעהנקייט און שטאָלץ זיינען זיינע פליגעל, נעהמט חיה׳לע און פּענטעט איהם די פליגעל און דעקט אָב זיין קערפּער׳ל, און ווי, אז ער איז נאָך דער זכר און עס קען נאָך פערביי פליהען א „זי״ און איהם דער־זעהן מיט די געפּענטעטע פליגעל ביי א מאָדנער חיה אין די הענט !...

— חיה׳לע, לאָז אָב דאָס זומער־פויגעלע, די פליגעלעך קערען שוין זיין טרוקען און ס׳וועט אוועקפליהען...

— נאָר ! דאָס דארף דאָך סיי־ווי שטארבען, וועל איך דאָס בעהאלטען אין א בוך.

זיי זיינען צו ביז׳ן הויז. חיה׳לע איז אריין אין שטוב, דעם שמעטערלינג אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. ער איז געבליבען שטעהן ווי טויט מיט צונויפגעלעגטע פליגעל. חיה׳לע האָט ניט געוואלט ער זאָל שטארבען מיט פערמאכטע פליגעל... זי האָט גע־לאָזט אויף איהם א ווארעמען הויך פון מויל און ער האָט לאנג־זאם גענומען פּאטשען מיט די ברעגען פליגעל, ווי ער וואָלט א ווינטעל דערשפּירט... ער איז דערקראָכען ביז א פלעק זון־שיין אויפ׳ן ווייסען טישטוך. דאָ האָט ער ברייטער געעפענט די פלי־געל. א ווייכער, רויט־ברוין מיט צוויי שווארצע סאמעטענע פּאַ־סען ביים ברעג. און די גאנצע פליגעל איז געווען בעציערט מיט שווארצע פּאַסיקלעך און קייקעלעך אָהן א סדר און אָהן א מאָס. די פאָדערשטע ברעגען האָבען געהאט אויגען פון א זוניגען טאָפּאַז. די ווייכקייט פון סאמעט, דער שימער פון זייד און גלאנץ פון גאָלד האָט ארויסגעשטראהלט פון די פליגעלעך.

— אָה, ווי שעהן ! — חיה׳לע איז געווען ענטציקט. — צמח, קום נאָר אריין, זעה, עס לעבט נאָך !...

צמח האָט א בורטשע געטהאָן, וואס האָט געמיינט, אז ער וועט ניט אריינגעהן זעהן. געבליבען אויפ׳ן גאניג פארזונקען אין א שאָקעל־שטוהל, די פיס איבער׳ן געלענדער פון גאניק.

—שטעק אריין א שפּילקע אין קאָפּ, אָדער לעג איהם אריין

אין א בוך און לעג פון אויבען אַרויף א סך ביכער, וועט ער גלייך שטאַרבען — האָט געגעבען אַן עצה איהר אינגערע שוועסטער.

— ער וועט שוין אזוי שטאַרבען, וועלען אפשר די פליגעל בלייבען שעהנער...

— פאַרקעהרט, אפשר וועט ער ווערען אָפּגעשוואַכט און פאַר־לירען דעם קאָליר?... פאָלג מיר, שטעך אריין א שפּילקע אין קע־פּעל — איז די שוועסטער צוגעשטאַנען — אַניט פרעג צמח׳ן.

— צמח איז אָנגעבלאָזען למאי איך לאָז איהם ניט אַרויס אין גאָרטען אוועקצופליהען. אליין האָט ער איהם געכאַפּט פאַר מיר... — האָט חיה׳לע געזאָגט.

דאָס גאַנצע הויז אין אָנגעלאָפען ווי אויפ׳ן בייזען וואונדער זעהן דעם שמעטערלינג, ווי זיי וואָלטען דאָס צום ערשטען מאָל אין לעבען געזעהן. און, אַז זיי איז נמאס געוואָרען, זיינען זיי אוועק.

חיה׳לע איז אַרויס און זיך באַקלאָגט פאַר צמח׳ן:

— ער קען ניט שטאַרבען...

— טו לאָז איהם לעבען! — האָט ער בייז געענטפערט.

— ניין, ער וועט דאָך סיי־ווי שטאַרבען, און איך וויל דאָס האָבען אַן אָנדענקען, ווי דו ביזט אַראָפּגעשפּרונגען איבער דער פּאַרענטש, אפשר פינף־און־צוואַנציג פוס די הויך! און איהם גע־ראַטעוועט איידער די כוואַליע איז אָנגעקומען. קיין מאָל וועל איך דאָס ניט פערגעסען!...

צמח האָט איהר צוגעוואָרפען א מאָדנעם פאַרשעהמטען בליק פון דער זייט.

— ניט כדי דו זאָלסט איהם האָבען, בין איך אַראָבגעשפּרונ־גען און אויך ניט כדי ער זאָל נאָך די פאָר זומער־טעג דערציהען. סתם, מ׳גיט זיך ניט אָב קיין חשבון... איך האָב ניט געוואָלט די כוואַליע זאָל איהם א שלעפּ טהאָן...

— דאָס זאָגסטו נאָר איצטער אזוי — האָט זיך חיה׳לע מיט איהם געריייצט — פאַר מיר! פאַר מיר, ביזטו געשפּרונגען!

ער האָט איהר ניט געענטפערט און זי איז אוועקגעשפּרונגען

אליין ווי א שמעטערלינג. א העל־בלאָנדער, ליכטיג, זוניג, א גע־ענדיגער מענש־שמעטערלינג... אָהן פליגעל, און דערפאר ניט אזוי שעהן...

צמח האָט זיך פארטראכט: וואָס עס האָט פליגעל טאָר זיך ניט אראָבנידערען גאָר אונטען אויף דער ערד... מ'פאקט פאר די פליגלען און אויס!... ביידע, ער אזוי ווי דער שמעטער־לינג, זיינען חיה'לעס. פארוואס? אָט ווייל מ'רופט זי חיה'לע... און חיה'לע רופען זי אלע, ווייל אלע זיינען איהרע... דער טאטע, די מאמע, די שוועסטער און ער. און איצט דער שמעטערלינג...

אויסגעוועזען א וועלט, געזעהן: די שעהנע טיראל'ער שיקסעס, די דייטשע גרעטכענס, פאריזער טענצערקעס, ברוין־הויטיגע און שווארץ־אויגיגע אראבקעס, ירושלים־מיידלעך, הויך־ברעמענדיגע מאטע שפאניערקעס, אלע געזעהן, ליעב געהאט פונ'ם גאנצען האר־צען און ווייטער געפאָהרען... און דאָ, ביי חיה'לען געבליבען... ער, צמח, דער ריעז, מיט א רויטען קאָפּ, דער ווילדער, זיך אָבגע־שטעלט און געבליבען ביי חיה'לען... און ווייל ער קען זי אוועק־בלאָזען ווי מען בלאָזט אראָב א פליענ פונ'ם ארבעל, קען ער זי ניט איבערלאָזען און ווייטער שפאנען...

און פארוואס זיך אָבגעשטעלט א קוק טהאָן אויף איהר?... דאָס האָט שטענדיג אזוי שעהן פארשנירט די שיך... גלייך און שטייף, קיין קנייטשט אויפ'ן גאנצען פיסעל. און זי האָט באפוי־לען און געצוואונגען קוקען ווי שעהן זי שנירט אויס די שיך־שנירלעך... און אזוי, מיט דעם זעלבען באפעהל, האָט מען גע־מוזט אויסהערען אלע איהרע נארישקייטען, האָט מען שוין אין איין גאנג דערזעהן א פאָר בלויע, ריינע אויגעלעך, א פיין, דין נע־זעל, און מען האָט זיך דערוואוסט, אז דאָס איז זי, חיה'לע...

— צמח, קום עסען מיטאָג — האָט חיה'לע ארויסגעשריען פון הויז ארויס. ער איז ניט געגאנגען.

זי איז ארויס און זיך געזעצט אויף זיין שוים. צמח איז גע־בליבען גלייכגילטיג, ווי, ווען א פליעג וואלט זיך איהם געשטעלט אויף דער קניע... און חיה'לע האָט פארשטאנען פאר וואָס...

— אלץ איינס וועט ער דאָך שטאַרבען... — האָט זי זיך גע־בעטען.

צמח האָט ניט געגעסען. אַן אומעט און בענקען האָט איהם געפּלאָגט. ער ווייסט, אַז ער קאָן אויפעפענען דאָס פענסטער און אַרויסלאָזען דעם שמעטערלינג. אָבער, אַז חיה׳לע צוואָוויינט זיך, קריגט זי אַזעלכע בלויע רעדער אונטער די אויגען... וויינט ווי אַ געשלאָגען הינטעל. און די גאַנצע פאַמיליע קריגען מיט אַ מאָל נאָד־לען אין די אויגען...

אַ גאַנצען נאָכמיטאָג האָט זיך חיה׳לע געמוטשעט מיט׳ן שמע־טערלינג, געוואָלט ער זאָל וואָס גיכער שטאַרבען און צמח זאָל זיך שוין פערגעסען... אָבער איבער נאַכט וועט ער שוין געוויס שטאַרבען... האָט זי געטראַכט און געוואַרט...

אין דער פריה. ער לעבט נאָך. אמת, קוים וואָס ער זשי־פּעט. אָבער ער פאַטשט נאָך מיט די פליגעלעך, און לעבט!... און צמח איז אַרומגעגאַנגען איבער׳ן הויז פונקט ווי אַ גוסס׳ער וואָלט זיך אין שטוב געפונען...

נאָך מיטאָג האָט די זון זעהר ליכטיג אויפגעשטראַהלט און חיה׳לע איז געוועזן אַ בעלן צו זעהן ווי אַזוי דעם שמעטערלינג וועט געפעלען דער וואַרימער, ליכטיגער דרויסען. זי האָט עס אַרויסגעטראַגען און אַוועקגעלעגט אין זון אויפ׳ן גראָז. ער האָט זיך גענומען צאַפּלען און אַרומטאַנצען און צמח איז געשטאַנען דערביי און ביידען אָנגעקוקט.

דער שמעטערלינג איז געפלויגען און חיה׳לע איז איהם נאָכ־געלאָפען.

— חיה׳לע, וועסט איהם אָפּלאָזען?

— יאָ, זעהסט דאָך.

— אַזוי האָב איך דיך האָלט.

און פאַר שמחה איז צמח געגאַנגען טאָן אַן אַרבייט, שריי־בען...

שפּעטער אַביסעל זיינען זיי ביידע געזעסען אויפ׳ן גאַניק איבערגעבעטענע.

א רויט־ברוינער שמעטערלינג איז פארביי געפלויגען.

— אפשר איז ער יענער... אונזער שמעטערלינג — האט צמח געזאגט.

— אפשר, — האט חיה'לע געענטפערט און זיך געטוליעט אן איהם.

— האסטו ניט הנאה צו זעהן ווי ער פליהט אום אין דער זון?

— יא — האט חיה'לע געענטפערט און צמח האט געקושט איהר קליין הענטעל.

ביינאכט איז ער געזעסען ביים שרייבטישעל. חיה'לע איז געשלאפען. איהר קליין, בלייך פנים'ל האט אויסגעזעהן אזוי רוהיג ווי ביי א טויט קינד. און צמח האט געמוזט זעהן צי די קאלדרע באוועגט זיך פון איהר אטעם צו וויסען אויב זי לעבט...

איהם איז איינגעפאלען א בלעטער טהאן זיין תנ"ך'ל. אט, אויף וועלכען ארט דאס אויג וועט נאר פאלען... ער האט עס ארומגעזוכט מיט די אויגען ניט וועלענדיג אויפוועקען חיה'לען פונ'ם שלאף. פלוצים האט ער עס דערזעהן אונטער א בארג שווערע ביכער. עפעס האט זיך איהם אין הארצען אבגעריסען...

און אין תנ"ך'ל איז געלעגען א שטייף־געפרעסטער, דער רויט־ברוינער שמעטערלינג מיט די שווארצע סאמעטענע פאסיקלעך און קייקעלעך ארום ברעג.

ער האט א קוק געטהאן אויף חיה'לען און איהר פנים'ל האט אויסגעזעהן ווי ביי א טויט קינד...

אסתר.

ס'איז געווען דער צוועלפטער מאַי, מיט עטליכע יאהר צו־ריק. א ווארעמער, זוניגער טאָג, ביז איך געזעסען אין „וואשינג־טאָן סקווער פארק," ארויסקוקענדיג אויף דער פינפטער עוועניו און צוועקלאָז געבלעטערט א צייטונג. איך האָב געוואָלט פאר זיך אליין יוצא זיין און זוכען עפּעס אן ארבייט אין די אונענדלי־כע „וואָנטס". איהר ווייסט דאָך ווי אונזער איינער וויל זיך איישפּארען אין א שאָפּ, אָדער אין אן אָפיס אָבזיצען א טאָג ביי לאנגע, נארישע שורות ציפער! מיט א בלייפעדער, האָב איך פארשריבען אין מיין ביכעל אדרעסען, הגם איך האָב געהאָפט דאָרט קיין ארבייט ניט צו קריגען. האָט א פוגעלע א סווישטש געטאָן האָב איך די צייטונג געלאָזט פאלען. איך קוק ווי פויג־געלעך פליהען, ווי ווייסע וואָלקען טרייבען זיך מחנות־ווייז אויפ'ן הימעל, ווי די בוימער האָבען זיך פאנאנדערגעבליהט. מיט אמאָל דערזעה איך ווי דער שאופער פון אן אויטאָמאָביל, לאָזט זיך געהן דירעקט צו מיר. איך האָב איהם אָנגעקוקט פארוואונדערט און ער האָט מיר זעהר העפליך און מיט שטייפע מאנירען געזאָגט, אז די ליידי אין אויטאָמאָביל וויל מיט מיר רעדען. איך בין היפּש צוטומעלט געוואָרען, געוואָרפען א בליק אין דער ריכטונג פון מאשין און דורך דעם אָפענעם פענסטער דערזעהן א שמייכלענדי־גען יונג־ליעבליכען פנים. איך בין צו. א פּאָר קלוגע, גרויע אויגען האָבען מיך אָפענהערציג באטראכט. דער שאופער איז גע־שטאנען דערנעבען. איך בין נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען. מיין אָנצוג איז געווען אָפּגעטראָגען, מיט אויסגעזעסענע קניען, דאָס

היטעל אָפּגעבלאָקירט, אָבער דער קראַגען ווייס, אַ שעהנער קראַ־וואַט און נייע שיך, דאָס האָט מיך אויף די פיס געהאַלטען. איך האָב אַראָפּגענומען דעם הוט און מיט טיעפער אַכטונג מיך פאַר איהר פאַרנייגט.

— ווילט איהר מיט מיר אַביסעל פאָהרען אין מיין אויטאָ־מאָביל? — האָט זי מיך געפרעגט מיט אַ רוהיגער מינע. איך האָב אָבער באַמערקט אַז זי איז בלאַסער ווי זי דאַרף געוועהנליך זיין און אַז דאָס מויל האָט איהר געצוקט ביים רעדען.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— קומט, דאָס וועטער איז שעהן! — זאָגט זי ווידער כמעט מיט אַ באַפעהל.

דער שאופער האָט מיר געעפענט דאָס טירעל און איך בין אריין. אַ צאַרטער אָבער שאַרפער ריח פון פאַרפיום האָט מיך אין גאַנצען דורכגענומען. דורך דעם גלאַנציג־בלויען זיידען קלייד האָט זיך געזעהן בולט איהרע ווייכע, קיילעכדיגע קניע. דער אויטאָמאָביל איז שוין געפאָהרען עטליכע מינוטען, מיר האָבען נאָך אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. דאָס שווייגען איז געווען גוט, אַזוי האָט געדאַרפט זיין.

אין אַ ווײַלע אַרום, האָב איך אָנגענומען איהר האַנד. זי איז געווען אַזוי קאַלט ווי די האַנד פון אַ טויטער. מיינע האָבען גע־ברענט ווי אין אַ פיעבער. איך האָב איהרע ביידע דינע, קליי־נע הענד גענומען אין מיינע, געהויבט מיין אָטעם אויף זיי, זיי צו דערוואַרעמען. איך האָב געקוקט אויף איהר בלייכען ליעבען פּנים, געקושט איהרע הענד. זי האָט אויף מיר געקוקט אַ שטילע און שווייגענדיגע, ביידע האָבען מיר געשוויגען. פּלוצלונג האָבען מיר אונז מויל צו מויל אָנגעקלאַמערט און זיך צוקושט. דערנאָכ־דעם האָבען מיר איינע די אַנדערע געקוקט אין די אויגען ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד. מיר האָבען אונז ניט געשעהמט.

— ווער ביזטו, אַ מענש פון דער ערד? — האָב איך זי געפרעגט.

— פרעג מיך קיין זאַך ניט. איך בין פון דער האַרטער, קאַל־

טער ערד פער׳משפט אויף א לעבענסלאנגען אומעט... דער פריה־
לינג און דער גאנצער זומער איז מיינער. איך טייל עס מיט דיר.
אבער פרעג מיר גאָר ניט, דאָס איז דער אָבמאַך.

— און ווי הייסטו? — האָב איך געפרעגט ניט אכטענדיג
דעם אָבמאַך.

— וואס איז דיין ליעבסטער נאָמען?

— אסתר! — זאָג איך פלוצלינג, דערמאָנענדיג זיך אויף
אסתר המלכה.

— הייס איך אסתר....

— וואָס ביזטו, מאלער, דיכטער? — האָט זי מיך געפרעגט.

— וואָס פאלט דיר איין, אז איך דאַרף אזעלכער זיין?

— נו, זאָג מיר, דו ביזט א שניידער?

— ניין, איך בין א דיכטער.

— א דיכטער... און ווי לאנג האָסטו שוין נישט געגעסען?

— אין גאנצען צוויי טעג, אָבער איך בין נישט הונגעריג,
איך האָב א סך טהע און קאפע געטרונקען און אונגעהויער פיעל
געדויכערט. אָה, איך פערמאָג א וואונדערבארע פיפקע, אז
מ׳רויכערט זי, ווילט זיך גאָר ניט עסען.

— אָבער מאלער און דיכטער זיינען שטענדיג די אָרימסטע
פון די קינסטלער. זיי קענען אמווינציגסטען איינגעהן אויף קאָמ־
פראָמיסען....

פיין געפיהלט, שעהן פארשטאנען, און איך האָב איהר גע־
וואָלט זאגען, זי האָט אָבער פריהער, געזאָגט:

— איך בין אויך הונגעריג, לאָמיר אריין, ערגעץ אין דער
געגענד אין א רעסטאוראן.

זי האָט אוועקגעשיקט דעם שאופער מיט א פריינדליכען „גוד־
באי״.

אויפ׳ן וועג האָב איך זי געפרעגט:

— ווי אזוי איז דאָס אלץ געשעהען?....

— אזוי, איך האָב דיך געזוכט דעם גאנצען פריהלינג... און
היינט פערבייפאָהרענדיג דעם פארק, האָב איך דיך פלוצלונג דער־

זעהען. אזא געזיכט ווי דיינעם, זעהט מען ניט אין דער אומגע־בונג אין וועלכער איך געפין מיך. די יונגע, האָבען אלע זאטע, צופריעדענע פנים'ער מיט פרעהליכע גרויע אויגען; די מיטעל־יעהריגע זיינען מיט פליכעס, אויסגעלאָשענע אויגען, קיין זאך אין דער וועלט בעגייסטערט זיי ניט, אויסער די יונגסטע פון די באָר־מיידלעך אויף בראָדוויי.

אין רעסטאוראנט, זאגט זי צו מיר:

— עפעס וועל איך דיר יאָ זאָגען, וועסטו קיין זאך נישט מיספערשטעהען. — מיין פאָטער איז א זעכציגיעהריגער דילע־טאנט. מאָלט נאָבעלע דאמען פונ'ם בירגער קריעג אין טיעפען דעקאָלטע, שרייבט סענטימענטאלע פערזען אין געפליגעלטער פאָ־עזיע. איז אן אלטער אמעריקאנער אריסטאָקראט. מיין אכציג יעהריגע באָבע, דעם טאטענס מוטער, איז אן אלט קינד. לייענט מאָדערנע ראָמאנען, זינגט אלטע שאטישע ליעדלעך, פארמאכט זיך ביי זיך אין צימער און לייענט איבער, גאָט ווייס צום וויעפעלטען מאָל, א פעקעל בריעף, וואָס זי האָט פון איינעם, וועלכער איז שפעטער געווען א פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען און איז שוין היינט לאנג טויט. זי לייענט זיי פאר מיר און איהרע אלטע אויגען בליצען אויף. אלע בריעף אָטעמען מיט א גרויסער ליעבע. איהר שעהנקייט, איהר בעגאבטע נאטור ווערט דאָרט גע־לויבט און באזינגען. מיט איהרע צוקנייטשטע פינגער פארדעקט זי דעם נאָמען, אָבער איך וויים ווער עס איז געווען. און די פער־ליעבטע אלטע וויים, אז איך וויים. און זי שמייכעלט גנבות'דיג. און מיין מאמע איז שוין גאָר פון אן אנדער וועלט: שטאמט אָפּ פון א ניו ענגלענדער פוריטאנער פאמיליע, איז ווי אן אלטע פער־וועלקטע ליליע. טאָג־טעגליך ווערט זי שאָקירט פונ'ם טאטענס רייד און וויצען, פון וועלכע איך און די באָבע האָבען שטארק הנאה. פינף קינדער האָט זי דעם טאטען געבאָרען און ווערט יע־דעם מאָל שטארק אויפגעבראכט אויפ'ן טאטען, וואס ער ערלויבט זיך איהר צו געבען א קוש אין מיין, אָדער דער באָבעס אנווע־זענהייט. מיר האָבען זי אלע אזוי שטארק ליעב! אָבער זי פיהלט

זיך אַ פרעמדע אין הויז. אין די פינף און דרייסיג יאָהר וואָס זי איז מיט מיין טאַטען פאַרהייראַט, האָט זי ניט געקענט זיך איינ־געוועהנען צום טאַטענ'ס שעהנע, פריוואַלע נאַטור. די מאַמע זאָגט, אַז איך בין אין גאַנצען אין טאַטען געראָטען. און ס'איז וואָהר.

— און איך ווייס, — זאָגט זי ווייטער — אַז אין ניו יאָרק איז געווען דאָ איינער, שוין מיט אַ פּליך, אַ בייכעל, גענעצט אונגעהייער פיעל, פערמאָגט מיליאָנען און וואַרט אויף מיר... דערוויייל פאַרברענגט ער מיט שוישפּיעלערינס, מיט כאָר־מיידלעך, און קומט יעדען זונאָג אויף מיטאָג צו אונז. איך האָב זיך אָפּ־געבעטען דעם זומער, און מיין ליעבער טאַטע האָט עס פאַר מיר גע'פועלט.

— גענוג, מעהר וועל איך דיר אַ וואָרט ניט זאָגען, מאָרגען זעהען מיר זיך ווייטער.

זי האָט גענומען מיין אַדרעס, מיר אַריינגעקוקט טיעף אין די אויגען און מיר געוויעזען אַ פּאָר קלוגע, גרוי־בלויע אויגען פול מיט פייער און תאוה און אַ לאַבענדיגע אוועק.

טאָג טעגליך האָבען מיר זיך געזעהען, גאַנץ אָפט פלעגט זי קומען צו מיר גלייך אין דער פריה און מיר פלעגען זיך ערשט צושיידען אין אבענד. אין יעדען ווינקעל פון דער גרויסער שטאָדט, אויסער דאָס אַריסטאָקראַטישע האָבען מיר צוזאַמען געזעהן. איהר גרעסטער פאַרגעניגען איז געווען, אַז מיר פלעגען צוזאַמען אוועק־פאָהרען אין אַ ווילד פרעמדען שטעדטעל, אַרומבלאָנקען דעם טאָג, אומפאָהרען אויף קארס, געהן אין מוזעאום.

ביסלעכווייז, איך ווייס אליין ניט ווי אזוי, בין איך געוועזן אַנגעטהאָן אין די בעסטע אנצוגען, זיידענע העמדער, און מיין צימער איז געווען פול מיט בילדער און אַנטיקען. זי איז מיט יעדען טאָג גליקליכער און שעהנער געוואָרען.

איין מאָל בין איך באַשטאַנען אויף אַ מאָדנעם קאַפּריז: זי מוז מיר זאָגען ווי שטאַרק זי האָט מיך ליעב.

— איך האָב דיך אזוי שטאַרק ליעב, אַז יעדע אידישע בעט־לערקע, וואָס איך באַגעגען אויפ'ן וועג צו דיר, איז מיר ליעב.

איך האָב אזוי ליעב געקראגען די אלע אָרעמע, שמוציגע קינדער־לעך מיט די שווארצע בלישצענדע אויגעלעך! דו האסט אויך אזעלכע אויגען, אזעלכע אויגען האָבען נאָר אידישע קינדער. און ווען איך האָב געלייענט אין א צייטונג אז מ'שלאָגט אידען אין רוסלאנד, האָב איך א גאנצע נאכט געוויינט. דיינע שוועסטער און ברידער שלאָגט מען, האָב איך געוויינט.

איך האָב בעהאלטען מיין קאָפּ אין איהר שויס און זיך צו־וויינט.

— אָט וועל איך דיר דערצעהלען א שפּאס פון מיין מאמען — האָט זי געזאָגט אויפהויבענדיג מיין קאָפּ און קושענדיג מיינע פערוויינטע אויגען — אמאָל פערפיהר איך א געשפּרעך מיט מיין מאמען וועגען אידען. זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר איהרע עהרליכע פוריטאנער אויגען און געזאָגט: „עפּעס די לעצטע צייטען רעדסטו אזוי פיעל וועגען אידען.״ איך האָב מיך פאר־שעהמט. דאָס האָב איך נישט געוואוסט, אז איך האָב א סך מאָל פריהער גערעדט וועגען אידען. דאָך האָט זי מיר געזאָגט: עס זיינען דאָ גוטע אידען און שלעכטע אידען. צום ביישפּיעל: שיילאָק, איז געוועזען א שלעכטער איד, און ראָטשילד און באראָן הירש זיי־נען געוועזען גוטע אידען. און ווידער האָט זי פארלעגט פרום א האנד אויף א האנד און געשוויעגען.

ס'איז געקומען א צייט וואָס זי האָט נישט געקענט מיך זעהען אלע טאָג. איך האָב געפיהלט, אז דאָס איז ניט, ווייל זי האָט מיך ווייניגער ליעב, נאָר עפּעס אנדערש, און איך האָב ניט פארשטאנען וואָס. טעג זיינען געקומען וואָס מיר האָבען קוים געקענט א שעה זיין צוזאמען. איך האָב זיך געבייזערט, איך האָב געשריען. זי האָט נאָר געזאָגט:

— שטארבען קען איך פאר דיר יעדע מינוט, אָבער מיין לע־בען געהערט מיין מאמען. זי האָט מיר דאָס לעבען, אין וועלכען איך האָב דיך בעגעגענט, געגעבען.

און איין טאָג, עס איז געוועזען דער זיבטער אָקטאָבער. בין איך געזעסען אין צימער און געווארט אויף מיין אסתר'ן. געקו־

מען איז אַ שלוח און מיר געבראַכט אַ בריעף פון איהר. אין מיין צוטומלונג האָב איך איהם געלאָזען אוועקגעהן אָהן אַן ענטפער. אין בריוועל איז געשטאַנען:

„היינט קען איך דיך ניט זעהן. מאָרגען איז מיין חתונה. איך האָב געמיינט, אַז עס וועט זיין אין צוויי וואָכען אַרום. צו־ליעב וואָס עס איז פּלוצלונג געקומען אַן ענדערונג ווייס איך ניט. מאָרגען פאָהרען מיר אוועק, דאַכט זיך אין בערמודאַ, און אפשר אַנדערשוואו. איך ווייס ניט. ער איז אַ נידעריגער, מיט אַ פּליך, אַ בייכעל, און דאַכט זיך אַז ער האָט רומאַטעס אין די פיס. יאָ, און ער גענעצט אונגעהייער פיעל. דיין אסתר.”

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען לויפען, שרייען, ניט דער־לאָזען! און דאַמאַלסט ערשט האָב איך מיך געכאַפּט אַז איך ווייס ניט איהר נאָמען, האָב קיין אַדרעס, מיט איין וואָרט, איך ווייס גאָר ניט וועגען דעם מיידעל. געקומען צופליהען ווי אַ זומער פויגעל און אוועק מיט'ן זומער.

עס פרעסטעלט...

דרוויסען פרעסטעלט. ווינטער־וואָלקען שלייען זיך אום, ני־דעריג, נאָר זיי פאַלען אויפ׳ן קאָפּ... דער גרויער פראָסט קומט. ער איז דאָ...

און אין די ביינער פרעסטעלט אויך... איאָ ראַכיל, ס׳פרעסטעלט אין די ביינער?... אין דעם אייגענעם צימער׳ל איז מען אַלט און ס׳איז קאַלט. אָבער דרויסען, דרויסען טראָגט מען זיך ארום מיט דער זון אין הארצען!... די זון איינגעפרעסט פון פארגאנגענע פריה־לינגען...

אין טונקעל־גרינעם סאַמעט אָנגעטאָן, א גרויסען הוט מיט וויי־סע הענטשקעס געהט מען געבען פּיאַנאָ־לעקציעס. און נאָך אויף די טרעפּ שרייט מען אנטקעגען: „די פּיאַנאָ „טיטשערין״ געהט! די פּיאַנאָ־לעהרערין געהט!״ ווייבער אין די קאָרידאָרען גלעטען אויס דעם פאַרטוך אויפ׳ן בויך. אַן אנדערע מיט א קינד אויף די הענט, האַלט עס איהר אנטקעגען און זאָגט מיט די אויגען: „זעה. וואָס פאַר א שעהן קינד איך האָב״. א גוט־האַרציגע, זאָגט הינטער איהר פּלייצע: „אַ רחמנות, זיך שלעפּען אויף פרעמדע טרעפּ״... ראַכיל שמייכעלט זיס צו די ווייבער אין די קאָרידאָרען, זי טראָגט דאָך פאַר׳ן דרויסען אוב די זון אין הארצען...

געטראָפען אמאָל, אַז ביי דער טיר פון דעם פּאַסקודנעם מאַקסעל, האָט איהר שאַרפער אויער געכאַפּט, ווי עמיצער פון יענער זייט טיר פרעגט: „עפּעס א שעהנע, דיין פּיאַנאָ־טיטשערין, מאַקסעל?״ „נויסער, א לאַנגער נאָז״. פלינק און באַשטימט, ער האָט גאָר נישט געדאַרפט א טראַכט טאָן. זי האָט א לאַנגע נאָז און

פּאַרטיג. זי אַוועקגעשאַרט פון דער האַנט. סטייטש, מאַקסעל, זי האָט דאָך אַזעלכע שעהנע אויגען? ראַכיל האָט דאָך רחל׳ס אויגען... נאָר מאַקסעל איז נאָך אַ קינד, זעהט די נאָז פריהער פאַר די אויגען.

שפּעטער אַ פּאָר מינוט האָט מאַקסעל געקלאַפּט מיט די דינע, בלאַסינע פינגערלעך: דאָ רע מי פאַ סאָל לאַ סי דאָ. ראַכיל הערט, און ערגעץ אין אַ ווינקעל מוח קלינגט מיט: אַ לאַאַאַאַנגע נאָאָז... איין בליק איהר צוגעוואָרפען און גלייך אַרוים... געזעהן אַז זי האָט אַ לאַאַאַנגע נאָאָז... זי וואָלט מאַקסלען אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ מיט׳ן האַנט אויף זיינע דינע, בלאַסיגע הענטלעך, אַזוי, אַז די פינ־גערלעך זאָלען זיך איבערברעכען און די פּיאַנאָ זאָל צושפּרונגען ווע־רען מיט איין קראַך! דאָ־רע־מי־פאַ־סאָ־לאַ־סי־דאָ, דאָ־סי־לאַ־סאָל־פאַ־מי־רע־דאָ... און מאַקסעל דערלאַנגט איהר אַ דאָלאַר און אַ האַלב, דעם האַלבען דאָלאַר איינגעוויקעלט אינ׳ם פּאַפּיערעל, און זאָגט אַרוים פאַרשעהמט: „פּאָר דהי וויק”. ראַכיל שמייכעלט זיס; זי ווייס, אַז די־מאַמע וועט פרעגען: „נו, מאַקסעל, וואָס האָט דיר געזאָגט די „טיטשערין”? וועט ער ענטפערען: „שי סמייעלד”...

נאָר, אַז זי קומט ביי זיך אין צימער׳ל שמייכעלט נישט ראַכיל. די זון אין האַרצען איז שוין פאַרגאַנגען... און ס׳פּרעסטעלט אין די ביינער... זי קריכט אַרוים פון גרינעם סאַמעט, וואַרפט אַראָפּ דאָס זיידען אונטער׳קליידעל און דערפיהלט זיך אַזוי דאַר... און פאַר־שעהמט זיך פאַר איהר אייגענער דאַרקייט. אַזוינע שפּיציגע עלענ־בויגענס... און שאַרפע קניה־קנעכלעך... אויף גיך די זיידענע קי־מאָנאָ! זיך וויקלען אין זייד און סאַמעט... ס׳קוקען די גליעדער אַרוים ווייכער, זיסער... אין סאַמעט בויגען זיך די קניה און ציהען זיך די הענט ווי צו אַ געבעט. אין פריהלינג האָבען די גליעדער געשמאַכט און דאָס האַרץ געלעכצט, נאָר דער מוח האָט באַוואַכט און געהיט די אוצרות ווי אַ קמצן זיין געלט. און אַז די ערשטע גרויע פרעסטלעך קומען אָן, פרעסטעלט עס אין די ביינער צו פריה...

נעכטען האָבען זיך וואָלקען אומגעשלייעט, גרויע, אומעטיגע.

איז געוועזן אומעטיג אויפ'ן הארצען. געמיינט, אז די וועלט לעשט זיך אויס... אָבער היינט... היינט האָט זיך א זון צופלאַמט, גאָר ווי זומער. דער דרויסען איז א גאָלדענער! אנו, ראַכיל, שפּרינג גאָר אריין אין גרינעם סאַמעט און גיי שפּאַצירען. מאַקסלען דאַרף מען היינט נישט לערנען. גייען און לאָז דיין הארץ אין דיר גלוסטען... און טו וואָס דיין הארץ גלוסט דיר. ביזט שעהן, ראַכיל... זעהסט דאָך אין שפּיגעל. קוק אוועק פון די פּאָר קנייטשלעך, קוק ווי די אויגען האָבען זיך דיר אָנגעצונדען און דער מויל שמייכעלט דיר אנטקעגען. גייען, נעהם די זון אין הארצען און גייען אום... גייען אין די אידישע גאַסען; דאָרטען דאַרפסטו גאָר קיין מורא נישט האָבען... טו אָן דעם גרויסען הוט און די ווייסע הענטשקעלעך און שפּילע אָן די געלע כריזאָנטעמע. ס'רייסט אויף די אויגען די געלע כריזאָנטעמע אויפ'ן גרינעם סאַמעט...

און, אז דו וועסט אומגעהן איבער די אידישע גאַסען וועסטו איהם באַלד אָנטרעפען... איהם, דעם אידישען אינטעליגענט. און איינזאַם אזוי ווי דו, ראַכיל... גייען און לאָז זיך איהם דערקענען... ער זוכט אויך; זוכט און בענקט ווי דו, ראַכיל... איז אינטעליגענט ער וועט דיך שוין דערקענען אָן דעם פּייער'ל אין אויג און אָן דער געלער כריזאָנטעמע. ער איז א קלוגער יונג. ער ווייס, אז סתם אזוי אין דער וועלט אריין שפּילעט מען נישט אָן א גאָלדענע כריזאָנטעמע אָן גרינעם סאַמעט, בעת דרויסען כאַפּט שוין פרעסטלען...

און אפשר, ראַכיל, איז ער הונגעריג אויך... זיין מאַנטעל איז א דינער און א זומערדיגער. און אפשר איז דאָס פּייער'ל אין אויג א טאָפּעלער, אי הונגער, אי ליעבע צו דיר... נעהם איהם ארויף צו זיך. סאַי־ווי־סאַי, אין דיין פאַנטאַזיע האָסטו דאָך שוין דאָס א סך מאָל געטאָן... זיי א פרוי, קאָך אויס אַן אבענד־עסען און נאָכדעם זעץ זיך ביי דער פּיאַנאָ און לאָז איהם זעהן ווי דיינע פינגער שפּרינגען אום בויגיג אויף די ווייסע ביינדלעך, בעת דו שפּילסט „דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין". און איבער די גליעדער וועט זיך גיסען א ווארימקייט. צוגעהן וועט דער אומ־צייטיגער פראָסט פון די ביינער. און אפשר וועט ער דיך דער־

קענען... זעהן, אז דו ביסט גאָר זיין רחל, זיין רחל'ע... נישט סתם א פרעמדע ראַכיל אין גרינעם סאַמעט מיט א כריזאַנטעמע אָנגע־טשעפעט... און ער וועט ביי דיר בלייבען... אויף אַלע אבענדען בלייבען ביי דיר...

די זון האָט געגעבען זומערדיגען גאָלד, געשיינט, געוואַרעמט, ווי זי וואָלט זיך פאַרגעסען, אז ס'דאַרף שוין א פרעסטעל כאַפּען; און אפשר האָט זי יאָ געוואוסט, נאָר געוואָלט זיין גוט היינט... אָט היינט, פון אַלע גרוי־פראָסטיגע טעג... און ראַכיל שפּאַצירט אום, טראַכט און קוקט אין די שאָו־פענסטער. אָך, אין יענער ראָזער בלוזע... אָדער אין דער גרינער מיט דעם מאַטען גאָלד, און זי שפּילט די עלעגיע... אָדער שאָפּען. און די רויטע בעט־טופּעלקעס אויף אין דער פריה מיט יענער קימאָנאָ... אָך ווען זי האָט זיי... און די שעהנע קינדערלעך אין די וויגעלעך מיט די מאַמעס.... און איהר אויג קוקט זיך איין אויף יעדען פאַרבייגעהער...

איין בלאָק ווייט קומט ער איהר אַנטקעגען דער בחור, דער שעהנער, דער איידעלער. און וואָס נעהענטער אַלץ שעהנער און איידעלער. אזוי פאַרטראַכט, אזוי פאַרקלעהרט, בחור מיינער!... זעהסט מיך גאָר נישט, ראַכיל'ען, די וואָסשפּיעלט אזוי וואונדער־ליך אויף דער פּיאַנאָ... אָך, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט! אַרויסשפּרינ־גען וויל דאָס. ראַכיל, ראַכילעלע, פאַרליר זיך נישט... הויב אָן ריידען... לאָז דאָס האַרץ קלאַפּען... חליש'ט אוועק פאַר שרעק?... נאַ דיר א קניפּ אין דער האַנט, זעהסט, קומסט צו זיך... נעהם נאָך א קניפּ. ס'איז גוט... ס'טוט וועה... ראַכיל רייד צו איהם, אָט איין רגע'לע און ער געהט פאַרביי... שטעל איהם אָפּ און רייד צו איהם... זעהסט דאָך, א גוטער, אַן איידעלער... די צונג איז געלעהמט?... טו רייד מיט די אויגען... ראַכיל, ראַכיל'עלע... איך וועל דיך מעהר נישט קנייפּען אין דער האַנט... די אויגען לאָזען זיך אויך אַראָפּ?... פאַרבייגעגאַנגען. ער איז אזוי נאָהענט פאַרבייגעגאַנגען... דרעה אויס דעם קאָפּ, ראַכיל, ראַכיל'עלע! איך בעט דיך, איך האָב דיך ליעב... אפשר וועט ער אויסדרעהען דעם קאָפּ... קענסט דעם קאָפּ

נישט א ריהר טאָן ?... טו נעה, קעהר זיך אום אהיים און לאָז דיר פראָסטלען אין די ביינער...

די זון פון פארגאנגענע פריהלינגען אין הארצען איינגעפרעסט, האָט זיך אויסגעלאָשען... דער גרויער אבענד איז געקומען, און דער אומצייטיגער פראָסט האָט איהר אין די ביינער געפרעסטעלט...

דער באַרג-גייסט.

א פּאָר טעג נאָך דער רייה האָט די זון געברענט, איין טאָג האָט געגאָסען א נעריכטער רעגען, דערנאָכדעם זיינען געקומען צו וועהען גרינגע ווינטלעך, און אלץ האָט מיט אמאָל געשפּראָצט און געבליהט אויף די בערג. דער פריהלינג איז היי־יאָהר געקומען פריה.

נפתלי, דעם פּאַרמער'ס פּלימעניק, האָט זיך זעהר געפרעהט וואָס דער פריהלינג איז געקומען פריה דאָס יאָהר. זומער, בעת עס קומען אָן געסט, הייסט ער נייטהען, און ווינטער רופט מען איהם וויעדער נפתלי. נייטהען איז ביי איהם דער סימבאָל פון גאָלדינע, בליהענדע טעג, פון קלאָהרע הימלען, פון פרעהליכע ליעדער וואָס מ'זינגט אין אויסגעשטערענטע נעכט. און דער נאָמען קלינגט איהם ליעב. און נפתלי, איז פאַר איהם א סימבאָל פון פאַרשנעעטע, אומעטיגע וועגען; קורצע, גרויע טעג און אונענדליך לאַנגע נעכט; הוילע בערג; דער וואַלד שיטער און לעבערדיג, און פון אלץ ברומט און קלינגט טרויעריג אַרוים דער נאָמען נפתלי.

דאָך איז אין זיין פרייד געלעגען נאָך א סבה. אין די ערשטע וואַרימע טעג, האָט די מומע געדאַרפט אָפּפאָהרען קיין ניו יאָרק, בלייבען אויף עטליכע וואָכען ביי איהר שוועסטער, און זיך דאָק־טירען אויף קינדער; דער פעטער האָט אויך געזאָלט פאָהרען, און אויף זייער אָרט וועט דאָ קומען דער מומע'ס פּלימעניצע ניטעל. זי קומט צוליעב איהר געזונד, זיך אָפּרוהען אביסעל, און אויך מחמת ביי זיי איז זעהר ענג און עס וועט נישט זיין פּלאַץ פאַר דער מומען.

נפתלי איז געוועזן פאַרנומען אין שטאַהל ארום די פערד. ער

איז געווען זעהר פריינדליך מיט זיי, געגלעט זיי איבער די לאַנגע קעפּ, איבער די ווייכע זייטען און געגעבען זיי אַ גוטע מאָס היי און האָבער. שטומערהייט האָט ער זיינע געדאַנקען איבערגעגעבען די פערד. די ״ומע מיט׳ן פעטער וועלען אוועקפאָהרען. ער וועט מיט זיי פאָהרען צו דער סטאַנציע אָפּנעהמען גיטלען. און פאָהרענדיג צוריק, בארג ארויף, וועט ער פיהרען דעם וואָגען גאַנץ לאַנגזאַם, כדי זיי זאָל נישט פאַלען צו שווער בארג ארויף; ער וועט געהן צופוס, און נאָר גיטעל וועט זיצען אויפ׳ן וואָגען. און אַלע טאָג וועלען זיי אַלע פיער אומפאָהרען שפּאַצירען. ער וועט איינגאַנצען אָפּלאָזען די לייצעס, און ער וועט שמועסען מיט גיטלען. ער וועט זיך שוין פאַרלאָזען אויף זיי, זיי ווייסען דאָך שוין אַזוי גוט אַלע וועגען אין די בערג.

און איין שעהנעם, ליכטיגען פריהמאָרגען זאָגט צו איהם די מומע, בעת זי האָט איהם דערלאַנגט פריהשטיק, אז ער זאָל נישט פאַרגעסען צו פאָהרען אויף דער סטאַנציע, צו דעם זעקס אזייגער צוג, גיטעל וועט נאָך היינט קומען.

נפתלי האָט אליין נישט געוואוסט וואָס עס שטיקט איהם אין האַלז, צי אַ געלעכטער פון איהרע נארישע רייד, צי סתם אַ פרייד. אַ געלעכטער זיך אָפּצוריידען! ער זאָל נישט פאַרגעסען צו פאָהרען צו דער סטאַנציע, גיטעל דאַרף אָנקומען. ער וועט פאַרגעסען! נו, און וואו זיינען די פערד? זיי וועלען איהם שוין דערמאָנען, אז ער זאָל אפילו יאָ פאַרגעסען. די מומע מיט׳ן פעטער ווייסען גאָר נישט, זיי האָט ער נישט געזאָגט, אָבער די פערד ווייסען דאָך יאָ פון עפּעס...

און אין דעם זעלבען טאָג, וואָס זיי זיינען אוועקגעפאָהרען, איז גיטעל געקומען. ער האָט זי שוין געקענט פון פריהער; ער זעהט זי יעדעם מאָל וואָס דער פעטער שיקט איהם וואָס איינקויפען אין ניו יאָרק. נאָר אין דעם פריהלינג פאַרנאַכט האָט זי אויסגעזעהן גאָר אנדערש ווי אַלע מאָל. אַ בלאָס מיידעל מיט רויטע, קייַלעכדיגע אוירינגלאַך, אַ שנירעל פערעל האָט זי געטראָגען ארום האַלז און ווייסע זיידענע הענטשקעס. ער האָט זיך אַזוי פאַר־

שעהמט בעת זי האָט איהם געגעבען דאָס קליינע הענטעל אין די ווייסע זיידענע הענטשקעס, און ער זיינע, א גראָבע, ברייטע האַנט. די בלוט איז איהם אַזש אין פּנים פארלאָפען, און ער האָט שנעל צוגעכאַפּט די האַנט.

און פאָהרענדיג פון דער סטאַנציע אהיים, איז טאַקע געווען אזוי ווי ער האָט די פערד אנפארטרויט: ער איז געגאַנגען צופוס, גיטעל איז געזעסען אויפ'ן וואָגען. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען. אין כעס איז ער געווען, אליין נישט וויסענדיג אויף וואָס און ועמען, זיכער נישט אויף די פערד; גיכער אויף גיטלען. וואָס זיצט זי אין ניו יאָרק? וואָס איז אזוי די מציאה מיט דאָס דאָזיגע ניו יאָרק! זי איז בלאַס, זי איז מאָגער; זי מוז נעבעך אודאי זיין נישט געזונט. און ס'האָט איהם אזוי פארדראָסען אויף איהר. ניין, ער וועט גאָר קיין רחמנות נישט האָבען אויף איהר. וואָס איז? זי קען נישט קומען אהער און ווערען פריש און געזונט? און אזוי טראַכטענדיג פארגעסט ער זיך און גיט א שמיץ די פערד מיט'ן בייטש, און ער גיט זיך א כאַפּ, וואָס שמייסט ער עפּעס די פערד? ער האָט דאָך זיי צוגעזאָגט אז באַרג־ארויף וועלען זיי ביי איהם געהן טריט ביי טריט...

אויף דער פאַרם איז מיט זיי געווען א פאַרם־יונג, א געהילף, וועלכער וואָלט פאַר נפתלי'ן געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. ער האָט צוויי מאָל אזוי פיעל ארבייט געטאָן, כדי איהם צו לאָזען פאַדין ארום גיטלען. און נפתלי האָט געהאַלטען אין איין אוועקטרייבען גיטלען פון ארום דעם אויוועז. ער וועט אליין קאָכען, זי באַדאַרף נישט טאָן קיין שווערע, גראָבע ארבייט. גלייך נאָכמיטאָג פלעגט ער שפּאַנען די פערד, דער יונג פלעגט ארומוואַשען די אַלטע קאַרעט און זיי פלעגען פאָהרען שפּאַצירען.

די וועגען זיינען! אַלע באַרג ארויף אָדער באַרג אראָפּ, מיט שטיינער און גריבער און, ווען דער וואָגען פלעגט א טרייסעל טאָן, פלעגט זי אומגערען אויף איהם ארויפפאַלען. ער האָט איהר דערצעלט אלערליי מעשיות פון די בערג, ער האָט געוואָלט אז זי זאָל עפּעס מורא קריגען און זיך צו איהם צוטוליען אויס שרעק. און

ער האָט אויסגעטראַכט אַ מעשה׳לע מיט אַ בארג־גייסט וואָס איז האַלב מענטש און האַלב־טייוועל, און פליהט אום אויף די שפּיץ בערג און בוימער אַנגעטאָן אין ווייסען. ער טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט נאָר אַמאָל, פאַרוועלט זיך איהם, אימיצען אָפּטאָן אַ שפּיצעל, באַווייזט ער זיך אויפ׳ן וועג, נאַטירליך, אין מיטען נאַכט, קומט צו צו אַ פענסטער, קלאַפּט אָן, באַווייזט זיך און אַנט־לויפט. און אַז גיטעל האָט געפרעגט פון וואַנען דער דאָזיגער בארג־גייסט האָט זיך גענומען, האָט ער שוין גאָר נישט באַדאַרפט אַ טראַכט טאָן, די פאַנטאַזיע האָט שוין געאַרבייט אין איהם, און ער האָט גלייך געענטפערט:

— פון וואַנען ער האָט זיך גענומען? ס׳איז אַמאָל געווען אַ שעהנער גרויס־שטאָדטישער יונגערמאַן, ער פלעגט זיך חנפ׳ענען מיט זיסע ווערטלעך צו אַלע שעהנע מיידלעך. ער האָט אַ סך שעהנע מיידלעך שלעכטס געטאָן און דערנאָכדעם אויסגעזאָגט, אַז זיי זיינען נישט קיין עהרליכע... און איין בת־יחידה׳לע, שעהן ווי אַ בת־מלכה און אַ כשר־קינד, ווי אַ מיידעל פון ירושלים, האָט ער פאַראומגליקט. זי האָט אַ קינד געהאַט. ער איז אַוועק און זי נאָך פאַרלוימדעט. האָט זי איהם פאַרשאָלטען, אַז ער זאָל זיך קיין מאָל קיין אָרט נישט געפינען, און עס זאָל איהם אומטרייבען און אומיאָגען, עס זאָל איהם וואַרפען און שליידערען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען און זיין נשמה זאָל מגולגל ווערען אין אַ טייוועל. און מחמת ער האָט דערנאָך שטאַרק חרטה געהאַט איז ער געבליבען האַלב מענטש און האַלב טייוועל.

און גיטעל האָט מיט שרעק אַלץ אויסגעהערט. נפתלי האָט זיך געוואונשען, אַז דאָס זאָל טאַקי אמת זיין, און דער גייסט זאָל קומען ביינאַכט, אַ קלאַפּ טאָן אין גיטעל׳ס פענסטער און זי זאָל זיך שטאַרק דערשרעקען און זי זאָל אָנהויבען שרייען: געוואַלד, נפתלי! און בעת מעשה האָט איהם גראָד דער נאָמען נפתלי שעהן געקלונגען. און ער וועט אַריינלויפען, זי אַרומכאַפּען, זי צו־באַשיצען. ער וועט איהר קיין בייז, חלילה, נישט טאָן. ער איז נישט יענער גרויס־שטאָדטישער יונגערמאַן. ער וועט זי נאָר גלעט־

טען, און בעת ער וועט עס טאָן, וועט ער זי גלעטען אזוי ווייך און ציטערדיג, מחמת זיין האַנט איז דאָך אַזאַ שווערע... און זי וועט מורא האָבען זיין אליין אין צימער, וועט ער זיך צולעגען ביי איהר אויפ'ן בעטעל, אויף דער קאָלדרע, און זי וועט ליגען אונטער'ן קאָלדרע. ער וועט בלויז זי א קוש טאָן דאָס קעפעל, דעם פיינעם אויערעל מיט'ן רויטען אוירינגעל. און ער וועט אויסטראכטען א סך, א סך שעהנע מעשה'לעך, נישט פאַר וועלכע זי זאָל שטארק מורא האָבען, נאָר זי זאָל זיך אביסעל שרעקען און זיך צוטוליען צו איהם. און ער וועט זי שוין באַשיצען פון אַלע בייזע גייסטער פון די פעלדער און וועלדער.

און נפתלי האָט אליין אַנגעהויבען גלויבען אין באַרג־גייסט, וואָס ער האָט אויסגעטראכט, און זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל קו־מען צופליהען פון יענע הויכע שפּיץ־בערג אין ווייסען, א קלאַפּ טאָן אין גיטעלע'ס פענסטער און פארשווינדען...

אין איין שעהנע פריהלינג נאכט, ווען ער האָט נישט געקענט איינגעשלאָפען, נאָכדעם ווי ער האָט שוין א פאַר נעכט נישט דערשלאָפען, דער מוח איז איהם געווען צורודערט, די פאַנטאַזיע האָט זיך צושפּיעלט, איז איהם איינגעפאַלען, ער קען דאָך אויף איין רגע'לע אליין ווערען דער פארשאָלטענער באַרג־גייסט. ער וועט זיין ביידע, אי נפתלי, דער וואָס וועט זי באַשיצען, אי יענער בייזער יונגערמאַן... ער וועט נעהמען א ווייסען ליילאך, אויסשניידען לעכער פאַר די אויגען, די נאָז און מויל, זיך איינוויקלען, און א קלאַפּ טאָן אין גיטעל'ס פענסטער, און גלייך שטהן גרייט ארויפצו־לויפען די טרעפּ צו איהר אין קאַמערעל.

ער איז אויפגעשטאַנען ווי אין א חלום, אַלץ אזוי געטאָן ווי אונטער א היפּנאָז. שטיל האָט איהם א געפיהל פון אָבערגלויבען געפייניגט, אז ער וועט אליין ווערען א פאַרשאָלטענער באַרג־גייסט, ער האָט אָבער שוין געמוזט אזוי טאָן... ער איז ארויפגעקלעטערט אויפ'ן גאַניק־דעכעל און אָנגעקלאַפּט אין גיטעל'ס פענסטער, און אזוי ווי אבליץ זיך באַוויזען פול קעגען פענסטער. באַלד האָט ער דערהערט איהרע קולות :

— נפתלי! נפתלי, דער בארג־גייסט! געוואלד, געוואלד, דער בארג־גייסט!

מיט אן איבערנאטירליכען אימפעט איז ער אראפגעשפרונגען פון דעם דעכעל, באהאלטען די ליילאך און אריין אין איהר צימער, האלב אן אנגעטאנענער. ער האט זי געטראפען אין ווייסען נאכט־העמד, שטעהענדיג איינגעקלעפט אין א ווינקעל צימער, מיט די הענט פארשטעלט דעם פנים, זי זאל דעם דרויסען נישט אנקוקען. זי איז איהם פאר שרעק אויפ'ן האלז געפאלען. איהר גאנצער קערפער האט זיך געוואָרפען פון שרעק. ער איז אליין אויך געוועזען שטארק דערשראקען. ער האט געגלויבט, אז ער איז טאקי געוועזען דער בארג־גייסט אין יענער רגע.

— נו, שרעק זיך נישט, גיטעל, ער וועט שוין מעהר נישט קומען... איך וויים עס זיכער...

— געהט נישט אוועק, נפתלי, איך האב מורא — האט גיטעל מיט טרעהרען געזאגט — ס'איז רעכט אויף איהם, א שעהנע כפרה אויף איהם, האט ער אזוי פיעל שלעכטס קיין מיידלעך נישט געזאלט אנטאן! אבער איך האב זיך אזוי דערשראקען. געהט נישט אוועק!

ער האט זי צוגעפיהרט צום בעט, זי גוט איינגעדעקט מיט דער קאלדרע און אליין זיך געזעצט. זי האט איהם צוגעשלעפט נעהענטער צו זיך, איינגענורעט איהר קאלטען געזיכט אין זיין ווארימען האלז און זיך וואס א מינוט נעהענטער געטוליעט. ער איז גע־זעסען ווי באנומען, קאלט, זי אפילו א גלעט נישט געטאן. איהם איז עפעס ליכטיג און קלאהר געווארען אין מוח, אז דאס גליק און פרייד האט ער זיך איינגעקויפט דורך אן אויסגעטראכטע מעשה, נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, דורך א ליגען. ווען זי וואלט עס געוואהר ווערען!... און אין דער רגע איז ער געוועזען גרייט איהר אלץ צו דערצעהלען, אז אזא יונגערמאן האט גאר קיין מאל נישט געלעבט און אז א בארג־גייסט איז גאר דא נישטא, נאר מחמת איהם האט אלץ געצויגען צו איהר, האט ער דאס אלץ פון קאפ אויסגע־טראכט. נאר ניין, ניט היינט נאכט. אן אנדערש מאל וועט ער

איהר דערצעהלען, ניט היינט נאכט !... זאָל זיך דאָס מיידעל טוליען און ווארימען אָן איהם.

און גיטעל האָט זיך אָנגערופען :

— אצינד האָב איך שוין פאר איהם קיין מורא נישט. ער מאָג אפילו ווידער זיך באווייזען. א שעהנע ריינע כפרה אויף איהם... האָט ער נישט געזאָלט טאָן מיידלאך קיין שלעכטס...

הערינג.

דער פיין קלינגענדער נאָמען אפרים ראפּאפּארט, וואָלט גיכער געפּאסט אן ערפּאָלגרייכען הערינג הענדלער, וואָס האָט טויזענטער און טויזענטער טונען הערינג איבערגעליפערט אין פארשיעדענע וועלט־טיילען, זיך ערוואָרבען א גרויס פארמעגען און אַן אנגעזעהענע „אָסאָבע”, איידער איהם. על פּי צופאל אָדער על פּי מזל האָט הערינג תמיד געשפּיעלט א ראָלע אין זיין לעבען, כאָטש ער האָט באמת גאָר פיינט געהאט הערינג. א חוץ וואָס ער האָט פיינט געהאט הערינג מיט זיין ריח און טעם, איז ער דעם גאנצען מין געווען א דם־שונא. נאטירליך האָט ער גאָר נישט געהאט קעגען די פישעלאך בעת זיי שווימען זיך געמיטליך ארום די סקאנדינאווישע ברעגען און לייגען איקרע פאר נייע דורות. אין אמת׳ן זיינען דאָך די הערינג פישלאך שעהן, מיט די פיין געוועבטע עקעלאך, שלאנקע קעפּעלאך און די הויט מיט שעהנע זילבערנע שופּען באפּוצט. גיכער איז זיין האַס געקומען צו די אומשולדיגע הערינג דערפאר, וואָס נאָך זייענדיג א איינגעל האָט זיין טאטע איהם אוועקגעריסען פון דאָרף, פון די זוניגע, זידליכע לאנדשאפטען, און איהם געשיקט אין דער ליטא אין די ישיבות, וואו ער האָט געגעסען טעג, און די ליטווישע ווייבער האָבען איהם געשפּייזט מיט הערינג.

אין פריזיור־עלטער איז ער געקומען קיין אמעריקא. און דאָ אין ניו יאָרק, אלס גרינער, ווען ער פלעגט אריין אין א רעסטאָראַן אָפּעסען, איז נישט פארשטעהענדיג די נעמען פון די מאכלים, פלעגט ער פארשעהמטערהייט א זאָג טאָן צום „וועיטער”: הערינג. און ס׳איז טאקי א וואָלוועלער מאכל, סיידען מ׳קאָכט זיי אין עסיג און האָניג אָדער מען פרעגעלט זיי אין פּוטער.

מיט יאָהרען פון מיה און מאַטערניס האָט ער זיך אויסגע־נרינגט. אַליין געגעבען לעקציעס אין ענגליש, און אַ דאַנק דעם צו־וואוקס פון די אידישע צייטונגען און זשורנאַלען, האָט ער פון צייט צו צייט פאַרדיענט פאַר אַן ארטיקעל אָנשרייבען, אמאָל אַ רעדע געהאַלטען אין אַ פאַראיין, און זיין לעבען זיך דורכגעשלאָגען.

און ווי פיינט ער האָט געהאַט הערינג אַזוי האָט ער ליעב געהאַט ביכער... און אפרים ראַפּאַפּאָרט איז נישט געווען קיין גרויסער, רייכער הערינג הענדלער, נור אַן אָרעמער ביכער ליעב־האָבער.

זיין אויסזעהן האָט איהם שוין בעסער געפּאַסט: אַ שמאָלער, דאַרער יונגערמאַנטשיק, אין אָנהויב פון די דרייסיגער; דער ברוסט־קאַסטען הויל און איינגעפאַלען און קוים דערגרייכט מיטעלען וואוקס. די האָר האָבען נאָר קיין איינזעהן מיט איהם נישט גע־האַט: אַ טייל האָבען זיך געגרויט, און אַ טייל זיינען אַרויסגע־פאַלען. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ פּאָר ליכטיגע, פינקעל־דיגע אויגען ווי פון אַ שוואַרצען בורשטין און ווייסע, גלייכע צייהן ווי צוויי רייהען פּערעל.

און אפרים ראַפּאַפּאָרט האָט זיך איינגעשאַפט אַ ביבליאָטעק פון אַ וואָסערע פופצעהן הונדערט ביז צוויי טויזענד ביכער, אין אי־דיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש און ענגליש. און יעדעס ביכעל האָט ער געקענט און ליעב געהאַט. אין זיין ביבליאָטעק איז ער געווען ווי אַ סולטאַן אין זיין האַרעם. יעדעס אַלט ביכעל האָט איהם זיסע זכרונות געבראַכט, און יעדעס ניי ביכעל האָט איהם פרייד פאַרשפּראָכען.

זיין ליעבשאַפט צו ביכער איז דערגאַנגען כמעט ביז שגעון. ער פלעגט קענען אָפּזיצען טעג אין זיין צימער און באַטראַכטען די פאַרשיעדענע ביכער, זיי בלעטערען. ער האָט אויסגעמיעדען אפילו די אומשולדיגסטע באַקאַנטשאַפט מיט מיידלעך, נאָר אויס מורא טאָמער וועט מען ביי איהם קומען לייהען ביכער.

אַז ער האָט באַגעגענט דזשעני'ן, אַ הויכע, געזונטע מיידעל מיט געדיכטע געגער־האָר און זומער שפּרינקלאַך אויפ'ן נאָז און

ארום די אויגען, אָבער מיט גרויסע, בלויע אויגען און א פיינעם מויל, האָט ער זיך מיט איהר באקאנט נאָר דערפאר ווייל זי האָט נישט געלייענט קיין ביכער.

באגעגענט דזשעני׳ן האָט ער אויף די בערג, צווישען אנדערע מיידלאך וואָס האָבען יאָ געלייענט ביכלאך.

דזשעני איז געבאָרען געוואָרען אין עסעקס סטריט. דאָרט זיך אויסגעהאָדעוועט און געגאנגען אין סקול. לעצטענס געוואוינט מיט איהרע עלטערען אין די בראָנקס; גערעדט גאנץ גוט אידיש, און דעם ערשטען מאָל געווען אין די בערג... אזוי פיעל אומגעפעהר איז דאָ צו דערצעהלען וועגען דזשעני׳ן. איהר טרוים איז געווען א פרייז־פייטער, אָבער אפרים איז איהר אויך געפעלען געוואָרען.

און אפרים ראפאפארט האָט וועגען דזשעני׳ן פאָעטעזירט:

„אזוי פרימיטיוו!... אזוי געזונד פראָסט. נישט קיין צו־בראָכענע נשמה ווי די דאָ, וואָס ליגען אין העמאק און לייענען ביכלאך... א גאנצע נאטור. א זעלטענהייט אין היינטיגע דורות. ער וועט זי שוין אויסבילדען אויף זיין שטייגער. ער וועט זי פארפיינערען, זי וועט ווערען ראפינירט און דאָך אין דער נשמה בלייבען פרימיטיוו״... אזוי האָט ער ביי זיך אָפּגעמאכט.

דזשעני האָט פון קיין אנדערע ארטען באקאנטשאפטען מיט א בחור ווי צוליעב א שידוך נישט פארשטאנען. דעריבער, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק, האָט זי איהם איינגעלאדען צו טאטע־מאַמען אין שטוב. זיי האָבען איהם שטארק אָפּגעשטויסען מיט זייער פראָסטקייט און א סך הערינג עסען... איהם האָט זיך געדאכט, אז אלץ אין הויז איז דורכגענומען פונ׳ם ליאק פון הערינג... און ער האָט געקלעהרט פון אָפּטראָגען זיך... אין שטוב איז ער שוין אָבער געווען דזשעני׳ס חתן. ער האָט גאָר נישט באַ־גריפען ווי אזוי דאָס איז געוואָרען... און ס׳איז שוין געווען שווער צו כאפען צוריק. און ווען די יום־טובים זיינען אָנגעקומען, האָט ער אנשטאָט זיך קויפען נייע בגדים געמוזט קויפען דזשעני׳ן א פינגערל. אמת, ער האָט אפילו צוריקגעקראָגען פון צוקונפטיגען שווער א זייגער מיט א קייטעל אין צוויי מאָל דעם ווערט פונ׳ם

פינגער׳ל... קורץ נאָך דעם איז געוועזן די חתונה און זיי האָבען זיך אריינגעקליבען צו טאַטע־מאַמען. די שווינגער האָט געהאַקט הערינג, געפּרעגעלט הערינג, מאַראַנירט הערינג, און אז ער איז אַרויס אין גאַס אויסגעקליידט ווי אַ טעקעלע, האָט ער געלבט אין שרעק, טאָמער שפּירט זיך פון איהם אַ ריח פון הערינג און שוועהר און שווינגער...

קיין פּאָך האָט אפרים ראפּאפּאָרט נישט געקענט, און טאַטע־מאַמע איז גיך מיאוס געוואָרען צו געבען אפילו ברויט מיט הערינג... דערצו האָט די שווינגער מורא געקראָגען צו זיין אין איין שטוב מיט אזוי פיעל ביכער וואָס זיינען נישט קיין ספרים... אָבער דזשעני האָט געהאַלטען מיט איהם: „ער איז אַן איידעלער, אַ געבילדעטער, ער קען קיין „פּראָסטער ארבייטער" נישט זיין". און זי האָט גענומען פּלאַנען צו טאָן וואָס אליין.

אין אַ פּאָר חדשים נאָכדעם ווי דזשעני האָט געהאַט דאָס קינד, האָט זי אויסגעלערענט אפרים׳ען ווי ארומצוגעהן מיט די „באַטעל־פּידינג" און אליין אָנגעהויבען פאָהרען יעדען טאָג דאַון־טאַון, איהם גאָר נישט זאָגענדיג. דזשעני האָט געהאַט אַ חבר׳טע, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכען הערינג־הענדלער, און צו איהר האָט זי זיך געווענדעט נאָך הילף. זי האָט געדונגען אַ קלייטעל אויף עסעקס סטריט, וואו מ׳האָט זי געקענט, דער חברה׳טעס מאַן האָט נעגעבען אויף באָרג עטליכע טונען הערינג און דזשעני האָט געעפענט אַ הערינג „סטאָרקע". די פּאָר צימערען הינטער׳ן סטאָר זיינען געוועזן פינסטערע, די פענסטער מיט אייזערנע שטאַבעטען און דער פּאָל אַ צובראָכענער. איהם האָט זי גאָרנישט געזאָגט ביז אלץ איז אריבער, און זיי האָבען זיך אריינגעקליבען הינטער דער הערינג „סטאָרקע".

אפרים איז שיער נישט געפאַלען פון אפּאָפּלעקציע, אָבער פאַר־פאַלען, קיין אויסוועג. אַ קינד אין וויעגעל...

— און וואו וועל איך אהינטאָן די ביכער!... — האָט ער מיט כאַס און הארצוועהטאָג געקריצט מיט די צייהן.

— די ביכער? איך וויים?... פאַרפּאַק זיי אין קאַסטענס,

וועסטו זיי קענען האַלטען אין קעלער. אָן עסק האָב איך איצטער מיט ביכער!...

אפרים ראַפּאַפּאָרט האָט זיך געפּיהלט ווי צונעהמען דעם קאָפּ און צווזעצען אָן דער וואַנט....

— אַ פאַרהייראַטער מאַן און אַ טאַטע פון אַ קינד, זאָל זיך אַזוי נאַריש מאַכען. ביכער! האָסט שוין געמעגט האָבען מעהר שכל, אויף מיין וואָרט — האָט דזשעני געזאָגט גאַנץ ערנסט און אָהן כעס.

אפרים ראַפּאַפּאָרט האָט געשוויגען מיט אַ שווייגען וואָס האָט געמיינט: מיט וועמען זאָל איך דאָ ריידען...

דזשעני האָט אָבער נישט געוואָלט זיין ברוגז, דערפאַר האָט זי ווידער געזאָגט:

— ביי לייטען, אַז מ'ארבייט זיך ארויף, ס'איז דאָ פון וואַנען צו לעבען, לייענט מען ביכער.

דאָך האָט ער אויסגעפיהרט. פון די צוויי צימערען האָט ער איינעם פאַרנומען מיט ביכער און זיין שרייב־טישעל, און דאָס אַנדערע צימער, האָט געדיענט אַלס שלאָף־צימער, עס־צימער און קיך.

צום פאַרקויפען די הערינג האָט דזשעני איהם נאָר נישט צו־געלאָזען. זי האָט זיך אויף איהם נישט געקאָנט פאַרלאָזען, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ „געבילדעטער" וועט ער פיהרען די הערינג־בוכהאַלטעריע.

און זיין אומגליק איז געווען פאַר פול. קיין צייט אויף קאָכען האָט דזשעני נישט געהאַט, איז מען כסדר אָפּגעקומען מיט הערינג...

אַ קאָמפּלימענט איז געקומען דזשעני'ן, זי איז געווען שטאַר־קער פון אפרים ראַפּאַפּאָרט. ער האָט זי נישט געקאָנט פאַר־פיינערען. זי, האָט איהם אָבער געקאָנט פאַרגרעבערען. ער האָט זי צו זיך נישט אויפגעהויבען, האָט זי איהם דערפאַר אַראָפּ־געשלעפּט צו זיך.

נאָך אַ קינד איז געקומען אין הערינג קלייטעל. דאָס הערינג־

געשעפטעל איז געגאַנגען גוט, אָבער דאָס לעבן איז געווען דאָס איינענע. פאַר דזשעני'ן איז דאָס געווען גוט... אָט וועט מען נעהמען די דירה „אַפּסטעירס”, זאָל שוין נאָר יענע זיך ארויס־קלייבען... דערוויילּ האָט זי אָנגעהויבען זיך איינשאַפען איין שטיק „געשליפען גלאָז” נאָך דעם אנדערען, געקויפט טול אויף מאַכען גאַרדינען און געטרוימט פון אַ שעהנעם פּאַרלאָר...

ביסלעכוויין און ביסלעכוויין, אונטער דעם שטענדיגען ריח פון הערינג און פאַרשיעדענע געטריקענטע און געזאַלצענע פישען, איז ער אָראָפּגעזונקען צו דזשעני'ן. ער האָט זיך מעהר נישט נאַריש געמאַכט מיט שרייבען. ער האָט פאַרלאָרען מוט און האָפנונג אויף אַלץ מיט אַן אנדער, אַז ער וועט ווען עס איז קענען זיך ארויסרייסען פון זיין הערינג־גיהנום.

אויפגעגכאַפּט האָט ער זיך פון זיין פאַרטומלונג, בעת איהם האָט זיך געגומען אויסדרוכטען אַז עס פעהלען איהם ביכער... זי־כער, אָבער, איז ער נישט געווען; דער קאַטאַלאָג איז שוין לאַנג פאַרפאַלען געוואָרען.

און איינמאָל אריינקומענדיג אין קלייטעל, האָט ער דערזעהן זיינס אַ גרויס בוך מיט געגילדעטע ברעגען אויף פיינעם הארטען פּאַפּיער. געטיטעלט: „די שעהנע ליטעראַטור אין דער עלי־זאַבעטישער עפּאָכע אין ענגלאַנד”. עס איז געלעגען מיט אויס־געריסענע בלעטער און באַקלעפּט מיט הערינג שופען. אַן אויס־דרוק פון משוגעת האָט זיך איהם באַוויזען אין די אויגען. ער איז אריין אין צימער, געכאַפּט אַ שטיק אייזען און גענומען קלאַ־פּען איבער אַ געשליפען גלאָז וואָס האָט געפינקעלט ווי דימענטען, ביז עס איז צובראָכען געוואָרען אויף פּיצ־פּיצלאַך.

די קינדער האָבען זיך דערשראָקען, אָנגעהויבען שרייען, און דזשעני האָט זיי אַרומגעכאַפּט ווי פון אַ געפאַהר צו פאַרהיטען. דזשעני האָט זיך דאָס ערשטע מאָל צואווינט אויף איהר ביטערען מזל. זי אַרבייט אַזוי שווער! „טרייעט” אַזוי פיעל פאַר איהם, פאַרוואָס קומט דאָס איהר?

— דאָס איז פאַר רייסען מיינע ביכער און וויקלען אין זיי

דיינע פאסקודנע הערינג!„, — האט ער קוים געקראַגען אַטעם ארויסצוריידען, זיך וועהרענדיג קעגען אַן אַנפאַל פון הארצקלאַ־פונג.

— וואס איז אזוינס? — האט דזשעני געוויינט — ס'האט מיר אויסגעפעהלט צייטונגען. יעדע אידענע אז זי קויפט א הערינג, וויל איך זאָל איהר דאַס איינוויקלען אין א וועלט מיט פאַפּיער, קיינער זאָל חלילה נישט זעהן אז זי טראַגט מיט זיך א הערינג. וואו זאָל איך נעהמען אזוי פיעל פאַפּיער? דו ביזט נישט געווען, די קינדער האַב איך נישט געקאָנט לאָזען אליין, איז מיר איינגעפאַלען נעהמען דיינס א בוך: ס'איז א גוטער פאַפּיער, ס'טריפט נישט דורך דער ליאַק, און איין בלאַט איז גע־נוג פאר א גאַנצען הערינג. וואָס איז אזוינס? קנאַפּ ביכער האָסטו! אזא טייערער פרוכט־טעלער! מיט בלוט און שוויים האַב איך דערפאַר געארבייט, צו קאָנען "אויפפיקסען" א הויז מיט לייטען גלייך!

אַבער דזשעני, זעהענדיג ווי בלאַס און אומגליקליך אפרים האט אויסגעזעהן, מיט וועלכע אויגען ער האט געקוקט אויף דאַס „ערמאַרדעטע" בוך, האט זיך געפיהלט זעהר שולדיג געגען איהר מאַן.

און אפרים ראַפּאַפּאַרט האט מיט א מאָל דערפיהלט, שאַרף ווי מיט א שניט פון א חלף, זיין עלענדקייט. די פרוי וואס פאַר־קויפט הערינג איז נישט זיינע... די קינדערלאַך וואָס וואַלגערען זיך ארום צווישען די טונען הערינג זיינען פרעמדע. ער אַבער איז זייערער... א געפאַנגענער אין א הערינג־קלייטעל. ער, דער ליעבהאָבער פון ביכער...

אַ קאָוונער איד.

ר׳ אבא איז געווען אַ איד נאָהענט צו די זיעבעציגער. הויך און שמאָל, מיט אַ ווייסען זיידענעם קאָפּ און אַ ווייסע לענגליכע באָרד. תמיד אָנגעטאָן אין אַ שווארצער לאנגער טוך־קאַפּאָטע האָט איהם דאָס געשאַפּען אַן אויסזעהן פון אַ פּארצייטיגען ווענעציאַ־נער קויפמאַן, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט רייכע בראָקאַדען, איי־דעלשטיינער און זיידענס, מיט די אדעליגע. זיין ווייב חיענע — אַ נידריגע פולע אידענע באַהאַנגען מיט אלטמאָדישע צירונג. די צירונג האָט חיענע געטראָגען צו ווייזען לייטען אז זי איז אַ בעל־הבית׳טע פון דער היים און ניט אבי וואָס פאַר אַ אויפגעקומענע גביר׳נטע.

דאָס הויז זייערס איז אויך פארבליבען אויף דעם אלטמאָדישען ליטווישען שטייגער. אין זאַל די זילבערוואַרג: בעכערס, אַ הדס׳ל, די זילבערנע צוגערפּושקע; אין קיך אויף דער פּאָליצע: בלאַנקע מעשענע לייכטער, די שטויסעל, דער טאָץ און קופּערנע פאַנען; אויפ׳ן קאַמאָד אויבענ־אָן איז געשטאַנען אַ קליין בית־המקדש׳ל פאַלירט און מיט פּערעלמוטערנע פענסטערלאַך, אויף די ווענט — בילדער־ראַהמען מיט אויסגעקריצטע מנורות.

אויף די דאָזיגע זאַכען, איז די אלטע חיענע תמיד שטאָלץ געווען און אָפּגעהיט אַז קיין שטויבעלע זאָל אויף זיי ניט פאַלען. און איז נאָר ווער אריין און דאָס אָנגעקוקט, האָט חיענע גלייך געזאָגט:

— דאָס האָט דער אלטער, זאָל לעבען, אליין געמאַכט. גאָל־

דענע הענט האָט ער, זאָלען זיי איהם דיענען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

ביידע האָבען זיי געלעבט שטיל און רוהיג, אָהן דאגות, ביי די קינדער אויף קעסט. די קינדער, אַלע אויסגעגעבענע, האָבען געהאַט גרויסע געשעפטען אויף בראָדוויי און געוואוינט אין פאַר־שיידענע רייכע טיילען פון שטאָט. זיי האָבען געוואָלט טאַטע־מאַמען אויך אַהין נעהמען, האָט אָבער דער אַלטער אבא גע'־טענה'ט: וואָס טויג איהם די ברייטע, ליידיגע בולוואַרען? וואָס דאַרף ער די בוימער מיט די פּאַנאַרען? זיין שוהל, די אידען דאַרף ער, און טאַקע אויף העגרי סטריט, וואו ער האָט גע־וואוינט די לעצטע צוואַנציג יאָהר.

צייט עטליכע יאָהר האָט ר'אבא גאָר ניט געטאָן, האָט ער מיט לייב און לעבען זיך אריינגעטאָן אין שוהל און שוהל ענינים. מ'האָט איהם אָפּגעגעבען כבוד און געמאַכט פאַר „פּרעזידענט". און הגם ר' אבא איז געווען אַ שטיקעל למדן איז ער דאָך געווען ביי זיך פּשוט, געוואוסט, אַז אַ שוהל דאַרף זיין אַ מקום קדוש, וואו אידען דאַרפען קומען דאַווגען. האָט ער אָבער דערזעהן, אַז אין שוהל געהט אָן „פּאָליטיקע", צו הארב פאַר איהם איינצור־בייסען; געזעהן, אַז די שוהל איז אַן אָרט פאַר „ביזנעס" און כבוד־זוכענים, האָט ער געוואָרפען אַן אומ'חן אויף דער שוהל מיט די בעלי־בתים און בלויז געקומען אָפּדאַווגען.

ר אבא'ן איז מיט אַמאָל קלאָהר געוואָרען, אַז ער געהערט ניט מעהר דאָ... און ער האָט צו זיך אַליין גע'טענה'ט: פּאַרטיג געוואָרען מיט געשעפט, ר' איד לעבען, פאָהרט קיין ארץ־ישראל!... אָבער טאַקי נאָר מיט זיך גע'טענה'ט, וואָרים פון זיין אַלטער חיענען האָט ער דאָס געהאַלטען בסוד. און ניט זייענדיג געוועהנט צו האָבען סודות פון איהר, האָט ער זיך דערמיט גע־שטיקט און געוואָרגען.

ר' אבא האָט אָנגעהויבען ארומגעהן ווי אויף אַ פרעמדער וועלט, פאַרטראַכט, פאַרקלעהרט און אַ שווייגענדיגער.

חיענע האָט דאָס גלייך דערזעהן, געזעהן דעם אומעט פון

אונטער זיינע ווייסע ברעמען און דעם פארביסענעם שווייגען פון דער באָרד ארויס...

אין א פרייטאָג צו נאכט, ווען ר׳ אבא איז אריינגעקומען פון שוהל מיט׳ן „גוט שבת", האָט חיענע שוין נאָך דעם ניגון פונ׳ם „גוט שבת" דערקענט, אז ער איז עפּעס צוטראָגן. ער האָט גע־מאכט קידוש, נאָר עסען האָט ער ניט געקאָנט. געזעסען ביים שבת־טיש נאָר יוצא־שבת צו זיין.

— עפּעס ניט מיט אַלעמען, אבא ? — האָט חיענע איהם אָנגעקוקט.

— עט, ס׳דוכט זיך דיר — האָט ר׳ אבא אָנגעהויבען עסען די שבת׳דיגע פיש.

— מאָל דיר, אז ס׳דוכט זיך מיר ניט. וואָס, איך האָב חלילה ניט קיין אויגען אין קאָפּ ? איך זעה, איך זעה, אז דו עסט ניט, טרינקסט ניט און שלאָפסט ניט גאנצענע נעכט. ס׳הארץ, דאָס הארץ טוט דיר וועה... אלץ, אלץ קומט פונ׳ם הארצען...

— שוין צו לאנג אין אמעריקא, חיענע, און ס׳בענקט זיך גרייליך... ס׳הארץ בענקט זיך מיר אוים.

— יאָ — האָט חיענע זיך אָפּגעזיפצט, רעכענענדיג אז איהם בענקט זיך נאָך קאָוונע.

— אָבער פארשטעהסט, חיענע׳לע, א אידענע זאָל לעבען, איז נאָר אָן אנדער מענש. א אידענע לעבט דריי מאָל אויף דער וועלט: אין די יונגע יאָהרען — איהר אייגען לעבען, דער־נאָך — מיט די קינדער, און אויף דער עלטער פון דאָס ניי מיט די אייניקלאך.

די אלטע חיענע האָט איהם אָנגעקוקט מיט אויגען, וואָס האָבען אין שרעק געפרעגט: אָבער וואָס איז מיט דיר געוואָרען ?

— אז א מענש זעהט זיך ארום צו זיבעציג יאָהר, אז ער האָט אָפּגעלעבט א לעבען ניט נאָכ׳ן שכל און ניט נאָך זיין גוסט, און פארריכטען קאָן מען שוין דאָס ניט, איז שלעכט ! און אויב דו מיינסט, אז די אלע יאָהרען בין איך געווען צופריעדען, האָסטו א טעות. ס׳איז געווען די קינדער... דעם שטעלען אויף די פים,

יענעם אויסגעבען, און אזוי האָט מען אָפּגעשטופּט דאָס ביסעל יאָהרען, ווי א בעל־עגלה זיין פערדעל....

חיענע האָט אָבער דערפיהלט, אז ניט דאָס איז ער אויסען צו זאָגען. זי האָט איהם געוואָלט העלפען און ניט געוואוסט ווי אזוי, האָט זי געשוויגען, געהערט און געזיפצט..

— איבערהויפּט האָב איך הארצוועהטאָג פון שוהל — האָט ער ווייטער גערעדט — אידען זאָלען זיך ארומרייסען אין א שוהל ווי להבדיל, גוים אין א שענק. פּאָליטיקע און פּאָליטיקע! דער בורא, די תורה איז געוואָרען א סחורה. מ׳טוט מצות, מ׳גיט נדבות אויף פּראָצענט! גאָט וועט דערפאַר אָפּגעבען כפל־כפלים.

— גאָט האָט באשאפען אזא וועלט... אזא וועלט! געגעבען א תורה! טראַכסט זיך ווען אריין, חיענע׳לע? באשאפען א וועלט און געגעבען א תורה!

— יאָ, גאָט׳ס וואונדער איז אזוי גרויס — האָט חיענע ווידער זיך אָפּגעזיפצט.

— באשאפען אזא וועלט!... — איז ר׳ אבא זיך פארגאַנגען אין התפּעלות — אָט נעהם די ערשטע ווערטער פון חומש:

— בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ והארץ היתה תהו ובהו — פאר׳ן עולם מיינט עס: גאָט האָט באשאפען הימעל און ערד. אָבער איך חיענע׳לע, איך זעה עס ממש פאר די אויגען:

ס׳איז געווען א תהו ובהו, א פינסטערניש, דאָס הייסט: הימעל, ערד און וואסער זיינען געווען אויסגעמישט, נעהמט גאָט און לאָזט אריין דאָס וואסער אין ימים און טייכען, שפּרייט אויס איבער׳ן קאָפּ א בלויען הימעל און טוט אריין מיליאָנען שטערען מיט א לבנה; באשאפט הויכע בערג, שפּרייט אויס פעלדער און וועלדער מיט אלערליי געוויקסען און קרייטיכער. און דערנאָך גיט ער א זאָג: יהי אור! און ס׳צינדט זיך אָן׳עט א פלאַמענ־דיגע זון, וואָס באלייכט און וואַרימט די גאַנצע וועלט!

— דו הערסט, חיענע? אבי איך האָב געמיינט אז דו ביזט אנטשלאָפען געוואָרען. דו הערסט, מ׳זאָגט, אז אין ארץ־ישראל

לייכט נאָך דער הימעל אַזוי קלאָהר, אַזוי ליכטיג, ווי בעת גאָט האָט איהם באַשאַפען.. נאָר גאָר ניט, ניט אַ יעדער איז זוכה צו קומען אַהין — האָט ר' אבא געענדיגט, אָנקוקענדיג זיין אַלטע חיענען מיט אַ געבעטע אויפ'ן פנים, ווי אַ קינד וואָס דאַרף עפּעס פּועל'ן ביי דער מאַמען.

חיענע האָט גענומען פּלוצים זיך אָנשטויסען וואָס דער אַל־טער איז דאָ אויסען.

— אַי, חיענע'לע, וואָלט איך געוואָלט אַהין קומען!... וואָלט איך... ס'הייסט, אויב דו וואָלסט נאָר וועלען...

— וואָ'דען, איך וואָלט דיך געלאָזען אַליין פאָהרען אויף דער עלטער?

— און די קינדער?

— זיי דאַרפען מיך ניט מעהר...

ר' אבא איז פאַר גרויס שמחה אויפגעשפּרונגען פון טיש, געכאַפּט חיענען זיך דרעהען אַ האָפּקע מיט איהר און אויסגע־שריען זי קושענדיג:

— אידען! האָב איך אַ אידענע, אַ אשה צנועה! זאָל זי מיר לעבען, און מיר זאָלען ביידע לעבען אין ארץ־ישראל!

חיענע האָט זיך פאַרשעהמט פאַר'ן קוש און קייכענדיג אין זיך געשטאַמעלט:

— געה, ניט שעהן זיך נאַריש מאַכען אויף דער עלטער!

—וואָס מיר אַלט, ווער מיר אַלט? איך בין אַ יונגער־מאַנטשיק פון זיעבעציג!...

— חיענע'לע — האָט ער זי געשטורכעט ליעבליקאין זייט — רעד איבער מיט די קינדער, דו ווייסט שוין ווי אַזוי מיט זיי צו רעדען. און זעה צו פּועל'ן...

— מ'ט זעהן תיכף נאָך שבת, אַ'מ'ט לעבען, וועל איך מאַכען אַ רעד מיט די קינדער..

און ר' אבא האָט אַ צופריעדענער זיך געזעצט פאַר די שבת־ליכט לייענען דעם בלאַט מיט די נייעס פאַר דער אַלטער חיענען.

די ברוגז׳ע.

אז מען האָט יאָסלען, פּסח דעם בעל־ענלה׳ס זוהן, גערעדט מיט דער ריטעווער מיידעל, האָט ער גאָרניט געפונען וואָס אויס־צוזעצען קעגען שדוך. די משפּחה א פיינע, גדן איז דאָ און די כלה א געראָטענע. איהר געראָטענקייט האָט ער ארויסגעזעהן שוין ביים ערשטען מאָל זי אָנקוקען. אוואו זיין אויג איז נאָר גע־פאַלען, איז געווען מיידעלשע האנד־ארבייט: גענעהט, געהע־קעלט און געהעפּט. אויסגענעהטע ווינשעוואנעס מיט גאָלדענע שטערען און א גאָלדען שליסעל צום הימעל, א כותל־מערבי אין א ציגעל־פּארב בלוצק און א פּאָר לייבען, ביטערע יונגען! זיינען געהאנגען איינגעראהמטע אויף די ווענט.

דער מאַמע׳ס אויגען האָבען אומעטום מיטגעקוקט און מיט דעם זיסען שמייכעל פון אן אלטער אידענע געזאָגט:

— דאָס האָט אלץ, מיין שרה ניטעל זאָל לעבען, מיט איהרע אייגענע הענט געמאַכט!

און פון דעסטוועגען, אז יאָסעל איז געקומען אהיים, פון אָנקוקען דער כלה, האָט ער זיך געקווינקעלט: ער וויל ניט דעם שדוך.

— פארוואָס? ! — האָבען דער טאטע און יאָקעל שדכן איהם אָנגעקוקט מיט וועלפישע אויגען.

— ביי דער כלה בליהען נישט די באקען — האָט יאָסעל זיך נע׳ברוגז׳ט — ביי א מיידעל דארפען בליהען די בעקעלאך, אניט טויג ניט... נעהמט דער שווערערן חנה — האָט שוין געהאט

צוויי קינדער, דער מאַן איז פאַררייזט קיין אַמעריקאַ, פון דעסט־וועגן בליהען נאָך ביי איהר די באַקען, ווי צוויי קעפּלאַך מאָהן.

האָבען זיי אויף איהם אָנגעשריען, למאי ער קוקט נאָר אויף דער שווענגערען. ווייס ער דען ניט, אז מ'טאָר דאָס ניט?...

האָט זיך יאָסעל פאַרשעהמט. טאַקי צו וואָס האָט ער גאָר געדאַרפט דערמאָנען חנה'ן...

אָבער, אז יאָקעל שרכן האָט איהם מיט זיין פייערדינגען פיסק פאַרזיכערט, אז ביי דער כלה בליהען די באַקען ווי עס דאַרף צו זיין, און אז נאָך דער חתונה וועלען זיך ערשט ביי איהר די באַקען צובליהען, מחמת פאַר דער חתונה האָט א מיידעל צער, האָט יאָסעל צוגעשטימט צום שדוך.

— וואָס זאָגט איהר ניט צו היינטיגע יונגאַטשעס, ר' פּסח? מיר אין זייערע יאָהרען האָבען אפשר אויך געהאַט די העזה צי קוקען, צי ביי די מיידלאַך בליהען די באַקען, צי ניט? ! מיר האָבען גענומען וואָס מ'האָט אונז נעגעבען און הלואי אויף וויי־טער — האָט יאָקעל שרכן זיך געווענדט צום אַלטען בעל־עגלה. פאַר זיך, האָט ער זיך אָבער געריבען די הענט צופריעדען: אויס־געפיהרט דעם שדוך! דער שדוך איז ווי ביי מיר אין קעשענע...

יאָסעל האָט זיך אפילו נעקאָנט פאַרגינען, אז ביי זיין כלה זאָלען די באַקען יאָ בליהען... אליין א כוואַטסקער יונג, איבער־הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר אָרום, אז דער טאַטע וועט שטאַר־בען, בלייבט ער ביי צוויי אייגענע פערד און א האַלבע שטוב. נאָר נאָר ניט, נדן איז דאָ, שרה גיטעל איז א געראָטענע, טאָ זאָל זיין שרה גיטעל...

די חתונה איז געווען א שעהנע, א לייטישע. נאָכ'ן רומ־פעל זיינען זיך צופאָהרען די מחותנים פון חתן'ס צד און דער יונגער באַלעבעסיל איז פאַרבליבען ביז נאָך די שבע־ברכות.

אריינפיהרענדיג דאָס ווייבעל אין שטעדטעל אריין, מיט דער נאַנצער גאַרדאַראָבע אויף זיין וואָגען מיט זיינע צוויי פערד, איז יאָסעל געווען א גליקליכער. ער האָט זיך ממש נעפּרעגעלט אין

נחת.. ער איז נאָר געווען אין כעס אויף זיך: למאי איהם האָט זיך גאָר געקאָנט אויסדוכטען, אז ביי שרה גיטלען בליהען ניט די באקען. דאכט זיך, באקען, ווי צוויי רויטע עפעל! נאָך אפשר שעהנערע ווי ביי זיין שווענגערען חנה'ן... מעהר ניט, זי חנה, האָט א טבע זיך צו חן'דלען, מיט די אויגען, מיט'ן שמייכעל, און ציהט ביי יעדען איינעם ארויס די עצמות... אָט ווערט זי רויט, אָט בלאַס, און בעת זי זאָגט וואָס, קאָן מען פון איהר די אויגען ניט ארונטערנעהמען.. און נאָכדעם קאָן מען ניט פארגעסען וואָס זי האָט געזאָגט... זי האָט א צוציהענעם צו זיך... נאָך איינע צו חנה'ן האָט ער נאָך ניט געזעהן...

פון דעסטוועגען קאָן זי זיך ניט דערבעטען ביים מאַן, ער זאָל איהר ארויסשיקען שיפס־קארטען פאר איהר מיט די קינדער. אמת, דער ברודער וויל, אז ער, יאָסעל, זאָל זיי געבען געלט אויף פאָהרען קיין אמעריקא. דער ברודער איז אפשר גערעכט, וואָרים טאקע, ער, דאָ, וועט דאָך בלייבען ביי די צוויי פערד און די האלבע שטוב. נאָר ביז איצטער האָט ער זיך ניט געאיילט, מחמת ס'איז געווען אזוי גוט, אזוי וואויל אז חנה מיט די קינדער זיינען געווען אין הויז. אין די ווינטער אבענדען פלעגט זי שפיעלען מיט איהם א זעקס־און־זעכציג. א שבת אָדער א יום־טוב, האָט געלויכטען אין שטוב, גאָלדענע הענט האָט זי... אָבער, איצט וועט ער זעהן חנה'ן מיט די קינדער אָפּצושיקען קיין אמעריקא, אצינד איז ער שוין א בעל־הבית פאר זיך...

דאָ האָט ער זיך א כאפּ געטאָן פאר די לייצעם — וואָס האָט ער זיך גאָר פלוצים גענומען טראכטען וועגען חנה'ן... ס'וועט נאָך זיין גענוג צייט וועגען איהר צו טראכטען. ער פיהרט דאָך עפּעס זיין יונג ווייבעל, זיין שרה גיטלען צו זיך אין דער היים. ער האָט זי גענומען באטראכטען, ווי ער וואָלט זי איצט צום ערשטען מאָל געזעהן. שרה גיטעל איז געזעסען ביי זיין זייט, נעבען די פערד, אָנגעטאָן אין אן אטלעסענע רעטאָנדא, אין א היטעלע מיט א רויטער בלום אויפ'ן שייטעל און די באקען האָבען געבליהט.. און שרה גיטעל האָט אין יאָסעל'ס אויגען אויסגעזעהן

ווי אַן אמת׳ע פּריצ׳טע. דאָס האַרץ האָט אין איהם געקוואָלען פאַר פריידער. ס׳איז איהם נאָר עפּעס אויסגעקומען מאָרגע: אָט אי זי, שרה גיטעל, געווען אַ פּרעמדע, ריטעוועו מיידעל, און אָט אי זי זיין ווייב... ער האָט זי גוט, גוט אָנגעקושט, איידער זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום שטעדטעל.

איהם איז זי שטאַרק געווען געפעלען. טאַטע־מאַמע, ווייכ ער, זיינען זעהר צופריעדען פון׳ם שדוך. נאָר ער האָט זיך עפּעס געשראָקען: וואָס וועט חנה אויף איהר זאָגען!... דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אז חנה׳ן וועט זי ניט געפעלען... און זאָל חנה נאָר איין לאַך געבען, וועט ער, אפשר, מיט שרה גיטלען מעהר ניט קאָנען צוזאַמען לעבען..

— יאָסעל, פאַרוואָס איז דיין שוועגערין חנה ניט געקומען צו אונזער חתונה? — האָט שרה גיטעל איהם פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

— אַ קינד איז געווען ניט געזונט — האָט ער אונטער׳ן נאָז אָפּגעמורמעלט. ער האָט זיך אָבער געפיהלט הייס און אומ־באַקוועם פון׳ם ליגען וואָס ער האָט זיין יונג ווייבעל געזאָגט. ער האָט דאָך געוואוסט, אז חנה איז געוואָרען ברוגז, למאי ער האָט איהר ניט געקויפט זיידענס אויף אַ קלייד צו געהן אויף זיין חתונה. אַלעמען פאַרשטערט די שמחה, האָט ער מיט פאַרדרוס זיך דערמאָנט..

— מ׳האָט מיר געזאָגט, אז דיין שוועגערין חנה, איז נאָר ניט פון די וויבלאַך וואָס מ׳קויפט דריי פאַר אַ גראָשען — האָט זי איהם געשטורכעט אין זייט.

יאָסעל האָט אָבער אצינד פון חנה׳ן ניט געוואָלט רעדען, האָט ער ווידער שרה גיטלען אָנגעקושט.

— איך קאָן נאָך אמאָל דיין שוועגערין חנה׳ן ניט געפע־לען — האָט זי ניט אָפּגעלאָזען. כלומרשט געלאַכט, אָבער זי האָט זיך געפיהלט שטאַרק אונזיכער..

— אָבער שרה גיטעל, מיר ביזטו געפעלען, דעם טאַטען מיט

נחת.. ער איז נאָר געווען אין כעס אויף זיך: למאַי איהם האָט זיך גאָר געקאָנט אויסדרוכטען, אַז ביי שרה גיטלען בליהען ניט די באַקען. דאַכט זיך, באַקען, ווי צוויי רויטע עפּעל! נאָך אפשר שעהנערע ווי ביי זיין שוועגערען חנה'ן... מעהר ניט, זי חנה, האָט אַ טבע זיך צו חן'דלען, מיט די אויגען, מיט'ן שמייכעל, און ציהט ביי יעדען איינעם אַרוים די עצמות... אָט ווערט זי רויט, אָט בלאַס, און בעת זי זאָגט וואָס, קאָן מען פון איהר די אויגען ניט אַרונטערנעהמען.. און נאָכדעם קאָן מען ניט פאַרגעסען וואָס זי האָט געזאָגט... זי האָט אַ צוציהענעס צו זיך... נאָך איינע צו חנה'ן האָט ער נאָך ניט געזעהן...

פון דעסטוועגען קאָן זי זיך ניט דערבעטען ביים מאַן, ער זאָל איהר אַרויסשיקען שיפס־קאַרטען פאַר איהר מיט די קינדער. אמת, דער ברודער וויל, אַז ער, יאָסעל, זאָל זיי געבען געלט אויף פאָהרען קיין אַמעריקאַ. דער ברודער איז אפשר גערעכט, וואָרים טאַקע, ער, דאָ, וועט דאָך בלייבען ביי די צוויי פערד און די האַלבע שטוב. נאָר ביז איצטער האָט ער זיך ניט געאיילט, מחמת ס'איז געווען אַזוי גוט, אַזוי וואויל אַז חנה מיט די קינדער זיינען געווען אין הויז. אין די ווינטער אָבענדען פלעגט זי שפּיעלען מיט איהם אַ זעקס־און־זעכציג. אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, האָט געלויכטען אין שטוב, גאָלדענע הענט האָט זי... אָבער, איצט וועט ער זעהן חנה'ן מיט די קינדער אָפּצושיקען קיין אַמעריקאַ, אַצינד איז ער שוין אַ בעל־הבית פאַר זיך...

דאָ האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די לייצעס — וואָס האָט ער זיך גאָר פּלוצים גענומען טראַכטען וועגען חנה'ן... ס'וועט נאָך זיין גענוג צייט וועגען איהר צו טראַכטען. ער פיהרט דאָך עפּעס זיין יונג ווייבעל, זיין שרה גיטלען צו זיך אין דער היים. ער האָט זי גענומען באַטראַכטען, ווי ער וואָלט זי איצט צום ערשטען מאָל געזעהן. שרה גיטעל איז געזעסען ביי זיין זייט, נעבען די פערד, אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענע רעטאָנדאַ, אין אַ היטעלע מיט אַ רויטער בלום אויפ'ן שייטעל און די באַקען האָבען געבליהט.. און שרה גיטעל האָט אין יאָסעל'ס אויגען אויסגעזעהן

ווי אַן אמת'ע פּריצ'טע. דאָס האַרץ האָט אין איהם געקוואָלען פאַר פריידּ. ס'איז איהם נאָר עפּעס אויסגעקומען מאָרגנע: אָט אי זי, שרה גיטעל, געווען אַ פּרעמדע, ריטעווער מיידעל, און אָט אי זי זיין ווייב... ער האָט זי גוט, גוט אָנגעקושט, איידער זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צום שטערטעל.

איהם איז זי שטאַרק געווען געפעלען. טאַטע־מאַמע, ווייכ־ער, זיינען זעהר צופריעדען פונ'ם שדוך. נאָר ער האָט זיך עפּעס געשראָקען: וואָס וועט חנה אויף איהר זאָגען!... דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז חנה'ן וועט זי ניט געפעלען... און זאָל חנה נאָר איין לאַך געבען, וועט ער, אפשר, מיט שרה גיטלען מעהר ניט קאָנען צוזאַמען לעבען..

— יאָסעל, פאַרוואָס איז דיין שוועגערען חנה ניט געקומען צו אונזער חתונה? — האָט שרה גיטעל איהם פלוצים אַ פרעג געטאָן.

— אַ קינד איז געווען ניט געזונט — האָט ער אונטער'ן נאָז אָפּגעמורמעלט. ער האָט זיך אָבער געפיהלט היים און אומ־באַקוועם פונ'ם ליגען וואָס ער האָט זיין יונג ווייבעל געזאָגט. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז חנה איז געוואָרען ברוגז, למאי ער האָט איהר ניט געקויפט זיידענס אויף אַ קלייד צו געהן אויף זיין חתונה. אַלעמען פאַרשטערט די שמחה, האָט ער מיט פאַרדרוס זיך דערמאָנט..

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דיין שוועגערען חנה, איז גאָר ניט פון די ווייבלאַך וואָס מ'קויפט דריי פאַר אַ גראָשען — האָט זי איהם געשטורכעט אין זייט.

יאָסעל האָט אָבער אַצינד פון חנה'ן ניט געוואָלט רעדען, האָט ער ווידער שרה גיטלען אָנגעקושט.

— איך קאָן נאָך אַמאָל דיין שוועגערען חנה'ן ניט געפע־לען — האָט זי ניט אָפּגעלאָזען. כלומרשט געלאַכט, אָבער זי האָט זיך געפיהלט שטאַרק אונזיכער..

— אָבער שרה גיטעל, מיר ביזטו געפעלען, דעם טאַטען מיט

דער מאמען אויך, היינט וואס דארפסטו זיך קימערען וועגען חנה'ן? — האט יאסעל פארלארען די געדולד.

אין שטעדטעל האט מען זיי אויפגענומען מיט מזל־טוב גע־שרייען, ווייבער און מיידלאך זיינען ארויסגעלאפען פאר די טירען אנקוקען יאסלען מיט זיין ווייב, דער גלאק צווישעןביידע פערד האט געקלונגען און ס'האט אנגעמאכט א גאנצען טאראראם זיי־ער אנקומען.

די שוויגער האט זיך א ווארף געטאן אנקושען די שנור, א שוועסטער אויך. נאר חנה האט קוים צוגעריהרט איהרע ליפען שרה גיטלען א קוש צו טאן.

חנה איז געווען אן אויסגעפוצטע אין דער שבת'דיגער קלייד מיט איהר ביסעל צירונג, דער שייטעל איז געזעסען אויפ'ן קאפ ווי איינגענע האר און זי האט אויסגעזעהן שעהן ווי א כלה־מיידעל.

שרה גיטעל האט דאס מיט איין קוק דערזעהן. ס'האט איהר א שטאך אין הארצען געטאן. די עלטערע שנור איז געווען א שעה־נערע... זי האט גלייך פארלארען דעם מוטה, זי קען עפעס צו דער עלטערער שנור זיך ניט פארגלייכען...

דערפאר האט שרה גיטעל חנה'ן גלייך פיינט געקראגען.

אין דער ערשטער וואך שוין האט מען געזעהן, אז ביידע שניר וועלען זיך ניט קענען פארטראגען... יאסעל האט געהאט הארץ־וועהטאג דערפון, האט ער אפגעדונגען א קאמער ערגעץ דערביי, געקויפט נייע מעבעל און מיט שרה גיטלען זיך ארויסגעקליבען.

די מאמע און די שוועסטער פלעגען קומען צו געהן אפשר, צעהן מאל א טאג. חנה אבער, פלעגט קומען פרייטאג צו נאכטס אדער שבת בייטאג, און יעדעס מאל אין דער שבת'דיגער קלייד, מיט די צירונג, וואס האט איהר אזוי שעהן געפאסט. און זאל שרה גיטלען שטעכען אין די אויגען... שרה גיטעל פלעגט טאקע ווערען געל און גרין פון ערגער און דערפאר זיך רייצען מיט חנה'ן מיט איהר טייערען אויסשטייער...

האט איהר יאסעל אמאל געזאגט, אז זי דארף דאס ניט טאן, ווארים חנה האט ניט מעהר ווי איין קליידעל. שרה גיטלען

האָט דאָס פאַרברענט, למאי יאָסעל שטעלט זיך איין פאַר חנה'ן...
איז זי געוואָרען ברוגז מיט איהם..

אז זיי האָבען זיך איבערגעבעטען, האָט ער שוין שרה גיטלען אַלץ נאָכגעגעבען: חנה איז אַ נאַרישע גרויסהאַלטערקע, גאָר ניט קיין שעהנע, און אז ס'איז ניט שעהן פון איהר וואס זי חנ'דעלט זיך אַזוי, בעת איהר מאַן איז נעבעך פאַררייזט אַזש קיין אמע־ריקא.

אַלץ האָט איהר יאָסעל נאָכגעגעבען און מ'האָט זיך געהאַל־טען אין איין קושען.

שרה גיטעל האָט ביינאַכט קיין מאָל דעם לאָדען ניט פאַר־מאַכט. וויבער און מיידלאך האָבען כמעט יעדע נאַכט זיך פאַר־גנב'עט אונטער'ן פענסטער און צוגעקוקט ווי דאָס פּאָרעל קושט זיך. געזאָגט האָט מען אז זי טוט דאָס בכוון, כדי חנה זאָל צופּו־קעט ווערען.. און טאָמער קומט זי ניט קוקען, דערצעהלען איהר שוין די ווייבער. טאָ זאָל זי וויסען, ווי זיי האָבען זיך ליעב און זאָל זי פּלאַצען...

באַלד האָבען די שווענגערינגס אויפגעהערט רעדען און חנה איז מעהר אהין ניט געגאַנגען. געוואָלט האָט שרה גיטעל, אז יאָסעל זאָל אויך אויפהערען צו רעדען מיט חנה'ן, נאָר דאָס האָט זי ניט געקענט אויספיהרען, פאַר וואס, זיין ברוגז אויף חנה'ן? זי איז דאָך עלענד, וואַלגערט זיך ביי דער שווינער און אַזאַ טייערע נשמה... לאַכט און זינגט און שפּרינגט אום ווי אַ זומער פויגעלע... ניין, דאָס וועט אפילו שרה גיטעל ביי איהם ניט אויספיהרען.

האָט זי נאָר דערזעהן, אז יאָסעל רעדט צו חנה'ן אַ וואָרט איז זי פאַרצאַפּעלט געוואָרען. פלעגט געוועהנליך צוגעהן און מיט אַ באַפעהל אַ זאָג טאָן:

— יאָסעל, קום אהיים!

חנה פלעגט בלויז אַ שמייכעל טאָן און יאָסעל איז דער ווייב נאָכגעגאַנגען אַ פאַרשעהמטער אַ צעהן טריט אהינטער.

שרה גיטעל האָט אַלץ אויסגעפיהרט, נאָר דאָס אויספיהרען האָט איהר קיין נחת ניט פאַרשאַפט. זי איז בלייכער, נעלער גע־

וואָרען און איינגעגאַנגען... יאָסעל איז אַרום געגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? שרה גיטעל וועט אודאי ניט גע־בען קיין קאָפּיקע חנה'ן אוועקצושיקען קיין אַמעריקאַ. ער טאָר דאָס גאָר ניט דערמאָנען.

. . . .

אַ דריי־פיער חדשים נאָך דער חתונה, האָט זיך געמאַכט אַז יאָסעל איז אַ שבת בייטאָג אוועק צו דער מאַמען. שרה גיטעל האָט ניט איינגערוהט און איז איהם נאָך. דורך דער הינטער־טיר האָט זי דערזעהן ווי יאָסעל און חנה זיצען ביידע און רעדען און קיינער איז דערביי ניט געווען. זי האָט זיך איינגעהערט:

— יאָסעל, דו מוזט דאָס טאָן, ביזט חיים'ס ברודער, ביזטו מחיוב — האָט חנה מיט טרערען אין די אויגען געזאָגט.

— חנה'נקע, זאָל איך נע'הרג'עט און גע'נהרג'ט ווערען אויב איך קאָן. אי, חנה... חנה!... — האָט יאָסעל אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין...

— ס'איז אויף דיר אויך אַ רחמנות, יאָסעל — האָט חנה אַ טרויעריגע אָפּגעזיפצט. — אויף דיר, אויף חיים'ן און אויף די קינדער. זיי בענקען אַזוי נאָכ'ן טאַטען...

שרה גיטעל האָט אַ ריס געטאָן די טיר און זיי זיך געשטעלט אַנטקעגען מיט אַן אָנגעצונדען פּנים און איבערגעקעהרטע אויגען.

— יאָסעל, זאָג שרה גיטלען מכח וואָס מיר האָבען גערעדט!

— האָט חנה אַ דערשראָקענע געשטאַמעלט.

שרה גיטעל האָט זיך געלאָזט לויפען ווי משוגע.

אין דער היים האָט ער פּלוצים געטראָפען שרה גיטלען אַ פאַר־ענדערטע, אַ שטילע, מיט משונה'דיגע אויגען. זי האָט זיך באַ־האַלטען אין בעט...

יאָסעל איז צו און מיט אַ געבעט צוגאָסען אויפ'ן גאַנצען פּנים, האָט ער געזאָגט צו שרה גיטלען:

— חנה וויל איך זאָל איהר געבען הונדערט מיט פופציג רובעל פאַר איהר מיט די קינדער צו פאָהרען צו חיים'ען. אין

דער אמת'ן, שרה גיטעל, מיר בלייבען דאָך דאָ, בײ דער האלבער שטוב און די צוויי פערד, און חיים איז דאָך א זוהן ווי איך. ער וועט ניט קומען מאָנען מעהר...

— דו האָסט פאר איהר געוויינט און דערמיט האָסטו מיך דערקוויקעט אָהן א מעסער! — מעהר האָט שרה גיטעל ניט גע־רעדט, זי איז געוואָרען ברוגז...

וואָס יאָסעל האָט ווייטער גערעדט איז שוין געוועזען פאר טויבע אויערען.. זי האָט איהם געטריבען פון זיך און אליין פון בעט ניט ארונטער.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז שרה גיטעל מעהר פון בעט ניט ארויס. זי איז געוועזען קראַנק און ברוגז... זי איז אָפּגעלעגען, א פאסטענדיגע א גאַנצען טאָג און צו קיינעם ניט גערעדט. איבערמאָרגען איז געוועזען די אייגענע זאך און אזוי דריי טעג כסדר.

ס'האָט ניט געהאָלפען יאָסלעס בעטען זיך, זיין וויינען, זיינע קושען, דער שווינגער'ס געוויין, דעם שווער'ס בעטען. זי איז גע־לעגען א ברוגז'ע און געקוקט אויפ'ן באַלקען.

מ'האָט געקלאַפּט א דעפּעשע נאָך דער מאַמען. געקומען זיינען ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, מיט קולות ,געוואַלדען, מ'האָט זייער קינד דער'הרג'עט.

שׁפּעטער אביסעל האָבען זיי זיך באַרוהיגט, יאָסעל האָט זיי אלץ אויסדערצעהלט און די מאַמע האָט איינגעזעהן, אז די בעסטע זאך צו טאָן, איז צו געבען חנה'ן געלט און זאָל זי זיך פאָהרען קיין אמעריקא...

שרה גיטעל איז אָבער געלעגען מיט'ן געלט אונטער'ן קישען און דאָס געהיט ווי א שלאַנג.

עסען האָט זי ניט גענומען, מ'וויל איהר פאר'סמ'ען האָט זי געשריען.

ביי דער מוטער האָט זי גענומען עסען און געגעסען ווי אָהן זיך. ס'איז געוועזען א שרעק צו זעהן שרה גיטלען עסען! און גע־שריען: מ'זשאַלעוועט איהר עסען.

דאָקטוירים האָבען געראַטען זי מיט געוואַלד פון בעט

אַרונטערצונעהמען. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפּען. זי איז פון בעט ניט אַרויס. ס׳האָט ניט געהאָלפן טאַטע־מאַמעס בעטען און וויינען, יאָסעל האָט גאָר צום בעט ניט געטאָרט צוגעהן... און חנה און די שווינער האָבען זיך ניט געטאָרט איבער׳ן שוועל יאָווען.

וואָכען און וואָכען איז זי אַזוי געלעגען, געגעסען און גע־טרונקען און געווען ברוגז.

באַלד איז מען צוגעוועהנט געוואָרען, אַז שרה גיטעל זאָל ליגען אין בעט אַ קראַנקע און אַ ברוגז׳ע און מ׳זאָל איהר ניסען גאָלד אין האַלז. יאָסעל האָט אָנגעהויבען אומפאָהרען ווי געווען, וואָרים געלד האָט מען געגוג געדאַרפט.

דאָקטוירים האָבען ניט געוואוסט וואָס מיט שרה גיטלען איז. מ׳האָט גערופען מומחים, אָפּשפּרעכער, אַלערליי סגולות האָט מען איבערגעטאָן און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. שרה גיטעל איז געלעגען אין בעט אַ פאַר׳דבוק׳טע, אַ פאַר׳קלפּה׳טע מיט משוגה׳דיגע אויגען און געשוויגען.

וואָכען און וואָכען זיינען ווידער אוועק. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז שרה גיטעל ווערט בעסער. יאָסעל האָט שוין געמאָגט שטעהן ביים בעט און די שווינער אין קאַמער. מ׳האָט געפּרואווט זי לאָזען אַליין מיט יאָסלען, אפשר וועט זי זיך איבערבעטען...

— שווינער — האָט יאָסעל אַמאָל געזאָגט — שווינער, זי וויל גוט ווערען, זי וויל, נאָר זי קאָן עפּעס ניט... ס׳האַרץ לאָזט איהר ניט...

— ווינד איז מיר, און וועה איז מיר — האָט די מאַמע גע־וויינט.

איין מאָל האָט זי זיך געלאָזט נעהמען אויף די הענט ביי יאָסלען און די מאַמע מיט דער שווינער האָבען איבערגעבעט דאָס בעט. דעם טאָג האָבען שוין אַלע געמיינט, אַז זי וועט גוט ווערען...

נאָר, אַז יאָסעל האָט צו איהר גערעדט, האָט זי געוואָלט ענט־פערען און ניט געקאָנט, דאָס לשון האָט איהר אָפּגענומען צום ענט־פערען.

זי האָט זיך געלאָזט קאָרמענען פון זיין האַנט היהנער יוך, געקוקט אויף איהם, נאָר רעדען צו איהם האָט זי ניט געקאָנט... צו דער מאמען האָט זי גערעדט, צו שוועד און שוויגער, און יאָ־סלען, ווען זי האָט געוואָלט ענטפערען, האָט זיך די צונג אין מויל איהר ניט באַוועגט...

זי איז צוריק אַריינגעפאַלען אין אַ שווייגען און מעהר מיט קיינעם ניט גערעדט, האָט מען איהר געגעבען צו עסען האָט זי געגעסען, געבעטען האָט זי ניט. זי האָט מעהר קיינעם ניט אָנגע־קוקט, זיך אויסגעקערט צום וואַנט און געשוויגען...

ס'זיינען געקומען מינוטען וואָס מ'האָט ניט געוואוסט, צי שרה גיטעל לעבט, אָדער זי ליגט אַ טויטע. מיט פאַרשלאָסענע ליפען, מיט שטאַרע אויפגעעפענטע אויגען איז זי אָפּגעלעגען שעה'נווייז און מיט אַ גליעד זיך ניט געריהרט. ס'איז אויף אַלעמען אַ שרעק אָנגעפאַלען זי אַזוי אָנצוזעהן. זי האָט אויס־געזעהן ווי אַ טויטער גוף, אין וועלכען לעבען האָט זיך פּלוצים גע־נומען באַוועגען...

און דאָך האָט מען געפיהלט, אַז שרה גיטלען איז קיין זאַך ניט, זי איז ניט קראַנק, זי איז נאָר ברוגז... ברוגז אויף טויט... זי קאָן ניט מוחל זיין יאָסלען וואָס ער האָט פאַר חנה'ן געוויינט... זי קאָן זיך ניט איבערבעטען, דערפאַר וואָס די עלטערע שנור איז אַ שעהנערע.

איין פריהמאָרגען, נאָהענט צו אַ יאָהר נאָך דער חתונה, האָט מען געזעהן, אַז שרה גיטעל ליגט ווי געוועהנליך, אַ שווייגענדיגע, אַ פאַרביסענע מיט שטאַרע אָפענע אויגען.

—שרה גיטעל — האָט יאָסעל צו איהר גערעדט.

זי האָט ניט געענטפערט.

דערנאָכדעם האָט די מאַמע געזאָגט:

— שרה גיטעלע, מיין קינד.

— שאַ, אפשר שלאָפט זי — האָט די שוויגער זיי געהייסען זיין שטיל.

מ'האָט מורא געהאַט דער קראַנקער ניט איבערצושרעקן...

אז מ'האָט אָבער צוגעלייגט אַ פעדער צו דער נאָז איז די פעדער געבליבן ליגן... און אז מ'האָט צוגעטראָגן אַ שפּיגעלע צום מויל, איז דאָס שפּיגעלע געבליבן טרוקן, אָהן אַ הויך פון אַן אָטעם...

דעמאָלט האָט מען געוואוסט, אז שרה גיטעל איז געשטאָרבן.

דער אָנגעפּודערטער מת.

ביים לעבען האָט זיך אניוטע ניט געפּודערט.
ביים לעבען האָט זי געהאַט קנייטשען אויפ'ן שטערען און ארום די מויל־ווינקעל. דאָס פּנים געל און די באַקען איינגעפאַלען. און די שווארצע האָר זיינען איהר תמיד געווען צניעות'דיג פאַר־קאַמט.

שטענדיג אָנגעטאָן אין א שווארצע קליידעל מיט א בלוזע. איהר איינציגער פּוץ איז געווען: א ווייסער קאָלנער מיט אן אויס־געשלייפטען באַנד אויף דער ברוסט. צומאָל א רויטען און עפּטערס א — שווארצען. דאָס האָט זיך געווענדט אָן דער שטימונג און די געשעהעניסען ארום איהר... איהרע אינערליכע שטימונגען האָבען זיך איינגעקנייטשט צוזאמען מיט די פאַרביסענע, האַרטע קנייטשען ארום מויל.

אזוי איז אניוטע געווען ביים לעבען, באשיידען און שטרענג אין איהר אַלט־מיידעלשאַפט, ווי אין אַן ארון קודש איינגעשלאָסען.
און אז אניוטע איז געשטאָרבען, האָט מען זי אריינגעלעגט אין א גלאַנציג־פּאָלירטער טרונע מיט א גלעזערנעם צודעק. די קנײ־טשען אויפ'ן פּנים — וואָס האָבען זיך איינגעקריצט אין פאַר־לויף פון איהר לעבען — זיינען מיט פאָרזיכט אוועקמאַשירט געוואָרען דורך א געניטער האַנד פון'ם „אָנדערטייקער." די איינגע־פאַלענע באַקען — פול און יוגענדליך אויסגעפּילט און אָנגע־פּודערט מיט א ראָזעווע פּודער. א טראָפּען רוזש, לייכט צו־פיהרט, האָט באַפאַרבט די טויט־בלויע ליפּען, און די האָר האָט מען איר פאַרקאַמט „אַלאַ פּאָמפּאַדור". אָנגעטאָן אין דער שוועס־

טער'ס א ווייס פּיקניק־קלייד איז זי געלעגען אַן אויסגעפּוצטע, אַן אָנגעפּודערטע און געפּאַרבטע אין דער שעהנער טרונע מיט'ן גלעזערנעם צודעק.

יאָ. דער קברן האָט געמאַכט א פיין שטיקעל ארבייט; קיין מאָל, אפילו ניט אין די יונגע יאָהרען, איז אַניוטע ווען אזוי שעהן געוועזן... אזוי שעהן און אזוי „סטייליש"...

און פון דער באַשיידענער, הארציגער אַניוטע'ן איז געווארען אַן אָנגעפּודערטער מת; קאָקעטיש און חוצפּה'דיג אויסגעפּוצט. געשעהן איז עס אזוי:

אַניוטע איז געשטארבען אין א הייסען טאָג, סוף תמוז, פרייטאָג פארנאַכט. געשטאָרבען אָהן לשון, מיט א לעצטען ניט־דערקוקטען בליק ארום איהר...

די סביבה ארום, אין וועלכער אַניוטע האָט געלעבט, איז געוועזן א פרייע, א ניט־גאָט־גלויביגע און אין א פאַל פון טויט האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט'ן טויטען.

די שוועסטער האַניא האָט געוויינט און געיאָמערט און ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון'ם צימער. שוין זאָל זי אַנטלויפען פון דער וואָס איז ערשט א פינף מינוטען טויט, און אפשר נאָך גאָר ניט טויט... זי ליגט דאָך נאָך אויף דער זעלביגער קישען, אויף וועלכע זייביידע פלעגען שלאָפען. אַלץ איז דאָך נאָך אזוי ביידענס... יעדע זאַך אינ'ם צימער.

פריינד האָבען זי געוואָלט ארויספיהרען, געפּיהלט אז ס'איז ניט שעהן אזוי אידישלעך צו באַוויינען א טויטען...

איינער האָט באַהויפּט: פרייע מענשען דארפען דאָך וויסען, אז נאָך אַלעמען איז דאָך דער טויט ניט מעהר ווי א וויסענשאַפטליכע פאַזע פון לעבען. די ערד באַדאַרף די טויטע, כדי פעט צו ווערען און שעהנע בלומען זאָלען וואַקסען.

אָבער האַניא'ן האָט דאָס ניט געטרייסט, איהר שוועסטער חנה איז געשטאָרבען...

דערווייל איז פאַרנאַכט צוגעפאַלען, מאָרגען איז שבת און וואָס קאָן מען דאָ מיט'ן מת טאָן...

מ׳האָט זיך געווענדט צו אַ חברה קדישה, און דער ענטפער איז געווען, אַז מ׳מוז וואַרטעז אויף שבת, ווען שטערען וועלען זיך באַ־ווייזען, אָדער זונטאָג פריה. אַ צווייטע, אַ דריטע חברה האָט אויך דאָס איינענע געענטפערט.

און דער טויטער האָט געמוזט בלייבען אין שטוב...

עס זיינען אָנגעקומען מיטגליעדער פונ׳ם פאַראיין „אַל־וועלט־ליכע פרייהייט״, יעדער האָט געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי דעם בר־מנן מקבר צו זיין וואָס גיכער... ווייל דער אָווענד איז געווען הייס און קיין אייז האָט מען אויך ניט געקאָנט קריגען....

צווישען אַלע פריינד איז אויך געווען דזשוליאַ, אַניוטע׳ס אַן אַלטע פריינדין, וואָס איז געווען פאַרהייראַט פאַר אַ קריסט אַ פּראָפעסאָר. זי איז אָהן אַלעמעס וויסען אַוועק און באַשטעלט אַ גוי׳אישען קברן און פאַר גוט געלד האָט ער דאָס געמאַכט דעם זעהר גוטען „דזשאַב״.

אַז האַניאַ האָט דערזעהן איהר שטילע צניעות׳דיגע שוועס־טער חנה׳ן אַזוי קאָקעטיש פאַרפּוצט, פאַרפּודערט און באַשמינקט, האָט זי פון שרעק גע׳חלש׳ט. זי האָט זיך געבייזערט, געשריען פאַרוואָס מ׳האָט אַזוינס געטאָן. נאָר ווער האָט זיך געקאָנט מיט איהר רעכענען, אַז ס׳איז איהר אומגליק געווען... אין צרות ווערט דער מח איבערגעקעהרט...

און דאָך האָט יעדער איינער, ווער ס׳האָט נאָר אַניוטע׳ן דערזעהן אַלס אַ טויטע קאָקעטע אין טרונע, געמוזט אויפשפּרינגען פון דער העזה; גראָד אַניוטע׳ן, וואָס איז ביים לעבען אַזוי פּשוט, אַזוי שעהן און שטאָלץ אויף איהר מיאוסקייט געווען!...

אַן אַלטע, פרומע מומע איז אָנגעקומען פון בראָנזוויל אַ ווייַ־נענדיגע: חנה׳לע, חנה׳לע, האָט זי געשריען און זיך געריסען צום ארון. מ׳האָט זי ניט געוואָלט צולאָזען.. נאָר, אַז זי האָט זיך שוין צוגעשלאָגען און דערזעהן חנה׳ן, האָט זי אַ געשריי געטאָן שמע ישראל און צוטומעלט געוואָרען.

— די טויטע איז ניט זי, וואו איז די טויטע? — האָט זי גע־ווײנט.

— יאָ, ס'איז חנה. זעהט וואָס זיי האָבען געטאָן — איז האניא ווידער אמאָל ארוים מיט א נייעם געוויין.

ס'האָבען זיך איינגעפונען אזוינע, וואס האָבען פון דער אלטער און דער שוועסטער געלאכט, און ס'האָבען זיך אויך געפונען אזוינע, וואָס האָבען מיטגעוויינט מיט זיי.

און די טויטע אניוטע איז געלעגען אין טרונע אָנגעפודערט, אָנגעפארבט, פארשייט אין דעם ווייסען קלייד און די טויטע רויטע ליפען האָבען ציניש געשמייכעלט.

אויפ׳ן בית עולם.

אלץ איז געשעהן פלוצלינג, אלץ ראשיג און שנעל...

„ניומאָניע,״ האָט בטבע פיינט צו מאכען לאנגע מחזקות מיט איהרע קרבנות, אהין אָדער אהער, אין פערלויף פון עטליכע טעג און אויפ׳ן פיערטען טאָג, איז מיכלביילין אוועק אהין... אין די יאָהרען פון אריבער פערציג, ווען מ׳האָט אָקערשט געמאכט אלער־ליי קאָמפּראָמיסען מיט׳ן לעבען... איינס נאָך איינס, זיינען שוין אפגעשטאָרבען די יוגענד־חלומות, יונגע פאנטאזיעס און דאָס הארץ האָט שוין קריעה געריסען נאָך זיי... מיט דעם קוים פאַר־היילטען רים טוליעט מען זיך און מען קלאמערט זיך אָן לעבען. לעבען צוליעב׳ן לעבען! לעבען אוים מורא פאר׳ן טוידט!... דארף אָבער „ניומאָניע״האָבען איהר צאָהל... און אז די סטאַ־טיסטיק רעכענט אוים די טויטענפעלע פאר׳ן יאָהר, איז זי ניט הינטערשטעליג קעגען איהרע קאָלעגען קראנקהייטען...

אלץ איז געשעהן פלוצלינג, אלץ שנעל, דער דאָקטאָר האָט קוים באוויזען די דיאגנאָזע צו שטעלען. און די פאמיליע זיך ארומגעזעהן אז א געפאהר לויערט....

מ׳האָט איהם פארזעהן... דער דאָקטאָר האָט איהם פאר־זעהן... האָט די פאמיליע געקלאָגט...

א לאנגע שנור שווארצע קארעטען האָבען זיך געצויגען נאָכ׳ן טויטען וואגען, די אלמנה מיט א זיעבען יעהריגער טעכטעריל אינ׳ם ערשטען, צוויי דערוואקסענע זיהן מיט פאמיליע אין דעם צווייטען

און נאָך פאַמיליע און פריינד אין דעם דריטען, פערטען און מעהר און מעהר... מענשען זיינען נאָכגעגאַנגען, אומגעהענדיגע זיינען צוגעשטאַנען. דער מת איז געווען א באוואוסטער מענש האָבען די צייטונגען באַשריבען זיין טויט, אויסגערעכענט זיינע מעלות, און הונדערטער נייגעריגע זיינען געקומען זעהן צו ס'וועט זיין א גרויסע לויה...

א סך מענשען זיינען מיט דער קאר געפאָהרען אויפ'ן בית־עולם. ס'איז געווען א וואַרעמער טאָג אָנהויבס פריהלינג. א זון האָט זיך צוואַרעמט און צושפּילט ווי אין מיטען זומער. סיי ווי ניטאָ וואו זיך אַהינצוטהאָן. איידער זיך לאַנגווייליגערהייט ארומשלייען איבער די גאסען פאָהרט מען בעסער אויפ'ן בית־עולם. א „רייד" מיט אן אָפענער קאר איז עס דאָך, הספּדים וועלען געהאַלטען ווערען. צו ריידען וועט אויך זיין פון וואָס... און א טרער פאַלט אויך...

ס'איז געווען א שעהנער טאָג און ס'איז געווען אַ גרויסע „שעהנע לויה"...

און אויפ'ן בית־עולם איז גאָרניט אומעטיג געווען... ס'האָט שוין געגרינט, דער הימעל איז געווען א קלאָרער און אָפענער, פויגעל האָבען געצוויטשערט. א סך מצבות מיט בעקאַנטע נעמען. אויף אנדערע האָבען די גראז צום ערשטען מאָל ארויסגעשפּראָצט... אויפ'ן בית־עולם פילאָזאָפירט זיך לייכט. אויף אלע פרעמדע ליי־פען הענגט דער „הבל הבלים", מען קוקט אריין אין דער אויסגע־גראָבענער גרוב און מען קוקט ארויף אויף דעם ליכטיגען הימעל...

די אלמנה, אז זי איז פארמאַטערט געוואָרען פון שרייען האָט זי שטיל געיאָמערט און ווי גיך זי האָט נאָר א טראָפּען כח געקראָגען האָט זי ווידער געשריען ביז זי איז א פארמאַטערטע געפאַלען אויפ'ן אָרון. די זיהן האָבען געוויינט און דאָס קליינע טעכ־טערל איז געשטאַנען נעבען דער מאַמען א פאַרציטערטע און געכליפּעט „פּאַפּאַ דיער, פּאַפּאַ!"

אין די מינוטען פון קריעה רייסען, איז אריינגעלאָפען אויף

דעם בית־עולם א פּערסאָפּעט מיידעל, בלאַס מיט אַנגעווייִנטע אויגען און קוים וואָס זי האָט זיך געקאָנט האַלטען אויף די פיס. זי האָט שטיל געוויינט. מ׳וואָלט זי אפשר גאָר ניט אזוי אָנגעזעהן, נאָר זי איז פּלוצלינג אַוועקגעפאַלען נעבען ארון און גע׳חלוש׳ט.

— ווער איז זי ? ווער איז זי ? — קיינער האָט ניט גע־וואוסט, האָט יעדער ארום געפרעגט. א מינוט נאָר, און גלייך האָט מען זיך אַליין גענומען ענטפערען ווער זי מוז זיין...

— זי מוז זיין זיינע א שוועסטער.

— וואָס הייסט א שוועסטער ? איהר זעהט דאָך, אז די מיסעס מיילין קען זי ניט...

— אפשר א שוועסטער־קינד ?

— אפשר, ווער וויים ?

— אין אמעריקא קען דען ווער זיינע פריינד ?

— זי מוז זיין זיינע א טאָכטער פון אן ערשטער ווייב — האָט זיך איינע אָבגעזאָגט אויף טראַף.

— וואָס זאָגט איהר, זי איז זיין טאָכטער פון דער ערשטער ווייב ? — דו הערסט מיניע, זי איז זיין טאָכטער פון דער ערשטער ווייב — האָט זי גלייך מיטגעטיילט איהר חבר׳טע.

— וואָס פּלוידערט איהר ? וואָס ערשטע ווייב ! מיכל ביילין האָט ניט געהאט קיין אנדער ווייב, זי איז ביי איהם דאָס ערשטע.

— איך זאָג נים. איך רעכען בלויז. טאָ ווער דען איז זי ?

און דאָס פרעמדע מיידעל, ווי מ׳האָט זי נאָר דערמינטערט האָט זיך אָבגערוקט אָן א זייט און שרעקליך געוויינט... א רעדעל ביינעריגע טרעפּער זיינען געשטאַנען ארום איהר. געקוקט ווי זי וויינט און ווישט זיך די רויטע אויגען מיט א נאָז־טיכעלע.

די אלמנה האָט זי נאָך ניט געזעהן. און מ׳האָט געוואַרט צו זעהן וואָס עס וועט זיין ווען זי וועט זי באמערקען...

מ׳האָט אַראָבגעלאָזט דעם ארון אין קבר און פאַרשאָטען די גרוב.

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא — האָט דאָס עלטערע אינגעל נאָכגעזאָגט קדיש מיט אן ענגלישען אַקצענט.

— „מאמא, הו איז דהאט וואומען קרייאינג?" — האָט ער געפרעגט ביי דער וויינענדיגער מוטער נאָכ׳ן אָבזאָגען קדיש. און דער אינגערער נאָך איהם:

— הו איז שי עניוויי?... זעה ווי זי וויינט.

די מיסעס ביילין האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צו דער וויינענדיגער פרוי און זי אָנגעקוקט... זי האָט זי ניט געקענט. און פּלוצלינג האָט זי געלאָזען איהרע אויגען ארומקוקען דער פרוי׳ס קערפּער... זי איז נאָך בלייכער געוואָרען און ס׳האָט אויסגעזעהן, אז אָט פאַלט זי אריין מיט איהרע נענעל דער מיידעל אין די אויגען אריין.

די וואָס האָבען דאָס צוגעזעהן זיינען געשטאַנען געשפּאַנט און דעם קאָפּ אומגעדרעהט פון איהר צו דער מיידעל און פון דער מיידעל צו איהר.

נאָר מיט דעם לעצטען פונק כח האָט זיך די אלמנה איינגע־האַלטען. פּלוצלינג זיך געגעבען א גלייך אויס און מיט א האַלב־טויטען שמייכעל געענטפערט איהר זוהן:

— זי איז... ז׳איז... דעם טאַטענ׳ס א... פלימעניצע...

— א פּלימעניצע! א פלימעניעצע! — האָט זיך צוטראָגען איבער׳ן בית עולם א הווזשעריי...

דאָס וויינענדינע מיידעל, איז דער אלמנה אויפ׳ן האַלז געפאַלען און ביידע האָבען אויסגעבראָכען אין א שותפות׳דיגען געוויין.

קום צו מיר אין דער היים, קום מיין קינד — האָט זי איהר אין אויער אריינגעסוד׳עט — קום, און איך וועל האָדוען מיכל׳ס נאָך א קינד...

דאָס מיידעל איז זיך פערגאַנגען אין אַ היסטערישען שלוכ־צען און די אלמנה האָט זי געטרייסט מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער.

פריינד פון דער פאַמיליע האָבען זיך געלאָזען צו די שווארצע קאַרעטען.

דעם טויטענ׳ס אַ ברודער האָט געהאָלפען די אלמנה מיט די קינדער אריין אין קארעטע און נאָכדעם זיך געווענדעט צו דער מיידעל :

— קומט, פאָהרט מיט מיר.

דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעקוקט, זיין פּנים איז איהר ניט געפעלען. און אַ וויינענדיגע איז זי אליין אוועק צום קאַר...

דער טאָסט.

דער באנקעט זאָל האָט געלויכטען, אויף די ווייס־פארשפריי־טע טישען איז געווען אָנגעשטעלט ווייַן, בלומען און פרוכטען.

דעם באנקעט האָבען די היגע שריפטשטעלער געמאַכט פאר'ן ניי־אָנגעקומענעם דיכטער הלוי, א גראציעזער בחור פון עטליכע און צוואנציג יאָהר.

ער איז געזעסען אויבען־אָן, ווי א חתן־בחור, ארום איהם די יונגע דיכטער, לויט'ן ראנג און אנערקענונג...

איינער פון די שריפטשטעלער, א פארמיטלער פון די צוויי דורות, אַלטע און יונגע, האָט געהאלטען א צעטעל מיט אויפ־געשריבענע נעמען פון די וואָס האָבען באדארפט האלטען טאָסט־רעדען פאר'ן נייעם דיכטער.

ס'האָבען אָנגעהויבען פאַלען פון די ליפּען א טאָסט נאָך א טאָסט מיט לויבגעזאנגען. ווער ס'האָט אָנגעהויבען מיט חוצפּה און ווער א דערציטערטער. דאָ איינער מיט א באַסאָווער שטים און א צווייטער מיט א סאָפּראַן.

דער דיכטער אַליין איז געזעסען נערוועז, געריהרט און זיך פאַרגענומען צו שרייבען לויטער גוטע, שעהנע ליעדער... יאָ, ער וועט זיכער נאָכקומען זייערע לויבגעזאנגען... ער האָט גלייך דערפיהלט א ליעבע צו אמעריקא, צום לאַנד, וואו מ'מאַכט באַנ־קעטען און מ'ווערט גלייך פּאָפּולער... און אזוי ווי די „גרויסע טאַטעס” האָט ער געהאלטען א רעדע: ער איז צופיעל גע־ריהרט פון דעם אָוועגד וואָס ער האָט ניט פארדיענט. די טרע־רען האָבען איהם געשטיקט אין האלז און ער האָט קיין ווערטער

ניט געקענט געפינען צו דאנקען זיי פאַר דעם וואָרעמען, ליעבען אויפנעהם.

נאָך די אָפיציעלע טאָסטען און פייערליכקייט, האָט מען גע־נומען שענקען אויפמערקזאַמקייט די דאַמען, וואָס זיינען געזעסען די גאַנצע צייט ווי פאַרלאָרענע שעפּסעלאַך און זיך געלאַנגווייליגט.

זיי זיינען אויך געקומען מקבל פּנים זיין דעם דיכטער; זיך געוואַשען און געפּוצט, נייע קליידער זיך גענעהט און איהם אנט־קעגען געבראַכט פרישע פּנים׳ער, שמייכעלדיגע מיילער, גוטע בליקען, געבלויזטע העלזער און ווייכע אָרעמס, און אָהן ווערטער געזאָגט: נאַ, נעהם, דו, אונזער דיכטער! דו קינד פון גאָט׳ס גענאָד! מתנות, מתנות קומען מיר דיר שענקען!... זעהסט ווי מיינע אָרעמס זיינען ווייס און שלאַנק? דאָס זיינען דיך אַרומ־צונעהמען, מיין דיכטער! זעהסט, ווי מיינע צייהן גלאַנצען ווייס און שאַרף? דאָס איז אין דיין פּעסטען האַלז זיך איינצובייסען, מיין דיכטער! און זעהסט, ווי מיינע ווייכע אַקסעל בויגען זיך געהאַרכזאַם? דאָס איז פאַר דיר, מיין דיכ־טער! וועל איך? וועל איך? וועל איך די אויסגעקליעבענע זיין?

און הלוי האָט פאַר אַלץ געדאַנקט, געדאַנקט אויפריכטיג, מיט׳ן גאַנצען האַרצען, די חברים פאַר די טאָסטען, די מיידלאַך פאַר די שעהנע מתנות... און יעדען די האַנד געדריקט און יעדען מיט די אויגען גוטס צוגעזאָגט.

נאָר די, פון וועמען ער האָט געהערט גוטס און בייז און גע־וואָלט זעהן, איז ניט געקומען. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטען, גע־זוכט עפעקט...

אַז ס׳האָט זיך אַריינגעלאָזען אין זאַל אַ בלאַס־טונקעלע דאַמע אין שוואַרצען זייד מיט אַ קלוגען טראָט האָט ער געוואוסט, אַז דאָס איז זי, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען גיכער אין איהם דאָס בלוט צו טרייבען...

„צילה, צילה זיידעל!" — האָבען זי אַ סך שטימען מיט

אמאָל אַ רוף געטאָן, — „קומט אהער, מיר'ן אייך באקענען מיט'ן נייעם דיכטער הלוי!"

צילה האָט אָבער בלויז אַ מאך געטאָן מיט דער האנד, אז זי וועט באלד צוקומען און דערווייל כלומר'שט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו אַ פּאָר באקאנטע. הלוי האָט פארשטאנען, אז זי זוכט עפעקט, און ער האָט זיך איינגעהערט צו אַ ליעד, וואָס איינער האָט פאר איהם געלייענט אויסווענדיג כסדר, פארגעסענדיג דאָ אַ שורה און דאָ אַ וואָרט. ס'האָט איהם נים אויסגעמאכט, דערווייל האָט ער באטראכט צילה'ן. איהר פיינעם, טונקעלען פנים, עטוואָס פארעלטערט, די קלוגע, טונקעלע אויגען, מיט צער און ליידענשאפט אויסגעמישט. איהר שלאנקייט האָט זיך בולט אנגעזעהן דורך דעם שווארצען זייד. די ציערונג וואָס זי האָט געטראָגען האָט כאראקטעריזירט איהרע שטימונגען: אַ בראָש, אַ קאָפּ פון אַ ספינקס אויף גרינעם ענאמעל, אַ האלז־קייטעל אין רוימישען גאָלד געוועבט, ווי די שופּען פון אַ שלאנג; אויף די דינע שאָקאָלאד הענטלאך האָט זי געטראגען אַ פּאָר רינגען פון אַן אלטמאָדישען סטיל, און פון די שמאָלע אקסעל איז אראָפּגעהאנגען אַ זיידענער שאל אין אָריענטאלישע פארבען. אין גאנצען גענומען האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַן עקזאטישע, מיסטישע בראָנז סטאטועטקע פון אקאפּריזנעם קינסטלער אויסגעגאָסען.

הלוי האָט צו זיך געזאָגט: „זי איז אַ קינסטלערין. אַן אנדערע מיט איהר אויסזעהן וואָלט געווען מיאוס, נאָר זי איז דאָ די שעהנסטע"...

אָהן צערעמאָניעס איז ער צוגעגאנגען צו איהר, זיך פאָרגעשטעלט, שטאָלץ ווי איינער פון אַ פּעדעסטאל געהט ארונטער, און זאָגט צו דער פרוי: „זעהסט, איך בין צו דיר געקומען פון דער הויך און בויג זיך פאר דיר, ווייל דו ביסט אַ שעהנע פרוי!" זיי האָבען זיך אָנגעקוקט, זיין בליק איז געווען ווייך פונ'ם ווייך און אנטציקונג, איהרער — טייוועלש שוואַרץ.

— איך האָב געהערט, אז איהר שרייבט ליעדער, קאָלעגין צילה? אינטערעסאנט! אַ מיידעל וואָס שרייבט ליעדער!

— און וואָס טוט איהר, איהר גראַוערט אייערע ליעדער אויף העלפאַנט־ביין? אָדער איהר קריצט זיי אין גאָלד? איהר שרייבט און מעקט און שרייבט איבער ביז איהר קריגט דעם גע־ווינשטען קלאַנג, נישט אַזוי? און אַז דער רעדאַקטאָר וויל, בראַ־קירט ער זיי אויס. יאָ, אַזוי איז עס דאָך?

הלוי איז געווען צופיעל פאַרווירט פונ'ם ווייַן און לויבנגע־זאַנגען צו קענען כאַפּען איהר בייסיגען טאָן, מיט וועלכען זי האָט געוואָלט צוריקשטויסען זיין נישט־חבר'שאַפטליכען „קאָלעגין צילה".

ער האָט געלאַכט, איהם איז דאָס געפעלען. כאַראַקטער, האָט ער געקלעהרט, זי האָט כאַראַקטער!

שפּעטער, ווען זי האָט אויך געטרונקען ווייַן, איז זי גע־וואָרען אַביסעל ווייבליכער, געלאַכט, געזונגען און קאָקעטירט אויף איהר שטיינער.

הלוי האָט אָנגעגאָסען צוויי פולע גלעזלאַך ווייַן און איהר געבעטען טרינקען מיט איהם אַ טאָסט.

— אויף וואָס טרינקען מיר? — האָט צילה אַרויספאָדערע־רענדיג איהם געלאַכט אין די אויגען אַריין.

— אַז דו זאָלסט זיין מיינע! — האָט הלוי אַרויסגעזאָגט שטיל, אָבער מיט אַ פעסטער שטים און געוואָלט צוטראָגען דאָס גלעזעל ווייַן צו די ליפּען.

מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון אַ חיה, האָט צילה איהם אַרויסגעשטויסען דאָס גלעזעל פון דער האַנט, דער ווייַן האָט זיך אויפ'ן פאָל אויסגעגאָסען און דאָס גלעזעל איז צובראָכען גע־וואָרען.

ביידע זיינען געבליבען דערשראָקענע, הלוי מיט אַ געפיהל פון אָבערגלויבען און צילה מיט אַ מיידעלשען שרעק...

דעם גאַנצען אָווענד נאָך דעם, האָט צילה געקוקט אויף הלוי'ן מיט אַנטציקונג. עס איז איהר געפעלען זיין פרייע חוצפּה... האָט דען דאָס ניט יעדער קלוגע דיכטער די אייגענע ווערטער פאַרשווינגען אויף אַ מיאוס'ערען שטייגער... אַזוי דאַרפען

קינסטלער זיין, קינסטלער כאַפּען נישט... און פּרעסען נישט... זיי נעהמען מענשען און זאָכען רוהיג און שעהן.

און הלוי איז איהר נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצען אָווענד מיט צוויי כוס'עס וויין; איהם האָט דאָך געמוזט געלינגען זיין טאָסט...

און ווידער אמאָל זיינען זיי ביידע געשטאַנען מיט צוויי כוס'עס וויין, פּנים אל פּנים און ווידער אמאָל האָט זי טראַציג איהם ארויס־געפּאָדערט:

— אויף וואָס טרינקען מיר?

— אז איך זאָל זיין דיינער! — האָט ער אונטערגעבען גע־ענטפערט.

און צילה האָט לאַנגזאַם אויסגעטרונגען דעם כוס וויין ביז'ן דעק.

אין צוואַנציג יאָהר אַרום.

זיי זיינען ביידע געזעסען אין א דערבייאיגען פּאַרק. ער האָט זי געקושט און זי, די שטילע, פרומע שבע האָט זיך ניט געוועהרט. ער, הענעך, איז איהר חתן; היינט אָווענד געזעגענען זיי זיך און מאָרגען פריה פאַרלאָזט ער אויך אַ יאָהר צייט אמעריקא. איבעראַיאָהר קומט ער צוריק און זיי וועלען חתונה האָבען.

אַלץ איז געווען קלאָהר, זיכער און באַשטימט. נאָר שבע האָט געוויינט... דאָס הארץ האָט איהר שלעכטס פאָרגעזאָגט, א מיי־דעל'ס הארץ...

— הענעך, דו וועסט מיך פארגעסען — האָט שבע זיך אין איהם געטוליעט.

—איך דיך פארגעסען? שבע! ביזט דאָך מיין כלה. האָט שבע געשמייכעלט דורך פארטרערטע אויגען.

— זאָלסט מיר שרייבען יעדען טאָג, הערסט הענעך, אַלע טאָג א בריוועלע.

— ווי דען? זיכער, ביזט דאָך מיר מיין גאַנץ לעבען, מיין נשמה, און דו, שבע'לע, זאָלט מיך אויך ניט פארגעסען.

— איך דיך פארגעסען? זאָל גאָט אָפּהיטען! ניין, ניין, איך האָב ניט געמיינט גאָט... — האָט זיך שבע פארענטפערט, רויטווערענדיג.

— איך האָב דיר געזאָגט, שבע'לע, אז דו מעגסט גלויבען ביז דו וועסט זיך אַליין איבערצייגען...

—ביזט אַזאַ וואוילער, הענעך!

האָט הענעך זי ווידער געקושט און עס איז איהם געווען, אַי

טרויעריג, אי גוט אויפ'ן הארצען. עפּעס היינט אָוועגד, איז ער אליין ניט געווען זיכער, צי איז טאקע ניטאָ א גאָט אין הימעל... און עס האָט איהם גראָד הנאה געטאָן וואָס שבע גלויבט יאָ... ער האָט געפיהלט, אז מחמת זי גלויבט יאָ, וועט זי אָן איהם ניט פאר־געסען..

יאָ, שבע'ן מעג מען גלויבען און טרויען. און וועגען זיך איז ער דאָך זיכער... ער האָט קיינמאָל אזוי שטארק א מיידעל ניט ליעב געהאַט.

— הענעך!

— יאָ, מיין לעבען.

— אז דו וועסט צוריק קומען, זאָלסטו מיר ברענגען היימישע גאָפּעל־מעסער.

— געווים, און וואָס נאָך?

— און פון פּאריז זאָלסטו מיר מיטברענגען אָן אָנדענקען זיידענע שפּיצען און א שעהנע בראָשקע — האָט זיך שבע גע־רויטעלט וואָס זי בעט כלה־מתנות.

— אודאי, און א שנירעל קרעלען וועל איך דיר אויך ברענגען.

—און דו וועסט צופאָהרען קיין טאוורוג זיך זעהן מיט מיין שוועסטער?

— זיכער, ווי דען?

עס האָט אָנגעהויבען שפּריצען א דריבנער הערבסט־רעגען, און זיי האָבען געמוזט פאַרלאָזען דעם פּארק. האָט ער זי געבעטען:

— קום ארויף צו דיר אין צימער.

— איך קען ניט, הענעך, איך האָב מורא פאר דער מאַמען...

— מיר זיינען דאָך חתן־כלה.

— יאָ, אָבער די מאַמע ווייסט ניט. זי האָט מורא פאר דיר. אז דו האָסט אָנומעלט פאר איהר אָנגעהויבען ריידען וועגען „אויס־לייזען די וועלט" און „באַפרייען די מענשען", איז זי פארציטערט געוואָרען. און, אז דו רעדסט וועגען גאָט, פלאַצט זי ממש פון כעס און הארצוועהטאָג.

— נו, און דו, שבע?

— איך האָב ניט מורא. איך מיין, אז אפשר ביזטו גערעכט...

א רעגען האָט אָנגעהויבען פּאַטשען אין די פּנים׳ער. דאָס הויז, וואו זי האָט געוואוינט, איז געשטאַנען דערנעבען דעם פּאַרק און ער האָט זי צוגעפיהרט.

זי האָט זעהר שטאַרק געוואָלט איהם זאָגען, אז זי וועט זיכער די גאַנצע נאַכט טראַכטען פון איהם. נאָר דאָס לשון האָט איהר אָפּגענומען... זי האָט זיך געראַנגעלט, געוואָלט גראָד זיין פאַר־שייט... און איהם דאָס זאָגען, אָט ווייל איהם... און ער וועט זי אפשר דערפאַר דאָס גאַנצע יאָהר געדענקען... נו, האָט זיך די צונג איינגע׳עקשנ׳ט און ניט געוואָלט. און מחמת זי האָט איהם ניט געקאָנט זאָגען, אז זי וועט די גאַנצע נאַכט פון איהם טראַכטען, האָט זי גאָר ניט געזאָגט...

— פאַרפעהל ניט קומען מאָרגען צום שיף!...

— יאָ, אודאי...

אויף מאָרגען ביים שיף איז געווען א טומעל, א הו־האַ און זיי האָבען גאָרניט געקענט ריידען. עס איז געוואָרען א קושעריי און שבע האָט אָפּגעוואַרט אויף לעצט.

אויפ׳ן וועג אהיים האָט דער מח זיך איהר געדרעהט ווי א שפּינדעל אין א וועב־מאַשין: א יאָהר... אין א יאָהר אַרום.... איבער א יאָהר... איין חודש... צוויי חדשים... דריי... זעקס... ניין... און צוועלף! אָה, גוואַלד!... אָט געדענקט זי ניט ווי ער האָט אויסגעזעהן!... יאָ, זי געדענקט... הויך, מיט שוואַרצע אויגען און די הענט גלעטען ווי זייד... און ער שמייכעלט קלוג און האָט א גאָלדען האַרץ... און בעת ער קושט, פאַרטרויט ער מיט׳ן קוש א סוד...

דאָס איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק...

. . . .

און היינט, אין צוואַנציג יאָהר אַרום, אז שבע׳ן ווערט אומע־טיג, געהט זי צו אין פּאַרק, וואו זיי זיינען דעם לעצטען אָוונד געזעסען און זי דערמאָנט זיך וואָרט פאַר וואָרט... די גאַנצע

צוואַנציק יאָהר זיינען דאָך אַוועק ווי דאָס ערשטע יאָהר... איין חודש, צוויי חדשים... דריי... זעקס... ניין... און צוועלף.

די האָר זיינען גרוי, די אויגען וויסט, דאָס האַרץ אויסגע־בענקט... אַן אַלטע... אַן אומעטיגע... אַן איינגע׳עקשנ׳טע... דער מאַמען אין קבר געטריבען... אָבער זי וואַרט... איין חודש, צוויי... דריי... זעקס... ניין... און צוועלף חדשים... ער וועט קומען...

אין פאַרלויף פון די צוואַנציג יאָהר, האָט זי געוואוסט אויף אַזוי פיעל פון איהם: ער האָט אין אייראָפּאַ חתונה געהאַט, ווידער אַמאָל געקומען קיין אַמעריקאַ און דאָ געלעבט אין פרייע באַציהונגען מיט פאַרשיידענע פרויען. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטען, געלעבט אָפּגעזונדערט אין האַרץ־וועהטאָג און בזיון...

וועניג מענשען זיינען פאַרבליבען, וואָס האָבען געוואוסט וואָס מיט צוואַנציג יאָהר צוריק איז געווען... זי האָט מעהר ניט גע־וואוסט וואו ער איז אַהין געקומען און געוואַרט איין חודש, צוויי חדשים... דריי... זעקס... ניין... און צוועלף.

און אַז אַן אומעט און שטאַרקער בענקען איז זי באַפאַלען איז זי געגאַנגען אין פאַרק... די זעלביגע באַנק איז נאָך געשטאַנען אויף איהר אָרט... איז די באַנק געווען אַ ליידיגע האָט זי זיך אַנידערגעזעצט און ס׳איז פאַר איהר געוואָרען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק... איז ווער געזעסען, האָט זי פאַרדראָסען וואָס אַנדערע מענ־שען אונטערשטעהען זיך גאָר זעצען אויף דער באַנק. אָפּט איז איהר דאָס האַרץ ווייך געוואָרען און זי האָט רחמנות געקראָגען אויף דעם מיידעל וואָס איז אויף דער באַנק געזעסען... זי וואָלט צוגעהן און איהר וואַרנען, אַז׳ אויף דער באַנק טאָר מען ניט זיצען, אַן אומגליק קאָן געשעהן...

פאַרגאַנגענע וואָך האָט זי געזעהן אַ פינף און פערציג יעה־ריגען מאַן אַרומשפּאַצירען איבער׳ן פאַרק, זי וואָלט געשוואָרען, אַז דאָס איז געווען העניך... נאָר ס׳איז דאָך ניט געווען ער. ער וואָלט זי דאָך דערקענט... און דער איז געווען אַ פעטער, אויסגעזעהן אַלט און מיט אַ מאָרנער מינע, ס׳האָט ניט געקאָנט זיין העניך...

זינט יענעם אָוונט איז זי יעדען אויפדערנאַכט אומגעגאַנ־
גען איבער'ן פּאַרק... אפשר וועט זי איהם נאָך אַ מאָל באַגעגענען.
ער דערמאָנט איהר אַזוי אָן הענעך'ן... אפשר זעהט שוין הענעך
היינט אויך אַזוי אויס...

און נאָך אָן אָוונט האָט זי געזעהן אומשפּאַצירען דעם מאַן.
יאָ, זי וואָלט שווערען, אַז דאָס איז ער, הענעך, הענעך אין צוואַנציג
יאהר ארום. נאָר פאַרוואָס זעהט ער זי ניט? זי איז איהם דאָך אַזוי
נאָהנט פאַרבייגעגאַנגען... דאָס האַרץ האָט אין איהר שיער ניט
אויפגעהערט קלאַפּען... נאָך אַ מאָל פאַרביי געגאַנגען... זי האָט
איהם אין די אויגען אַריינגעקוקט און ער האָט זי ניט דערקענט.
קאָן דאָס מעגליך זיין?... אָט קוקט ער זי אָן מיט אויגען וואָס
פרעגען: אידענע וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר?...

— הענעך! — איז איהר דער נאָמען פון די ליפּען אַראָפּ־
געפאַלען.

דער פינף און פערציג יעהריגער מאַן אין'ם פרעמדען פּאַר־
קעל איז אויפגעשפּרונגען:

הענעך? ! יאָהרען און יאָהרען אַז ער האָט דעם נאָמען ניט
געהערט, ווער, אויסער זיין מאַמע האָט איהם ווען־עס־איז גערופען
הענעך?... אין רוסלאַנד האָט מען איהם גערופען גענריך, אין
פּאַריז אַנרי, און דאָ אין אַמעריקאַ הענרי. אָבער הענעך, ווער
אין גאָט'ס נאָמען קאָן דאָס זיין?... אָן אַלטע אידענע, רופט איהם
אָן אין אַ פּאַרק הענעך!... איז זיין מאַמע פון קבר אויפגעשטאַנען?

הענעך, דאָס בין איך שבע.

— שבע! ווער שבע?

— איך שבע, דיין כלה.

— איהר זענט שבע?... ניין, שבע איז געווען אַ יונגינקע
מיט בלאַנדע האָר און בלויע אויגען!

— ביזטו דען ווי געווען הענעך? ביזט אויך געווען אַ יונגער...

— יאָ, טאַקע שבע! דיין קול!... קום אהער זעץ זיך שבע,
וואָס מאַכסטו?...

— זעהסט דאָך! — האָט זי שטיל געענטפערט. נאָר אַ

סקרוך ווי פונ׳ם קבר איז איהם אריבער איבער אלע אברים פונ׳ם „זעהסט דאך".

— לאמיר זיך זעצען שבע, דערצעהל מיר אלץ...

— אט, קום אויף יענער באנק...

זיי האבען זיך געזעצט. העגעך האט מיט אן איינגעהאל־טענעם הארץ־קלאפען געשוויגען.

—פארוואס האסטו מיר ניט געשריבען ?

— זאל איך געדיינקען אין צוואנציג יאהר ארום, פארוואס איך האב דיר מיט צוואנציג יאהר צוריק ניט געשריבען ?

— איך געדיינק אלץ :

— אט אויף דער אייגענער באנק זיינען מיר געזעסען, ס׳איז אויך געווען סוף יאהר... דו האסט זיך מיט מיר געזעגענט און איך האב דיך געבעטען ברייגגען היימישע גאפעל־מעסער, זיידענע שפיצען און א בראשקע, אז דו וועסט צוריק קומען. און דו האסט מיר נאך צונעזאגט ברייגגען א שנירעל קרעלען אויך...

— און דו געדיינקסט דאס אלץ ביז אויף היינטיגען טאג ? שבע, ס׳איז דאך שוין אפשר א צוואנציג יאהר !...

— יא, טאקע צוואנציג יאהר און איך געדיינק דאס ווי נעכטען וואלט דאס געווען...

דער פרעמדער פינף און פערציג יעהריגער מאן האט ניט געוואוסט וואס צו זאגען דער אלטער שבע׳ן וואס האט אלץ געדיינקט ווי נעכטען וואלט דאס געווען...

— און אין טאווריג ביי דער שוועסטער ביזטו אויך ניט צונעפאהרען ?...

— שבע, לאמיר רעדען פון וואס היינט איז. דערצעהל מיר בעסער... דערצעהל... האסטו חתונה געהאט ?...

— חלילה, איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך וועל אויף דיר ווארטען, געדיינקסט ניט ? אט יענעם אווענד פאר דיין אוועק־פאהרען ?...

— שבע, איך בעט דיך, לאז אפ, וואס ס׳איז געווען אמאל,

היינט בין איך שוין אן עלטערער מענש, איך האָב שוין א טאָכטער.. ווי דו ביזט אמאָל געווען... זי איז היינט א כלה...

—א כלה! — האָט זיך שבע א כאַפּ געטאָן — א כלה, זעה נאָר אז איהר חתן זאָל ניט אוועקפאָהרען פון אמעריקא...

און דער עלטערער הענעך, דער אמאָליגער געגריך, אגרי אָדער הענרי איז פארציטערט געוואָרען פון דער ווארנונג... טרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען און ער האָט געוואָלט זאָגען: זאָל גאָט היטען...

— מסתמא האָט גאָט אזוי געוואָלט שבע...

— גאָט? ! — האָט זי א געשריי געטאָן — ס'איז דאָך ניטאָ קיין גאָט!

— שבע, שבע, וואָס ווייסען מיר?...

— ניין, הענעך, קיין גאָט איז ניטאָ, ביזט געווען גערעכט...

— שבע, קום צו מיר אהיים, איך וועל דיך באקענען מיט מיין ווייב און קינד...

— וואָס וועל איך טאָן ביי דיר אין דער היים?

אָט דאָ וואוין איך אין דעם זעלביגען הויז, געדיינקסט?

— שבע, לאָמיר זיין פריינד, שבע, איך בעט דיך, האָב אויף מיר רחמנות.

און אז הענעך האָט געבעטען רחמנות, האָט זי אָנגעשפּארט איהר גרויען קאָפּ אָן זיין אקסעל און טרערען צוואנציג יאָהר אלט האָבען זיך דערשלאָגען צום אויג...

ער האָט איהר געקושט מיט חרטה אויף וואָס ער האָט געטון און שבע האָט זיך צוואויינט. דאָס ערשטע מאָל, אין צוואנציג יאָהר ארום.

אינהאַלט:

ערשטע אַבטיילונג — מאָדנע מענשען

	זייט
אַ דאָלאַר	8
די אילוזיע	25
מיינע...	33
אַ בימער שפּאַס	38
האנאלע	46
שאַליטא	52
די עלטסטע מאַכטער	59
אַ מאָדנע הויז	66
דרך ארץ	81
מטושטש	87

צווייטע אַבטיילונג — יחום

יחום	97
דער אַלטער שלמה אורדאַנק	104
אויף דער עלטער	112
דאָס הויז מיט'ן גרינעם גאַניק	120
אַ היימישע פאַמיליע	129
עלענדע קינדער	135
טאָדע ראָדע'ס טעכטערל	156

דריטע אַבטיילונג — די וואָס שווייגען

אַ דאַמסקער שניידער	169
די יונגע מומע	176
דער שמעטערלינג	182
אסתר	189
ס'פרעסטעלם	196
דער באַרג־גייסט	201
הערינג	208
אַ קאָוונער איד	215
די ברוגז'ע	220
דער אַנגעפּודערטער מת	231
אויפ'ן בית עולם	235
דער טאָסט	240
אין צוואַנציג יאָהר אַרום	245